NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09988

YUNGVARG

Y. Krepliyak

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יונגוואַרג

פון

יעקב קרעפּליאַק



צייכענונגען
פון
נאָטע קאָזלאָווסקי

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

ארויסגעגעבן פון
פארלאג „מתנות“
באם
שלום עליכם פאלק אינסטיטוט.

Copyright, 1935
By Jacob Kreplak
New York, N. Y.

Myold Printing Co., Inc.
161 Grand St., New York

מיינע ליבע קינדער
שולקען און מערין

אינהאַלט:

אמעריקע

שווארץ און ווייס — 9
הונגער — 33
געלט — 40
חרטה — 48
סידני — 56

פון דער אלטער היים

קאשטאַן — 65
א מעשה וועגן א גליטש — 76
איינגעבראָכן — 85
עלינו לשבח — 94
זשעף און מארקיז — 97
דער פארלאָזענער פויגל — 103
מלחמה — 107
א מאמע — 113
דער פויגל־כאפער — 118
א געשלעג — 127

לעגענדעס

דאָס אייביקע לעבן — 135
משיח׳ס קרוין — 153
דאָס אינגל וואָס האָט געהערט סאראסאטען — 167
דער טעמפל פון רחמנות — 185
ווערטער פארטייטש — 191

אַמעריקע

שוואַרץ און ווייס

ליפּע לעהרער'ן.

.1

פאַרבייגייער אויף פּוירל-סטריט האָבן געוויינטלעך, גאָר קיין אַכט ניט געלייגט, וואָס פון מיטן טראָטואַר האָט זיך מיט אַ מאָל אַרויסגערוקט אַ מענטשלעכער קאָפּ, ווי ער וואָלט פון דאָרט פּלוצלונג אַרויסגעוואַקסן.

פון אַ פיר-עקיגער עפעֿנונג מיט אַן אָפּגעדעקטער פאַרזשאַווער-טער אייזערנער טיר, ביי דער זייט פון אַן אַלטער „בילדינג", האָט זיך באַוויזן דאָס פּנים פון אַ נעגערטע מיט גרויסע פולע, פייערדיקע אויגן.

איבער פּוירל-סטריט איז דער הימל געווען אַן אייזערנער — אַ געפלעכט פון שטאָלענע רעלסן, דריי-עקן, ריוועטן און קראַנשטיי-נער איבער וועלכן עס פלעגט אויבן אין הימל יאָגן דער „על". דער אייזערנער הימל איז געהאַנגען שווער איבער דער גאַס, האָט זי צו-געדריקט און פאַרפינצטערט.

מענטשן האָבן ניט ליב צו גיין מיט אַזוינע גאַסן, און די געציילטע דורכגייער האָבן פאַרשטייט זיך, דער נעגערטעס אויגן ניט באַ-מערקט, ווי דער נעגערטע אין גאַנצן. ווען זיי זעען די זעלביקע אויגן אין די „מואַווים", אין דער פינצטער אויפן עקראַן, וואָלטן זיי די גרויסע שוואַרצע אָנגעשטרענגטע אויגן געווים אָנגענומען פאַר די אויסדרוקספולע „וועמפּישע" אויגן פון אַ פּאָלאַ נעגרי, אָדער אַן אַנ-דערער מואַווי-אַקטריסע. געווים, האָבן די ווינציקע פאַרבייגייער גע-וואוסט, אַז פּוירל-סטריט איז ניט קיין מואַווי-טעאַטער, אַז די נע-

גערטע איז ניט קיין מאַווי-אַקטריסע, נאָר זיכער אַ „דזשעניטאָרין”, וואָס שלעפּט עפּעס פון קעלער אויפן טראָטואַר אַרויס.

דאָס האָט טאַקע אַ שוואַרצע דזשעניטאָרין געשלעפּט אַ שווערע אַש-קאַן, ניט פאַר אירע כוחות. מיט די טרעפּ פון קעלער אויפן טראָ־טואַר אַרויף. פון גרויס אנשטרענגונג זענען איר די אויגן געקראָכן פון די לעכער, געווען פול מיט בייזקייט, ווי אָנגעפילט מיט קללות.

מיט אַמאָל האָבן אירע אויגן זיך אַ דריי געטאָן און מיט אַנגסט אָנגעהויבן אַרומטאַפּן דעם אַלטן, אויסגעטראָטענעם, אויסגעקרימטן טראָטואַר, זיך אָפּגעשטעלט אויף איין פּונקט און גענומען בייטן זייער אויסדרוק. זיי זיינען געוואָרן זאָרגפול, ווייך, און ליבשאַפט האָט אַ פינקל געטאָן.

אַ נעגער-אינגל, מיט אַ קעפּל געקרויזטע שוואַרצע וואָל, מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגן, ווי ביי איר, איז געלעגן צונויפגעדרייט בא דער וואַנט פון דער „בילדינג”.

— וואו ביסטו, זוניו?

ווייניק מענטשן האָבן געוואוינט אויף פּוירל-סטריט, אַלץ „לאָפט-בילדינגס” און לעדער-סקלאַדן, וואָס האָבן די צוגעדעקטע גאַס אָנ־געפילט מיט שווערע ריחות. די מויערן האָבן אויסגעקוקט, ווי ווענט פון אַ פאַר'חושכ'טן טונעל. מער ניט, די זומערדיקע זון האָט זיך איצט דורכגעריסן דורכן אייזערנעם געוועב און מאָדנע פאַנטאַסטיש צעקעסטלט די טונקעלע גאַס אין שוואַרצע און העלע פלעקן.

דאָרט, ביי דער וואַנט, האָט זיך דורכגעריסן אַ זונען-פלעק, ווי אַ פיר-עקיק ליכטיק קעסטעלע. דאָס נעגער-אינגל האָט זיך אינ־גאַנצן צונויפגעדרייט, צונויפגעקאָרטשעט, ווי ער וואָלט וועלען אינ־גאַנצן זיך איינפּאַסן אין דעם ליכטיקן וואַרעמען קעסטעלע.

די שוואַרצע האָט האַלדזיק און ברוסטיק ווייטער גערעדט:

— ביסט דאָ, דזשימי? גוט, ביסט אַ טייערער זונדל, וואָס דו פאָלגסט און גייסט ניט אַראָפּ פון טראָטואַר. זאָלסט מיר דאָ זיין די גאַנצע צייט, זאָלסט ניט אַראָפּ פון דאַנען, מען וועט דיך איבער־פאָרן.

באַ דער מוטערס קול, האָט זיך דאָס נעגער־אינגל אויסגעגלייכט, זיך אַוועקגעלייגט אויפ׳ן בייכל און גענומען אַרויסוואַרפן הענט און פיס.

— וואָס טוסטו, זוניו?

— איך שווים, מאַ.

די דזשעניטאָרין איז שוין געשטאַנען אַ לאַכענדיקע לעבן איר אינגל.

— וואו האָסטו אַ וואַסער, זוניו?

— כ׳לערן זיך, מאַ.

די שוואַרצע פולע מאַמע האָט מיט אַמאָל זיך אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט אין די היפטן און זיך צעטרייסלט פון געלעכטער אויפן קול. אָבער אויבן איז אָנגעלאָפן אַ „טריין״ און האָט זיך עפּעס ווי צעבייזערט מיט גרילץ און מיט דונער. די שוואַרצע האָט דערפילט, אַז זי האָט אויפגעהערט צו הערן איר אייגן געלעכטער, האָט זי אויפגעהערט לאַכן, נאָר מיט האַסט אַ כאַפּ געטאָן איר אינגל אין די אָרעמס, צוגעדריקט צו זיך, און גענומען קושן.

דזשימין, ווייזט אויס, איז ניט אָנגעשטאַנען וואָס די מאַמע קושט אים, ווי מען קושט אַ קליין קינד. האָט ער זיך געוועהרט און געריסן פון אירע הענט. זי האָט אים אַראָפּגעלאָזט צוריק, אונטערגעשפּאַרט די הענט אונטער די זייטן און מיט מאַמעשער שטאָלץ געדעדט צו איר אינגל, אויף איר האַלדזיקן ענגליש:

— סאָני, יור פאָני, ביסט אַ חווק זונדל, ביסט דאָך שוין אַ גרויסער באָי, מען קען ניט שווימען אויפן גלייכן טראָטואַר. דאָס וואַסער צו באָדן זיך, איז ווייט... האָט זי אַוועיז געטאָן מיט דער האַנט פון גאַס אַרויס.

— וואו, מאַ?

— דאָרטן, אַ הינצו מוז מען פאָרן מיטן טריין, מיט אַ „באָס״, אָדער אַ „מאַשין.“

— איך קען טרייבן אַ מאַשין, מאַ, ווילסט זען?

און דאָס שוואַרצע אינגל הויבט אָן קערעווען מיט די הענטלעך,

ווי ער וואָלט געהאַלטן דאָס קאָנטראָל־ראַד פון אַן אויטאָ, קלאַפּן מיט די פיס אַן טראַטואַר, אָנבלאָזן די בעקלעך און אַרויסלאָזן אַ מעקענע שטימעלע — דאָס בלאָזט דער האָרן...

די מאַמע קאַטשעט זיך פון געלעכטער, די מוסקולען און די גרויסע אויגן שפּרינגען אַזש אויפן רונדן פּנים. די הענט פּאַטשן אין די היפּטן און זי קרייעט אַזש פון גרוים הנאה.

— אַ, זוניו, הער אויף, הער אויף, איך שטאַרב פון געלעכטער.

די מאַמע האָט גאַרניט באַמערקט ווי אַ פאַרבייגייענדיקער נעגער האָט זיך אויף איר לאַכן — הינטער איר אָפּגעשטעלט, געכאַפּט אַ קוק און באַלד האָבן זיך בא אים צעפינקלט די אויגן און די ציין. ער איז נאָך געשטאַנען אַ ווייל, זיך צוגעהערט, ווי זי קרייעט אַלץ — „אוי, זוניו, הער אויף, איך שטאַרב,“ האָט ער מיט פלוטאָוואַטן ערנסט אַ ווייז געטאָן אויפ׳ן אינגל און פלוצלונג זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז עס: אַ אינגל, צו אַ מיידל?

דזשימי איז געגאַנגען אַזוי אָנגעטאָן, אַז ס׳איז טאַקע געווען שווער צו דערקענען.

די האָר געקרויזטע, ווי אַ מיידעלשער „באָב“, אין אַ פּאָר פּרעמדע, צו־ברייטע הויזן, וואָס די מאַמע האָט, ווייזט אויס, אונטער־געהאַקט פון אַ דערוואַקסענעם, אָבער ניט פאַרשמעלט, האָבן די ביידע איינצעלנע הייזקעס עפּעס זיך צעגויפגעגאָסן ווי אין איין „קליידל“. דערצו, אַ דין סוועטערל, וואָס אים האָט געקענט טראָגן אַ אינגל אָדער אַ מיידל. בלויז די שיך אויף די פיסלעך, זענען געווען גרויסע מאַנצבילשע מיט פאַררייסענע ברייטע שפּיצן.

דער דערוואַקסענער שוואַרצער — אַ מאַגערער, אַ לאַנגער, האָט אָפּגעפרעגט זיין פראַגע, נאָך מער צעפינקלט די אויגן און די ציין, נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפער, און פּאַמעלעך גענומען אַוועקגיין, פּאַכנדיק זיגעריש מיט די הענט, און ווי עס ווייזט אויס, זייער צופרידן פון זיין אייגענעם שפּאַס.

די דזשעניטאָרין האָט איצט דערשלונגען איר געלעכטער. אַ ווײַלע איז זי געבליבן צעטומעלט. באַלד האָבן זיך ביי איר די אויגן ווילד

אַ דריי געטאָן, געוואָרן שרעקלעך: אַזאַ באַליידיקונג! איר אינגל! זי וועט אים ווייזן דעם מיאוסן שוואַרצן, זי וועט אים מיט עפּעס טרעפן אין קאָפּ, זי וועט אים אויף איר טראָטואַר ניט אַרויפלאָזן, נשקשה, זי קען אים... און אַ כאַפּ געטאָן אַ בעזעם פון האָל.

דער לאַנגער שוואַרצער האָט דערזען, אַז זי הויבט אים אָן נאָכגיין, האָט ער נאָך שטאַרקער צעוויגט די הענט און אָנגעהויבן שטעלן גרעסערע שפּרייזן. מיט קולות איז אים די שוואַרצע מאַמע נאָכגעלאָפן, ביז וואַנען דער שפּאַסיקער נעגער האָט זיך פאַרקירעוועט הינטערן ראָג.

— וואַרט, מאַ, איך וועל אים דעריאָגן, — און דזשימי האָט זיך אַ לאָז געטאָן.

די מאַמע האָט אויפגעהערט צו שרייען אויפן שוואַרצען און אָנגעהויבן נאָכלויפן און שרייען צו דזשימין:

— לויף ניט, וואו לויפסטו? לויף ניט צו דעם מערדער, ער וועט דיך נאָך שלאָגן... זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דזשימין פאַר אַ האַנט און אים צוגעהאַלטן לעבן זיך.

פון הינטערן ראָג האָט זיך דערווייל פאַרזיכטיק אַרויסגערוקט דאָס לאַכענדיקע פּנים פון לאַנגן שוואַרצן, ווי ער וואָלט זיך נאָכאַמאָל אַ רייץ געטאָן מיט איר, און באַלד צוריק פאַרשוואונדן.

די באַליידיקטע מאַמע איז געבליבן שטיין, ווילד געקוקט אויפן אָרט, וואו דער נעגער האָט זיך באַוויזן פון הינטערן ראָג, אין איין האַנט פעסט געהאַלטן דזשימין, און די צווייטע האַנט געטרייסלט אין אַ פויסט, און געשריען.

דזשימי פאַרקוקט דער מאַמען אין די אויגן:

— ער'ט גיין צוריק, וועל איך זיך מיט אים שלאָגן.

אָ, מיין איינציקער, מיין דזשימעלע,—ווערן ווידער גוט די אויגן בא דער מאַמען, — מיין טייערער, דריקט זי אים ווידער צו זיך, זאָלסט אים טאָקע ניט שווייגן, ער איז אַ שלעכטער, אַז דו וועסט אים דערזען, זאָלסטו מיך גלייך אַ רוף טאָן, איך וועל אים שוין אויף מיין טראָטואַר ניט אַרויפלאָזן...

די מאַמע האָט מיט האַסט זיך ווידער גענומען צו דער אַש-קאַן, אַרויפגעשלעפּט אויפן טראַטואַר, און ווידער גענומען ריידן צו איר אינגל:

— נו, איצט גיי איך אין דער צווייטער בילדינג. דאָ שפּיל זיך, געדענק, זאָלסט מיר ניט אַראָפּ פון טראַטואַר. דאָ זאָלסטו בלייבן, וועסט אַראָפּ, איז זאָל גאָט אויסהיטן, וועט מען דיך איבערפאָרן, זאָלסט ניט אַראָפּ פון טראַטואַר. אויב איך וועל דיך געפינען ווי נעכ-טן אויף דער צווייטער זייט, וועל איך דיך שלאָגן און פון קעלער ניט אַרויסלאָזן. מען וועט דיך איבערפאָרן... וועסט ניט?

— ניין, מאַ.

— אַזוי, מיין איינציקער, געדענק, זאָלסט ניט אַראָפּ.

דזשימי קען שוין גוט דער מאַמעס רייד: ניט אָפּטרעטן פון דאַנען, ניט אַראָפּ פון טראַטואַר, מען וועט אים איבערפאָרן... ער זאָגט צו, ער וועט ניט גיין. אָבער אין דער אמתן, ציט אים אַוועק-צוגיין פון דאַנען, ווי מיט צוואַנגען. דאָ אין גאַס איז פינצטער, אין קעלער, וואו די מאַמע וואוינט מיט אים, איז פינצטער. דאָרטן, ווייטער, ווייס ער, איז ליכטיק, גוט, ניט ווי דאָ.

ווי אַ פלאַנץ האָט דזשימי זיך געצויגן צו דער זון, אַהינצו, וואו עס איז ליכטיק און זוניק. אָבער מען טאָר ניט אַריבער די גאַס, מען וועט אים איבערפאָרן, וועט ער שוין בעסער בלייבן דאָ: „טרייבן אַ מאַשין,‟ „שווימען‟... אָט וועט ער אַוועקלייגן אַ הענטל אויפן טראַטואַר און זאָל עס זיך צעקעסטלען אין טונקעלע און העלע פלעקן. וואו עס איז אַ זוניקער פלעק, איז וואַרעם אַ מחיה! אים ווילט זיך האָבן אַזאַ וואַרעמקייט אומעטום, איבערן גאַנצן לייב. שטעלט ער אונטער דאָס צווייטע הענטל, זוכט אויס די גרעסטע זונען-פלעקן, ער ווייס שוין אפילו, אַז די פלעקן באַוועגן זיך, רוקן זיך איבער פּאַמעלעך און ער רוקט זיך מיט זיי צוזאַמען. ער וואָלט געוואָלט אין גאַנצן זיין אונטער איין העלן פלעק, אין גאַנצן, אפילו מיט די אויגן...

און ער פּרוּווט זיך טאַקע אויסלייגן אין דעם שמאָלן פּירעקיגן, ליכטיקן קעסטעלע, וואָס ליגט ווי אויסגעמאָלט אויפן טראַטואַר, די

אויגן אויך . . . און ער פאַרזשמורעט זיי און דרייט זיך צונויף, קאַר־טשעט זיך איין אין אַ קנײַלכל, ווי ער וואָלט טאַקע קענען באַווייזן זיך אַנידערצוליגן אינגאַנצן אין דער ליבער וואַרעמקייט פון שמאָלן פירעקיגן זונען-פלעק אויף פוירל-סטרים.

ניין, ער וועט פון טראָטואַר ניט אַראָפּ . . . אָבער ווען ער איז אין דרויסן און די מאַמע איז לאַנגע שעה׳ן אין דער צווייטער בילדינג, כאַפּט ער זיך צו צום ראָג . . . און נאָר צום ראָג? שוין ניט איינמאָל איז ער אַריבערגעלאָפן נאָך עטלעכע בלאָק ווייטער, און וואָס ער זעט דאָרטן!

אָ, דאָרט איז גוט, ער דאַרף שוין קיין זאַך ניט אונטערשטעלן, ער קען אפילו מיט די אויגן אין דער הויך ניט קוקן, און מאַשינען לויפן דאָ אַזוינע שיינע, קאָלירטע, גלאַנציקע. דאָ, לעבן זיי, זעט מען זעלטן אַזוינע. דאָ זעט מען נאָר שווערע, טונקעלע, גרויסע. דאָ איז ניטאָ די שיינע גרינע און רויטע ליכט, פון וועלכע ער קען די אויגן ניט אָפּרייסן, וואָס שטעלן אָפּ די מאַשינען און לאָזן זיי פאָרן ווייטער.

אָבער מער פון אַלץ, ציט אים אַהינצו, ווייל ער האָט דערזען ווי אינגלעך זיצן פון הינטן אויף די מאַשינען ביי די רעדער. ביים ערשטן מאָל זען, האָט עס אים דערשראָקן, אָט דרייט זיך אַריין דאָס אינגל אין ראָד, ווי די מאַמע וואָרנט אים שטענדיג. אָבער ער האָט שוין עטלעכע מאָל געזען, ווי זיי הענגען זיך אָן, ווי זיי שפּרינגען אַרויף און ער איז זיכער, אַז ער קען אויך אַזוי, ער וואָלט פּונקט ווי זיי, זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט באַ דער מאַשין און וואָלט זיך אָנגעהאַנגען. ער וואָלט געגאַרט אַזוי זיצן און פאָרן. באַזונדערס וואָלט ער געוואָלט מיטפאָרן אויף דעם גרויסן רויט-געלן „באָס”, וואָס איז פול מיט מענ־טשן. אָבער פאַר אים האָט ער מורא, ווייל איינמאָל, ווען פון הינטן אויפן „באָס“ זיינען געזעסן צוויי ווייסע אינגלעך, האָט ער דערזען, אַז דער באָס האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, די אינגלעך זענען האַס־טיק אַראָפּגעשפּרונגען און גענומען לויפן, זיי זענען צוגעלאָפן אַזש ביז אים. ער זעט, זיי זענען אַזוינע אינגלעך ווי ער, נאָר ווייסע און אַביסל גרעסערע. ביי זיך, לעבן הויז, האָט ער מיט קיינעם ניט זיך

צו שפּילן. קיינער וואוינט ניט אַרום. נאָר ער און זיין מאַמע. אָבער פאַרוואָס זענען זיי אַראָפּגעשפּרונגען און שטייען איצט לעבן אים און קוקן אַזוי אָנגעשטרענגט אויפן באַס. און אים זעען זיי גאָרניט? ערשט ער זעט. אַ מאַן, ווי אַ פּאָליסמאַן, האָט זיך באַוויזן פון „באַס" און שרייט עפּעס צו די אינגלעך פון דערווייטנס און ווייזט זיי אַ פויסט. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון די אינגלעך. פאַר אַזאַ „דרייווער" ווי אַ פּאָליסמאַן, וואָלט ער אַנטלאָפן צו זיך אין קעלער. אָבער צו זיין גרויס פאַרוואונדערונג, שטייען זיך די ווייסע אינגלעך רואיק, ווי עס אַרט זיי גאָרניט, נאָר זיי קוקן מיט איינגעגעסענע אויגן, ווי זיי וואָלטן בלויז געוואַרט, צו זיי דאַרפן ווייטער לויפן, צי ניט. און גלייך ווי דער טרייבער איז צוריק אַריין אין מאַשין און זיך גענומען רירן פון אָרט, האָבן די אינגלעך זיך אַ לאָז געטאָן פון אַלע פיס און צוריק זיך אַרויפגעכאַפּט פון הינטן בײַ די רעדער.

ער האָט עס אין אָנהויב גאָרניט פאַרשטאַנען, נאָר געקוקט און געקוקט, מיט זיין מאַמעס גרויסע אויגן אויף די אינגלעך און זיי, די ווייסע אינגלעך, האָבן ווי ערשט איצט אים באַמערקט, אַז ער שטייט און קוקט אויף זיי. האָבן ביידע ווייסע אינגלעך, ווי צונויפגערעדטערהייט, אים אַרויסגעשטעלט אַ צונג פון דער לויפנדיקער מאַשין אַראָפּ.

פון יענעם טאָג אָן, איז עס אים פון געדאַנק ניט אַרויס. אמת, אויפן „באַס" וואָלט ער מורא געהאַט צו פאָרן, צוליבן טרייבער, אָבער אויף די אַנדערע „מאַשינען" וואָלט ער זיכער געפאָרן. ער האָט ניט געזען, אַז אימיצער זאָל ניט לאָזן. קיינער טשעפּעט ניט. און עס האָט אים געצויגן צו יענער גאַס־קרייצונג עטלעכע בלאָק ווייטער, וואו עס פאָרן אַדורך די קאָלירטע, גלאַנציקע מאַשינען און וואו אינגלעך זיצן פון הינטן אויף די בופערס.

ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, ווייס ער אַליין ניט. ער האָט נאָר אָפּגעוואַרט די מינוט, אַז די מאַמע זאָל אַוועק אין דער צווייטער „בילדינג" אַרבעטן. באַלד איז ער מיט אימפּעט דורכגעלאָפן דאָס

שטיקל וועג און מיט אויפגעריסענע, צעשראָקענע אויגן, גענומען זיך איינעסן אין די פאַרביילויפנדיקע מאַשינען און געטראַכט אויף וועלכער קען ער זיך אַרויפכאַפּן.

ער האָט שוין אַלײן פריער גוט באַמערקט. ער ווייס שוין, אַז ער דאַרף וואַרטן ביז די מאַשינען וועלן זיך אָפּשטעלן אויף רויט, נאָכדעם נאָך צוּוואַרטן אַביסל, ביז זיי דאַרפן זיך נעמען רירן, ערשט, זיך אָנכאַפּן פון הינטן און ער וועט פאָרן!

אָט קומט אָן דער באָס, זאָל ער אפשר פאָרט אויף אים אַרויף? ניין, ער האָט מורא פאָרן טרייבער.

נאָר אָ, אָ! אַ גלאַנציקע קאָלירטע מאַשין איז אָנגעקומען, אַ גרינע מיט רויטע פּאַסן און געבליבן שטיין.

פלינק, באַוועגלעך, ווערן אים הענט און פיס. ווי אַ קעצל גיט ער זיך אײַנגאַנצן אַ שאַר צו; אַ כאַפּ אָן, אַ טוליע צו, און ער פאָרט שוין.

אייגנטלעך, האָט ער גאָרניט באַמערקט, ווי ער האָט אָנגעהויבן פאָרן, אַזוי אויפגערעגט איז ער געווען, נאָר ער האָט דערפילט, ווי עפּעס אינווייניק אין בייכל וואָלט אים אַ צי געטאָן און פאַרשטאַנען, אַז ער פאָרט שוין.

פון זיין זיץ אויפן בופער, זעט ער, ווי דאָס ראָד דרייט זיך און ער קען שוין עפּעס פון ראָד די אויגן ניט אָפּרייסן. דאָרט פון דער זייט, האָט ער נאָך פריער באַמערקט אַ ווייסע גלאַנציקע מעטאַלענע זאַך, ווי אַ פלעשעלע, פון וועלכער עס האָבן געשאָסן העזעלעך זון, אַזש ניט געקענט קוקן. איצט קען ער זיך פון דעם ניט אָפּרייסן. עס דרייט זיך אַרויף-אַראָפּ, אַראָפּ-אַרויף און אַלץ גיכער האַסטיקער.

דאָס ראָד האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן אין איין צונויפגעגאָסן שטיק. נאָר דאָס פלעשעלע איז געוואָרן אַ בליציק פינטעלע, און עס גיט אַ בליץ, אַ בליץ מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז עס ווערט אים קיל אין הערצל און ער נורעט איין דעם קאָפּ און טוליעט זיך צו צום ווענטל פון דער מאַשין, ווי ער וואָלט זיך געטוליעט צו דער בילדינג-וואַנט פון פוירל-סטריט, אויף וועלכער עס גליט אַ זונען-פלעק.

דזשימי האָט אפילו ניט געוואוסט צו טראַכטן, וואו ער קען פאַר־פאָרן און ווי אַזוי ער וועט קומען אַ היים צוריק. ערגעץ־וואו איז ער באַ זיך געווען זיכער, אַז ער וועט קומען מיטן זעלביקן וועג צו־ריק. ביסלעכווייז האָט ער זיך גענומען באַרואיקן. ער האָט גענומען פילן די פולע ליכטיקייט און אַז עפּעס וואַרעמט אים אַזוי אַנגענעם פון די זייטן און אין רוקן.

2.

די זייט גאַס וואו דזשימין איז אויסגעקומען זיך אַרויפזעצן, האָט זיך געצויגן אין דער ריכטונג צו „איסט.“ צוערשט איז געפאָרן דער באַס, אויף וועלכן ער האָט פריער געטראַכט, צו זאָל ער זיך פאָרט ניט אַרויפזעצן, און נאָך אים די מאַשין מיט דזשימין. דער באַס איז געווען דער „מעדיסאָן־ סטריט־באַס“, וואָס מאַכט זיינע שטענדיקע „טריפּס“ „פון דער טשעמבער־סטריט „פערי“ צו דער „איסט סייד“ דורך מעדיסאָן סטריט, און אויפן זעלביקן וועג, האָט עס איצט גע־טראָגן די מאַשין דעם קליינעם דזשימין.

פונוואַנען האָט דזשימי געקענט וויסן, וואָס אין דער „ווייטער“ וועלט טוט זיך? פונוואַנען האָט דער דזשעניטאָרינס אינגל פון קעלער, דאָרט צווישן די לעדער־סקלאַדן, געקענט וויסן, אַז די מאַשין טראָגט אים איצט איבער פרעמדע קינדערשע מלוכות?

דזשימי האָט פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט, אַז מעדיסאָן־סטריט איז נאָך לאַנגע קינדערשע מלחמות איינגעטיילט געוואָרן אין דריי מלוכות:

פון ניו־בויערי ביז פּאַיק־סטריט, וואו עס וואוינען מערסטנס גריכן, איז געווען „גריכנלאַנד“. פון פּאַיק־סטריט ביז ראַטגערס, וואו איטאַליענער וואוינען, איז געווען „איטאַליע“ און פון ראַטגערס אַראָפּצו איז געווען „אידנלאַנד.“

נאָך לאַנגע מלחמות, פון וועלכע עס איז צום באַדויערן אין דער געשיכטע פון מלחמות קיין רעקאָרדס ניט פאַרבליבן, האָבן זיך די

דריי מלוכות מער אָדער ווינציקער, איינגעאָרדנט מיט זייערע גרעניצן און אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען.

די מלחמות פלעגן פאָרקומען צוליב פאַרשידענע סיבות, אָבער דערהויפט טאַקי צוליב „ראַידס". אַזויפיל אינגלעך פלעגן וועלן נעמען „ראַידס"—זיך אָנהענגען פון הינטן אָן באַסעס און מאַשינען, אַז כדי ניט גע'הרג'עט ווערן, ביים אַפּרייסן איינער דעם אַנדערן פון אַ באַס, אָדער מאַשין, האָבען זיי געמאַכט גרעניצן: ביז אַהער מעגסטו פאָרן פון דיין מלוכה, און ווייטער, לאָז דיין פלאַץ פאָרן איינוואוינער פון דער צווייטער מלוכה. טרעפט, אַ מאַשין שטעלט זיך ניט אָפּ באַם גרענעץ, מעגסטו צופאָרן ביזן נאָענטסטן סיגנאַל און סטאָפּ, ניט ווייטער! אַנדערש וועט מען דיך אַראָפּשלעפּן...

אָבער, דוכט זיך, גוט, שוין איינגעטיילט אין מלוכות מיט באַ-שטימטע גרעניצן און געזעצן, שוין אַלץ איינגעאָרדנט, און מיט אַמאָל שפּרינגט ווייטער אַרויס אַ מלחמה. דערהויפּט צוליב נייע פירער. מאַכט זיך, אַ פירערס עלטערן קלייבן זיך איבער אין אַן אַנדער טייל שטאָט, און נעמען מיט, פאַרשטייט זיך, דעם הויפּט פון דער מלוכה, און ווייסן גאָרניט, אַז זיי לאָזן איבער אַ גאַנצע מלוכה אויף הפקר, און עס וועלן דאָרט זיך אָנהויבן מלחמות... זעלטן ווען, פלעגט דאָס אויפקומען פון אַ נייעם פירער אָפּגיין אָן מלחמות.

און עס פלעגן זיך בילדן פאַרבינדונגען און אָפּמאַכן אַמאָל „אידנ-לאַנד" מיט „איטאַליע" קעגן „גריכנלאַנד", אַמאָל איטאַליע מיט גריכנ-לאַנד קעגן אידנלאַנד, אָדער גאָר אידנלאַנד און גריכנלאַנד קעגן אי-טאַליע.

געוויינטלעך, פלעגן די מלחמות פאָרקומען פאַרנאַכט, נאָך דער שול, און זיך פאַרציען ביז שפּעט אין אָוונט. גאַנצע מחנות אינגלעך אין געלעכערטע צעקעסטלטע שול-יאַרמולקעס, ווי זיי וואָלטן גע-טראָגן גרויסע קאַליפאָרניער קאָלירטע „בלוט-פּאָמעראַנצן" אויף די קעפּ, אין „סוועטערס" און „אָווערראָלס" פון די פאַרשיידנסטע קאָלירן, „מיט קאַוואַלעריע" אויף „סקייטס", מיט „אַרטילעריע" אויף

„פושערס“, מיט עמבלעמען אויף די געשטריקטע בלוזעס, האָבן זיי אָנגעפירט די מלחמות.

די מיידלעך פון די מלוכות פלעגן געווייִנטלעך זיין נאָר צוקוקערינס און זעלטן ווען נעמען אַן אנטייל אין די באַטאַליעס פון די אינגלעך, זיי פלעגן בלויז צוקוקן, זיך אָנשטעלן וואו די „שלאַכטן“ דארפן פאָרקומען, און אין בעסטן פאַל העלפן שרייען, ליאַרעמען, אָדער מיט־העלפן... לויפן.

דערפאַר, אָבער, פלעגן די מחנות אינגלעך זיך לאָזן באַוואָפנטע מיט פיסטאָלעטן געקויפט אין קענדי סטאָרס, מיט ברעטלעך אָנשטאָט שווערדן פון די קאָסטנס, וואָס וואַלגערן זיך בא די „דריי־גודס“ מאַגאַזינען פון די נאָענטע איסט בראָדוויי, און קאַנאַל־סטריט.

מען פלעגט זיך קלאַפּן און פעכטן, און ניט איינמאָל איז ארויסגעקומען אַ געשלעג, אַז גרויסע האָבן זיך געמוזט אריינמישן און פאַרנאַנדערנעמען.

אָבער די געפערלעכסטע צייט פאַר מלחמות, איז געווען זומער, אין וואַקאַציע צייט. אַלע אַרמייען פון אַלע מלוכות פלעגן אַפּזיין דעם גאַנצן טאָג אויפן גאַס, און עס האָבן קיינמאָל ניט געפעלט קיין אורזאַכן פאַר אַ מלחמה.

אמת, עס פלעגן זיין צייטן פון אַלגעמיינעם פרידן אויך, אין אַזעלכע צייטן האָבן די אינגלעך אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר די טרייבער פון די באַסעס, אָדער פאַר די טרייבער פון די אַנדערע מאַשינען. אין גאַנצע רייען פלעגט מען זיך אויסשטעלן אויף „ראָלער־סקייטס,“ אויף „פושערס“ מיט די פירער אין דער שפּיץ און פון הינטן. די פירער פלעגן די ערשטע זיך אָנכאַפּן אַן באַס, און נאָך זיי איינער־אַן־אַנדערן, אין אַ לאַנגער קייט. אפילו מיידלעך פלעגט מען אַמאָל אריינגעמען.

דער באַס פליט, און פון הינטן ציט זיך נאָך אַ פאַס מיט קינדער. מען האַלט זיך ביי די טאַליעס, פאַר די סוועטערס, ביי די גאַרטלען. דער קינדער־פאַס ציט זיך אויס, שלענגלט זיך, מען איז באַגייסטערט, מען פאַרגעסט אפילו אַן דער געפאַר, אַז אַט, אַט לויערט דער טויט:

דער באָס פון פאָרנט זאָל זיך פלוצלונג אָפּשטעלן, און אַ צווייטע מאַ־שין פון הינטן, זאָל בלוטיק זיך אַריינשניידן אין זיי. אָדער גאָר איין באַוועגונג ניט פאַרזיכטיק: אַ פוס זאָל זיך פאַרטשעפּן, אַ רעדל אין סקייט זאָל קאַליע ווערן און מען פאַלט, מען ווערט מיטגעשלעפּט און אַמאָל טאַקע אונטערן ראַד אויך.

אָבער דאָס אַרט ניט, וועגן דעם קלערט מען ניט, דאָס ערגסטע איז, אַז דער באָס זאָל זיך ניט געבן אַ שטעל אָפּ, און דער טרייבער אין יוניפאָרם זאָל ניט אַרויסשפּרינגען. ביז . . . דער באָס שטעלט זיך טאַקע ראַפּטאָם אָפּ און דער טרייבער לאָזט זיך לויפן נאָך זיי, ווי נאָך שטאָטישע צעפלויגענע שפּערלעך.

אין אַזאַ צייט האָבן די „מלוכות“ ניט געקוקט אויף גרעניצן. מען פלעגט אַריינפאָרן איינער צום אַנדערן און פאָרן צוזאַמען.

ווען דזשימי האָט זיך געלאָזט פאָרן, איז אַזאַ אַלגעמיינער שלום אויף דער וועלט ניט געווען, און ווען עס וואָלט אפילו יע געווען, וואָלט אים אויך מסתמא ניט געהאָלפן. וואָרים ווי די מאַשין האָט זיך נאָר באַוויזן נאָכן באָס אין „גריכנלאַנד“ האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל:

אַ נעגערל זיצט אויף אַ מאַשין ! אַ נעגערל ! שלעפּט אים אַרונטער !

אין „גריכנלאַנד“ איז מען געוואָרן אַזוי איבערראַשט פון דער „חוצפּה“ און פון דער פּלוצלעכקייט, אַז מען האָט ניט באַוויזן דזשימין אַראָפּצושלעפּן. עס האָבן זיך נאָר אויפגעהויבן קולות, און מען האָט אָנגעהויבן נאָכיאָגן אויף „סקייטס“ און אויף „פּושערס“ און שרייען און ווייזן צו „איטאַליע,“ אַז דאָרטן זאָל מען אים איבערכאַפּן.

אין „איטאַליע“ האָט מען צום אָנהויב ניט באַגריפן, וואָס מען שרייט צו זיי. דער באָס איז געלאָפן ווי אַ באַשיצער פון פאָרענט, און האָט פאַרשטעלט די מאַשין מיט דזשימין פון הינטן, און ווען זיי האָבן זיך געכאַפּט, איז פּונקט ווי אין גריכנלאַנד, די מאַשין שוין גע־האָט פאַרביי און אַריין אין אירלאַנד.

אין אירלאַנד איז דער פירער, דייווי, געהאַט געשטאַנען מיט

זיין גאַנצער „גענג" און זיך געפּאַרעט אַרום אַן אויטאָמאָביל-ראַד, וואָס זיי האָבן געפונען און געבראַכט צוקייקלען אַהער אויפן טראָטואַר און אַרויפגעלייגט אויף אַ ליידיקן איבערגעקערטן מיסט-קאַן.

דייווי, — אַ אינגל, געוויקסיקער פון זיינע יאָרן, מיט אַן אַפּענעם גוטמוטיקן פּנים, האָט געפּרואווט מיט אַלע כּוחות אַראָפּנעמען די גו־מענע שינע פון ראַד, ער האָט אָבער ניט געקענט, ווי זי וואָלט גע־ווען איינגעוואַקסן.

דייווי, איז פון דעם געווען פאַרשוויצט און אויפגערעגט. זיינס אַן אַרויסהעלפער איז געשטאַנען מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, מיט אַ האַמער אין די הענט: דייווי האָט צו אים עפּעס אַ זאָג געטאָן, און יענער האָט ווייטער גענומען קלאַפּן. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט עס דעם אַרויסהעלפער געהאַט צוגעגעסן און ער האָט גענומען סתם האַקן מיט'ן האַמער איבערן ראַד, וואו עס האָט זיך געלאָזן.

— וואָס טוסטו? ווועסט צעהאַקן די שינע און זי וועט ניט טויגן צום שווימען!

— זאָל עס גיין צום טייוול... האָט מיט אַלע כּוחות יענער אַ זעץ געטאָן מיטן האַמער איבערן ראַד, ווי מען דערלאַנגט אַ זעץ אַ זאַך צום לעצטן מאָל.

דייווי האָט יענעם אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַנט און זיך גענומען אַמפּערן, נאָר מיט אַמאָל האָבן זיי ווי דערפילט דעם טומל, וואָס האָט זיך געהאַט אויפגעהויבן אין „גריכלאַנד" און זיך גענומען צו־קוקן. און דאָ שרייען שוין אינגלעך פון דערוווייטנס און טייטלען אויף אַ מאַשין:

— אַ נעגערל פאָרט! אַ נעגערל פאָרט אויפן „באַמפּער"! שלעפּ אים אַראָפּ!

באַ זיי „אַראָפּשלעפּן" איז געווען אַ געוויינטלעכע זאַך. זיי האָבן געקענט אַרויפשפּרינגען און אַראָפּשפּרינגען אין מיטן פאָרן, טאָקע מיט גרויס ריזיקע, אָבער זיי האָבן געקענט.

ווי דזשימי איז נאָר אַריינגעפאָרן אין „גריכנלאַנד," האָט ער דערזען, אַז מען שרייט עפּעס צו אים, און מען יאָגט זיך. אין אָנהויב

האָט ער ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, נאָר ווען ער האָט דער-זען, אַז אַ האַנט פון אַ אינגל אויף „סקייטס" גיט זיך אַ ציִ, און וויל אים אַ כאַפּ טאָן דעם פוס, האָט ער אינסטינקטיוו צוגעכאַפּט און נאָך מער זיך צוגעדריקט צו דער מאַשין. און דאָ זעט ער פון אַלע זייטן לויפן אינגלעך און פון אַלע זייטן ציען זיך הענט, דריקט ער זיך אַלץ פעסטער אויף זיין זיץ צו דער מאַשין, ווי ער וואָלט אינגאַנצן זיך געוואָלט אין איר אַריינפרעסן.

דייווי און זיין „גענג" האָבן פאַרגעסן אָן ראַד. זיי זעען, אַז עס טראָגט זיך אַ טומל, און אין מיטן טומל דער באָס. ער האָט פלינק אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע ווערטער, צייכנס פון אויפגעהויבענע הענט און ער איז האַסטיק אַראָפּ פון טראָטואַר.

פאַרביי האָט זיך דורכגעטראָגן דער באָס, און באַלד די מאַשין מיט דזשימין.

— דייווי לאָז ניט, לאָז ניט! — האָט זיין „קראַוד" גענומען ליאַרמען.

דזשימי האָט איצט ווי דערפילט די געפאַר. עס שרעקט אים אַזוי דאָס ווייסע גרויסע אינגל וואָס לויפט צו אים קרום פון טראָטואַר. ער וואָלט שוין איצט בעסער געוואָלט אַראָפּשפּרינגען, נאָר אינסטינקטיוו זעט ער דאָס ראַד און דאָרטן דאָס בליציקע פינטעלע: בליץ-בליץ, אַזוי האַסטיק-שנעל, און ער קאָרטשעט זיך אינגאַנצן איין אויף זיין גע-פערלעכן „סיט", ווי מיט טויזנט הענטלעך קלאַמערט ער זיך אָן דער מאַשין, און מיט דער מאַמעס גרויסע אויפגעריסענע אויגן גענומען קינדיש רופן:

— ניין, ניין...

דייווי האָט אים אַ פּאַק געטאָן פאַר אַ פוס.

פּלוצלונג האָט זיך אין מיטן טומל אַריינגעשניטן אַ געשריי פול מיט שוידער און טויטלעכן אַנגסט. דאָס האָט אַ אידישע מאַמע פון מעדיסאָן סטריט דערזען, ווי מען שלעפּט אַראָפּ דעם שוואַרצינקן פאַרן פיסל, ווי ער לאָזט זיך ניט, און אָט, אָט, פּלאָנטערט ער זיך אַריין אין ראַד, און אַרויסגעלאָזט דעם אוממענטשלעך-מענטשלעכן געשריי.

אויף אַ רגע האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פּאַרצווייפלטע געשריי האָט איבערגעריסן און אָפּגעשטעלט די גאַנצע באַוועגונג פון דער ניו-יאָרקער גאַס. אויף די טראָטואַרן האָבן דורכגייער זיך אומגעקוקט, זיך פאַרהאַלטן אַ סעקונדע — זען וואָס דאָ איז. פון ביידע זייטן מויערן, פון די רייען פענצטער, שטאָק איבער שטאָק, האָבן גענומען זיך אַרויס-שטעקן קעפּ.

אַ גלאַנציקע גרינע מאַשין מיט רויטע פּאַסן האָט מיט איינמאָל, מיט אַ גרילץ פון די „ברייקס" זיך אָפּגעשטעלט. אַ מאַן איז אַרויסגע-שפּרונגען פון פאָדערשטן זיץ, און זיך געלאָזט לויפן אויף צוריק. אין דערזעלביקער רגע איז שוין געוואָרן אַ געלאָף פון די טראָטואַרן צום מיטן גאַס, וואו עס איז געלעגן אַ שוואַרץ פאַרבלוטיקט אינגל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין וויקלען און קאָרטשען, ווי ער וואָלט ניט געווען אַ מענטשלעך קינד, נאָר אַ צעטראָטן שלענגל.

דער מאַן פון מאַשין האָט אַ כאַפּ געטאָן דזשימין אויף די הענט:

— וואו איז דאָ אַ שפּיטאָל? האָט ער צעשראָקן אַ פרעג געטאָן.

זיין פראַגע איז אָבער געווען איבעריק. פון אַלע זייטן האָט מען געשריען:

— גלייך אין „בית ישראל", דאָ נאָענט.

איינער אַ יונגער בחור האָט גאָרניט פרעגנדיק, זיך געגעבן אַ זעץ אַריין אין פראָנט-זיץ, אַ כאַפּ געטאָן דאָס ראָד. און פייל פון בויגן געלאָזט די מאַשין צום שפּיטאָל.

.3

פריער ווי געוויינטלעך, האָט זיך דייווי מיט אַ שווער געפיל אומ-געקערט אַ היים.

דאָס פאַרצווייפלטע געשריי פון דער אידישער מאַמען האָט זיך ווי איינגעגעסן ביי אים אין די אויערן, געבליבן קלינגען און וויל גאָר-ניט אַרויס. אין יענער קליינער רגע, וואָס ער האָט אַראָפּגעשלעפּט דאָס נעגערל, האָט ער נאָך געכאַפּט אַ קוק הינטער זיך, און סע שטייט אים נאָך פאַר די אויגן, ווי דאָס נעגערל האָט זיך געקאָרטשעט אויף

דער ערד, געוויקלט זיך אין יסורים. דייוווין האָט עס נאָך דער סומאַ־טאָכע ניט געלאָזט רוען, און אַן אומעטיקער און צעטראָגענער איז ער געקומען נאָך אין העלן טאָג אין שטוב אַריין.

— פילסט זיך ניט גוט? — האָט אים די מאַמע אַ פרעג געטאָן.

— גאָרניט, — האָט ער קורץ געענטפערט.

דייוווי'ס פאָטער איז געקומען פון דער אַרבעט, זיך באַגריסט. דערזעען, אַז דייווי איז שוין דאָ, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ביסט שוין דאָ? אַבי איך האָב דיך געזוכט אויפן גאַס.

— עסן איז פאַרטיק, — האָט זיך אָנגערופן די מאַמע, — איך האָב מורא, אַז אים איז עפּעס, כאָטש ער זאָגט, אַז ס'איז גאָרניט, ווייסט דאָך זיין נאַטור.

— דייווי, דיר איז עפּעס?

— ניין, פּאַ.

רופט זיך אָפּ די מאַמע:

— אָט, וואָס ער זאָגט, אַזאַ שיין וועטער, און שוין שעה'ן, אַז ער איז אין שטוב.

— אַז ער זאָגט: ניט, איז מסתמא גאָר ניט. ער איז ניט קיין ביבי, אַ דערוואַקסענער אינגל.. אוי, איר מאַמעס! — האָט ער ווי צו זיך אַליין געזאָגט אויפן קול.

דער פאָטער האָט זיך געוואַשט ביים „סינק" מיט'ן האַנטוך און גערעדט אין שטוב אַריין.

— איך האָב איצט אַזוינס געזען, וואָס איך האָב נאָך אין מיין לעבן ניט געזען...

— וואָס? — איז די פרוי, געוואָרן נייגעריק.

— כ'גיי דאָ פאַרביי דעם שפּיטאָל, זע איך אַ רעדל מענטשן באַם אַריינגאַנג. פאַרשטייט איך שוין, אַז ס'איז אַן „עקסידענט". מסתמא געבראַכט אַן איבערגעפאָרענעם. ניט קיין נייס. „דער אויטאָמאָביל איז געוואָרן דער מאָדערנער מלאך המות"—דערמאָנט זיך דער פאָטער אַ קעפּל פון אַ אידישער צייטונג און רעדט עס אַרויס אין דער הויך,— כ'קום צו, דערלאַנג אַ קוק און זע אַזוינס וואָס איך האָב נאָך אין מיין

לעבן ניט געזען, און וואָלט גאָר ניט געגלויבט, ווען איך זע עס ניט מיט מײַנע אייגענע אויגן.

דער׳צייל שוין! — רעדט אַרויס אַביסל צעשראָקן די מאַמע.

— כ׳זע צווישן דעם רעדל מענטשן. אויף די טרעפּ פון שפּיטאָל זיצט אַ שוואַרצע און יאָמערט, וויינט אויפן קול, רײַסט זיך די האָר פון קאָפּ, ברעכט זיך די פינגער, קנײַפּט זיך, ווי זי וואָלט וועלן אויסרײַסן פון זיך שטיקער פלייש און הערסט יעדעס פּיצל אויף איר פּנים, די הויט אויף די הענט ציטערט, גאָר פּשוט די הויט אויף די הענט...

— וואָס האָט געטראָפן?

דייווי האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט און בלייך געוואָרן.

— אין אָנהייב האָב איך געמיינט אַ משוגענע און דער עולם שטייט אַרום איר, אָבער זי האָט געהאַלטן אין איין קלאָגן אויפן קול!

„זוניו״...

„מײַן איינציקער״.

„מײַן טײַערער״.

„מײַן אינגל״.

אַז עס האָט פאַרכאַפּט באַם האַרצן. איך האָב אַ פרעג געטאָן, וואָס דאָס איז? ערשט, עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז הײַנט בײַטאָג, דאָ ניט ווייט, האָבן „לויפערס״ אים געשלעפּט פון אַ מאַשין, און ער איז איבער-געפאָרן געוואָרן...

— אויף טויט? — האָט די מאַמע אין איין אָטעם אַ פרעג געטאָן.

דייווי האָט אַ ציטער געטאָן.

— מען ווייס ניט.

— אַן איין־איינציקער! — באַדויערט די מאַמע, — אָבער וואָס זיצט זי אויף די טרעפּ. פאַרוואָס ניט אינווייניק?

— דאָס האָב איך אויך געפרעגט, ווייזט זיך אַרויס, אַז זי האָט אַזוי אָנגעגעבן אין שפּיטאָל, אַז מען האָט זי געמוזט אַרויספירן, אַ ברירה האָבן זיי געהאַט, אָבער אַזאַ צער, אַזאַ צער, האָב איך נאָך ניט געזען, — רעדט דער פאָטער, ווי ער וואָלט זי נאָך געזען פאַר די אויגן, — אַבי מען זאָגט אידישע מאַמעס...

— וואָס מיינסטו, קנאַפּ פּאַלן מיר איין די בלומען צוליב דייווין ? . .

דייווין איז געוואָרן הייס. ער האָט אָנגעהויבן פילן, ווי דאָס אָרט ברענט אונטער אים, און מורא געהאַט צו קוקן אויף טאַטע-מאַמע.

— און ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — זעצט זיך איין דער פאָטער באַם טיש און נעמט זיך צום עסן, — ווען עס וואָלט ניט געווען אַ שוואַרצער, וואָלטן אים די ווייסע לויפערס ניט אַראָפּגעשלעפּט.

דייווי האָט געהאַט צוגעטראָגן אַ שטיקל ברויט צום מויל און עס אַראָפּגעלאָזט צוריק.

— אָ, וואָס דו רעדסט, קנאַפּ שלעפּן זיי איינע די אַנדערע ? דו שטענדיק מיטן סאָציאַליזם.

— וואָסי, ניט אמת ?

דייווי האָט געוואוסט, אַז דער פּאַ האָט אָנגעהויבן, וועט ער שוין וועגן דעם ריידן. פּאַ איז אַ „סאָשעליסט" און ער רעדט שטענדיק אַזוי. די מאַמע וועט זיך מיט אים אַמפּערן. אָן אַנדערש מאָל, האָט ער עס ניט ליב, איצט וויל ער זיי זאָלן זיך פאַררײדן, אַ ווען ער קען שוין אַוועק פון שטוב . . .

— וואו גייסטו, דייווי ? האָסט דאָך עפּעס גאָרניט געגעסן ?

— ערנסט, פּאַ, איך וויל ניט מער, כ'וויל זיין אין גאַס.

דייווי איז אַרויס אין גאַס און מיט עקשנות געטראַכט, אַז ער איז ניט שולדיק : יענער האָט זיך ניט געלאָזן אַראָפּשלעפּן, יזאָלט ער זיך געלאָזן, וואָלט גאָרניט געווען, — ער וואָלט אים אויף די הענט אונטערגעכאַפּט, און פּאַ איז ניט גערעכט, מיט אַ ווייסן וואָלט ער אויך געטאָן דאָס אייגענע . . . און כאַפּט זיך פלוצלונג : וואָלט ער מיט אַזאַ קליין, ווייס אינגל טאַקע אויך געטאָן דאָס אייגענע ?

פאַרוואָס גייט ער צום שפּיטאָל, וואָס האָט ער דאָרט צו טאָן ? בעסער ניט גיין דאָרטן. ער בלייבט שטיין און גייט ווייטער צום שפּיטאָל. אָט זעט ער שוין דעם געזעמל מענטשן באַם אַריינגאַנג, דאָס מוז זיין, וואָס פּאַ האָט דערציילט. ער בלייבט ווידער שטיין, און

מיט אמאל, ווי ער וואלט געוואלט באווייזן, אז עס ארט אים ניט, איז ער האסטיק צוגעגאנגען.

אויף די טרעפ פון שפיטאל האט ער באלד דערזען די שווארצע. דאס איז „זיין" מאמע האט ער א קלער געטאן.

ארום זיך האט ער דערהערט פראגעס און ענטפערס. דער עולם האט זיך געהאלטן אין איין בייטן. דאס האט מען געענטפערט צי די אנגעקומענע:

„איבערגעפארן."

„אויף טויט?"

„זיצט שוין שעה'ן."

„שמייסן וואלטן מען זיי בעדארפט."

אבער די אלע רייד זיינען פארביי זיינע אויערן, ער האט ניט געקענט אפרייסן זיין קוק פון דער שווארצער. איצט איז זי שוין געזעסן אן איינגעשטילטע אבער נאך אלץ אין שטילן יאמער גערעדט:

„זוניו."

„מיין אינגל."

„כ'וועל דיך שוין ניט זען."

אירע יאמערדיקע רייד האבן אים מאדנע א צופ געטאן באם הארצן. אים האט זיך פארוואלט צוגיין צו איר און זאגן: הער אויף, איך בין עס דאס אינגל, וואס האט אים אראפגעשלעפט, נא, טו מיט מיר וואס דו ווילסט, אבער „פאר גאדס סייק", הער אויף. ער איז אבער געשטאנען ווי א צוגעשמידטער און בלויז געקוקט, געקוקט.

מיט אמאל האט זיך די טיר אין שפיטאל געעפענט. א יונגער „אינטוירן" אין א ווייסן כאלאט האט זיך באוויזן, באטראכט א ווילע דעם געזעמל מענשן, געכאפט א קוק אויף דער יאמערדיקער שווארצער. זי אויפגעהויבן און ארייגעפירט אינווייניק.

„זעט, מען האט זי אריינגענומען," האט זיך אויפגעהויבן א גערייד.

„צו נעמען בלוט", האט איינער אין עולם א זאג געטאן, „א נוירס

האָט געזאָגט, אַז מען זוכט אַ פּאָר מענטשן צו נעמען בלוט".

דייווין האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. ער האָט אפילו אַ רגע ניט געטראַכט, עפּעס האָט ער אין עקשנות אַ בויג געטאָן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט דאָ געגאַנגען האָבן אַ „פאַיט" מיט אימיצן, מיט האַרץ און עפן געטאָן די טיר און אַריין אין שפּיטאָל.

דייווי האָט דוכט זיך, גוט געקענט דעם שפּיטאָל, די גאַנצע לאַנגע געביידע אַרום, פּונקט ווי אַ גוט-באַקאַנטן מענטשן אין גאַס. האָט ער אָבער נאָר איבערגעטראָטן די שוועל און אַריין אינווייניק, האָט אויף אים אָן אָטעם געטאָן מיט פרעמדקייט, ווי ער וואָלט גאָר דעם שפּיטאָל פון דרויסן ניט געקענט.

אין שפּיטאָל האָט שוין געברענט די עלעקטריק, און באַגעגנט האָט אים אַ פרעמדע וועלט און אַ פרעמדער ריח, — דער מאָדנער שפּיטאָל-ריח. אים האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, צו זאָל ער ניט אַרויס צוריק, אָבער געפילט, אַז צוריק וועט ער שוין ניט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף דער יונגער טעלעפאָן-מיידל ביים „סוויטש," צי זאָל ער איר ניט זאָגן, אָבער באַלד באַשלאָסן, אַז זי איז נאָך אַ „בייבי" — ניטאָ וואָס צו ריידן צו איר. און ווען ער האָט דערזען אַ עלטערע נוירס אין פענסטע אַרויסקומען פון עלעוויטאָר, איז ער צו איר צוגעגאַנגען.

— וואָס דאַרפסטו?

— בין געקומען געבן בלוט.

די נוירס האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט.

— וואָס, וואָס דאַרפסטו?

— געבן בלוט פאַרן שוואַרצן אינגל.

די עלטערע נוירס האָט ערשט איצט ווי ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל, ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן און געבליבן קוקן אויף אים. דאָס האָט דייווין אַביסל צעמישט.

— ווער האָט דיך געשיקט אַהער?

— בין אַליין געקומען.

— אליין געקומען געבן בלוט פאַר אַ שווארצן אינגל? — האָט זי איבערגעפרעגט מיט שטוינונג.

— יע.

— מיס, — האָט די נוירס אין די פענסנע, אַ רוף געטאָן, און זיך אַ קער געטאָן צום „סוויטש,“ — זייט אַזוי גוט און פאַרבינדט מיך מיט דר. קאָן.

— דר. קאָן? — האָט די נוירס גערעדט אין טעלעפאָן, — אַ זאַך, וואָס האָט צוטאָן מיט אייך, אַ ווייס אינגל איז געקומען געבן בלוט פאַרן נעגער-אינגל וועמען איר האָט פריער איינבאַנדאזשירט די ריפּן. וואָס פאַר אַ אינגל פרעגט איר? קוקט אויס אַ אידישער... ביסט דאָך אַ אידישער? — האָט זי אַ פרעג געטאָן דייווין אין מיטן שמועס. — יע, אַ אידישער, ביזנעס? ניין, ווייזט אויס, אַז ניט. אליין געקומען? יע, איך פאַר שוין אַרויף מיט אים צו אייך.

דייווי איז שוין איצט געשטאַנען רואיק און גלייכגילטיק. עפּעס איז אים אַראָפּ אַ משא פון דער נשמה, און געוואָרט וואָס עס וועט זיין.

ווען זיי זענען אַרויפגעפאָרן צו דר. קאָן, איז ער זיי געקומען אַנט-קעגן. אַן עלטערער, אַ גרוילעכער, האָט ער עפּעס אַזוי שאַרף און קרומלעך געקוקט און גיך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַר אַ געשיכטע?

— געקומען געבן בלוט פאַרן נעגערל... — פרעגט אים, דאָקטאָר.

— וואָס פאַר אַ בלוט? — האָט דער דאָקטאָר בייז אַ ברום געטאָן.

— ווער האָט דיך געשיקט אהער? — האָט דר. קאָן אָנגעהויבן.

— אליין געקומען.

דר. קאָן האָט ווי ניט געהערט דייווי׳ס ענטפער און ווייטער גיך אין כעס אָנגעהויבן ריידן אין אידיש:

— טאַטע-מאַמע געשיקט . . . אַ נייע פרנסה באַ אידן: שיקן יונגע קינדער בלוט געבן...

דייווי האָט איצט פאַרשטאַנען, וואָס דער דאָקטאָר מיינט, און קורץ אַ זאָג געטאָן:

— דאָס האָב איך אים אַראָפּגעשלעפּט פון מאַשין..

דער דר. קאָן האָט זיך פאַרחוסמט, ווי ער וואָלט זיך פאַרשטיקט מיט אַ וואָרט.

— וואָ-אַ-ס? — האָט ער אויסגעצויגן און דירעקט אַנגעשטעלט זיין בליק אויף דייווין.

דייווי האָט איצט געקוקט דעם דאָקטאָר גלייך אין די אויגן, ווי איינער זאָגט, וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? און מיט עקשנות אַרויסגערעדט:

— יע, איך האָב אים אַראָפּגעשלעפּט.

דר. קאָן האָט זיך איצט ווי צעשריען:

— פריער וועסטו אַראָפּשלעפּן, נאָכדעם וועסטו קומען געבן בלוט. שמייסן, קאַטעווען דאַרף מען אייך, און וואָס איז דאָס פאַר אַ געשעפטן, זיך אַנהענגען אָן מאַשינען און אַראָפּשלעפּן!...

דר. קאָן האָט זיך אַביסל באַרואיקט, אָבער נאָך אַלץ גיך און האַרט גערעדט:

— ווייסט, ווי אַזוי מען גיט בלוט? ווייז דיין האַנט. זעסט, מען וועט דיר דאָ איינשניידן דעם אָדער... דו ווייסט, אַז דאָס טוט ווי? — האָט ער געמאַכט אַ שטרענג פּנים.

— איך ווייס.

— און ווילסט זיך לאָזן?

— יע.

— וואָס וועט דיין טאַטע-מאַמע זאָגן?

— זיי טאָרן ניט וויסן.

באַ דר. קאָן האָט זיך מיט אַמאָל דער גאַנצער אויסדרוק געביטן. אין די שאַרפע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ מילדקייט און אַ צופרידנקייט. ער האָט איצט אַרוף געטאָן צו דייווין:

— קום מיט מיר.

מעכאַניש איז אים דייווי נאָכגעגאַנגען.

דר. קאַן האָט אים אַריינגעפירט אין אַ „וואָרד". דייווי האָט דערזען רייען בעטלעך מיט קינדער פון פאַרשידענעם עלטער אויף זיי. דר. קאַן האָט אָנגענומען דייווין פאַרן אַקסעל און אים צוגע-שטופּט צו אַ בעטל.

— דערקענסט ?

אויף אַ בעטל, אויף אַ ווייס קישן איז געלעגן אַ שוואַרץ קעפּל, דורכגעשניטן מיט ווייסע באַנדאַזשן. מען האָט כמעט דאָס פּנים ניט אַרויסגעזען, נאָר צוויי גרויסע אויפגעריסענע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט.

— זעסט, וואָס דו האָסט געטאָן ?

דייווין האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם.

— נו, גוט, האָט דר. קאַן פלוצלונג אָנגעהויבן ריידן אויסער-געוויינלעך פריינטלעך, — חרטה איז אַ גרויסע זאַך, אָבער נאָכאַמאָל זאָלסטו מיט קיינעם אַזוינס ניט טאָן. ביי אַזעלכע אינגלעך ווי דו, נעמט מען קיין בלוט ניט. ער דאַרף ניט קיין בלוט, — האָט ער אַ וויַיז געטאָן אויף דזשימין, — ער וועט געזונט ווערן, אָבער נאָך אַ האָר וואָלט ער געשטאָרבן. נו, גיי אַהיים און זיי אַ וואויל בחורל...

דייווי האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין פון וואָרד, נאָר פלוצלונג זיך אומגעקערט, צוגעגאַנגען צו דזשימים בעטל, מיט די פינגער זיך פאַר-זיכטיק צוגערירט צום אויבערדעק, און אַ פרעג געטאָן :

— טוט וויי ?

דאָס שוואַרצע קעפּל מיט די אויפגעריסענע אויגן, האָט זיך אַ ריר געטאָן אויף :

— יע.

— האָסט באַדאַרפט זיך לאָזן אַראָפּשלעפּן, — האָט דייווי ווייטער שטיל אַ זאָג געטאָן, — איך האָב ניט געמיינט...

דייווי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ניט געפונען קיין ווערטער, האָט ער זיך אויסגעדרייט און מיט פּאַמעלעכע טריט אַרויס פון וואָרד

דר. קאַן איז געשטאַנען און דאָס צוגעקוקט.

הונגער

אין ווינטערדיקן פראַסטיקן באַגינען, איז אַ נו־יאָרקער שפּערל געשטאַנען אויף אַ דאַך און רחמנותדיק־קינדיש געצוויטשערט.

אויף אַן אַנטענע פון אַ ראַדיאָ האָט ער זיך פאַרקליבן ווי אויף אַ שעדעלע. אַן אַנגעפרווירענער האָט ער אַנגעשטעלט די פעדערלעך קעגן דער ביטערער קעלט, האָט איינגענורעט דאָס קעפּל, איינגעצויגן דאָס העלדזל און מיטן גאַנצן בייכל זיך אַראָפּגעלאָזט וואַרעמען די פיסלעך, וואָס האָבן זיך איינגעקרעמפּט אין קאַלטן דראָט.

אַן איינגענורעטער מיט אויפגעשטעלטע פעדערן, האָט ער אויסגעקוקט קיילעכדיק און דיק — אַן אָנגעבלאָזן שאַר פּענכערל, וואָס לאָזט אַרויס אַ רחמנותדיק פּישטשען.

ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי צוגעפרווירן צום דראָט, עפּעס אַן פיסלעך, אָן אַ קעפּל, נאָר דאָס שנעבעלע האָט אַרויסגעשטאַרצט, ווי עס וואָלט אים געוואַקסן פון בייכל, — אַרויסגעשטאַרצט און זיך באַוועגט און צוזאַמען מיטן שנאָבעל האָבן זיך באַוועגט און פון דער זייט געקוקט דאָ איין שאַרף אויגל, דאָ אַ צווייטס.

גלאַנצט אויף דאָ איין אויגל, דאָ דאָס צווייטע, קוקט אין הויף אַריין. אומעטום דער זעלבער טיפער שניי, וואָס אויף די ביימער אין פּאַרק, וואָס אויף די ביימער אין גאָס, ווייס און ריין. זאָל עס זיך כאָטש זען אַ טונקל ערטל, אַ שטיקל הוילע ערד, וואו מען זאָל קענען אַ צעפרווירן ווערעמל אויספּיקן, אַ קערענדל, רעשטלעך פון אַ פליג, אָדער גלאַט אַ זעמדל אין מיילכל, זאָל זיך כאָטש דוכטן, אַז מען האָט וואָס אויסגעפּיקט.

און עסן ווילט זיך אַ שרעק ! שוין טעג און נעכט, אַז דאָס ווייסע שלעכטס שיט זיך פון הימל. הערט דוכט זיך שוין אויף, און הייבט

װידער אָן. אין פּאַרק, אויף די גאַסן איז אַלץ פאַרשאָטן, צוגעדעקט, איינגעפּרוירן . . .

הו—הו—הו . . . האָט זיך עס פּלוצלונג צעדונערט, צעגרילצט און פאַרטויבט די װעלט. אַ טונקעלע לאַנגע חיה האָט אויפן גאַס באַם סאַמען דאַך פאַרבייגעצויגן מיט געפּילדער, מיט פינקלדיגע אויגן און מיט בליצן אונטער די לויפנדיקע פּיס.

דער נו־יאָרקער שפּערל האָט זיך פאַרן עלעװייטעד גאָרניט דערשראָקן, נאָר דער דראָט האָט אָנגעהויבן ציטערן, איז ער אַריבער־געפלויגן פון דער אַנטענע אויף אַ „פרינדזש“ אונטערן געזימס. ער האָט זיך אַװעקגעשטעלט אויפן סאַמען ראַנד, װידער אויסגעצויגן דעם שנאָבל, זייטיק געקוקט דאָ מיט איין אויגל, דאָ מיטן צװייטן און געכאַפּט אַ הונגעריקן קוק אונטן אין הויף אַריין.

אַ פרייִדיקער פּיפּץ האָט זיך באַ אים אַרויסגעריסן און װי אַ שװימער פון הויכן ברעג אין װאַסער, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן מיטן קעפּל אַראָפּ אין פּוסטן הויף אַריין.

דאָרט איז געשטאַנען צונויפגעשטעלט אַ גאַנצע קופּע מיסט־קאַנען, װאָס זיינען איבערנאַכט צוגעדעקט געװאָרן מיט הויכע, װייסע שניי־היטלען. איז ער געבליבן שטיין אויף אַן אויער פון אַ קאַן, האָט אַ צי געטאָן מיטן שנאָבעלע, געשמעקט די ריחות פון עסן און זיך אַרומגעקוקט צו עס איז ניטאָ קיין געפאַר.

באַלד אַ שפּרונגל אַהער, אַ שפּרונגל אַהין . . . די עס־ריחות ציען דאָס חיות, אָבער דאָס הויכע שנייאיקע היטל דעקט צו און באַ־האַלט אַלץ אונטער זיך. שפּרינגט ער אַהער, שפּרינגט ער אַהין, אפשר דאָ, אפשר דאָרט, פון איין מיסט־קאַן צו דעם צװייטן, פון איין אייזערנעם אויער אויפן צװייטן . . . און מיט אַמאָל אַ פּלי און גלייך װי פאַרשטאַרבן אויף אַ רגע.

ער זעט, באַ אַ קאַן פון אַ זייט שטאַרצט אַרויס אַ צעריסענער שוך מיט אַ צעלעכערטער פּאָדעשװע, און מאָדנע, פון פּאָדעשװע שטעקט אַרויס אַ שטיק װייסע חלה . . .

צום אָנהייב האָט אים דער הונגער אַ שפּאַר געטאָן, געװאָלט

זיך גלייך א וואָרף טאָן צום ווייסן ברויט, אָבער דערזעען דעם שוך, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן, הערסט. עס קוקט אוים צו זיין אַ מענטשנס פוס . . . פאַרן מענטשן אַליין האָט ער קיין מורא ניט, מענטשן טשעפּען ניט קיין שפּערלעך. אָט פּיקט ער דאָך שוין יאָרן אין די נו־יאָרקער גאַסן, פאַרביי אים גייען מענטשן אָן אַ צאָל און קיינער האָט אים נאָך ניט געטשעפּעט. אמת, די קליינע מענטשעלעך, זייערע קינדער, לויפן אַמאָל נאָך מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך צו כאַפּן, אָבער פון זיי איז זיך גרינג אויסצודרייען, נאָר פאַר די מענטשישע פים דאַרף מען זיך היטן, זיי קענען צעטרעטן!

האָט ער זיך פאַרזיכטיק גענומען דערנענטערן, — אונטערגע־שפּרונגען, געקוקט, ניין, דער פוס רירט זיך ניט, אָן אומבאַוועגלע־כער פוס... איז ער זיך געשפּרונגען, אַ פּיק און אָפּגעשפּרונגען.

דער פוס רירט זיך טאַקע אויף אָן אמת ניט, און אמת׳דיק ווייס ברויט!

ערשט איצט, האָט ער געטאָן אַ פלי אַרויף, זיך אָוועקגעשטעלט אויפן געזימס און פריילעך זיך צעצוויטשערט.

און גאָט איינער ווייס פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען. פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען שיטן שפּערלעך; ווי שטיינדלעך זיינען זיי געפאַלן פון קאַלטן הימל הונגעריקע, צעפּרוירענע, מיט אָנגעשטעל־טע פעדערלעך און מיט קינדערשער צוויטשעריי זיך גענומען צו דער חלה. אין אָנהייב גאָר פּרובירט אַרויסקריגן די חלה פון שוך אַרוים, איז עס ניט געגאַנגען, האָבן זיי זיך געשטופּט בא דעם שטיקל ווייס ברויט, געריבן זיך פליגעלע אָן פליגעלע, קעפּל איבער קעפּל און געפּיקט, געפּיקט...

אין הויף, פון אַ קעלער אַרוים, האָבן זיך אויף דער אויבערשטער טרעפּ אַפּריער באַוויזן צוויי פּאָר לאַפּקעס. גלייך האָבן זיך אַרוים־געשטעלט צוויי פּאָר פאַרשפּיצטע אויערן און קעצישע פּנימער, איינס אַ שוואַרץ פעט פּנים, מיט גרינע אויגן און שוואַרצע וואָנצעס, דאָס צווייטע פּנים אַ געלאַטעט מיט געפלעקטע אויגן און געלע וואָנצעס. די פּנימער האָבן נאָך שטייפער אָנגעשפּיצט די אויערן, צענויפגע־

זשמורעט די אָנגעצונדענע אויגן, אַזוי געקוקט אַ ווייל און ווי שלאַנ־גען זיך שטיל ארויסגעצויגן מיטן גאַנצן קערפּער אין הויף אריין.

ביידע קעץ האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ רגע. שאַרף אָנגעקוקט איינע די אַנדערע, און באַלד אָפּגעדרייט די קעפּ, ווי מע קען זיך ניט. ווידער בייז זיך אָנגעקוקט, ווידער אָפּגעדרייט. און פּלוצלונג, האָבן די ראָזע פּייכטע נעזלעך אָנגעהויבן אויפּציטערן, די אויגן זיינען גע־וואָרן ברייט, גרוים און געבליבן שטיין אָנגעצילט אויף די שפּערלעך. באַלד זיינען פון די אויגן געבליבן גרינע פּאַסיקלעך, ווי פינקלדיקע ווערימלעך, די אָנגעשפּיצטע אויערן האָבן זיך אַוועקגעלייגט, און פון צוויי זייטן האָבן זיך די קעץ אַ צי געטאָן צו די מיסט־קאַנען.

די שפּערלעך פּיקן...

די שוואַרצע, פּעטע קאַץ ציט זיך איבערן שניי אויפן בויך, ווי זי וואָלט גאָר אירע פיס ניט גענוצט. אַ צי — און זי זיצט שוין ווידער איינגעקנוילט מיט די פיסלעך אונטער זיך; די אויגן צענויפגעזשמו־רעט, דער קאָפּ אָפּגעדרייט אָן אַ זייט, ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט ערגעץ צו ווייטע קלאַנגען, ניט צו דער קינדערשער צוויטשעריי פון די שפּערלעך... און באַלד גנביש אַ לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ צום שניי, אַ צי — און זיצט שוין אַ טריט נעענטער אומבאַוועגלעך, אומשולדיק.

די שפּערלעך פּיקן.

די ראָבע, מיט איינגעפאַלענע זייטן, די האָר אין קלאַמפּעס, האָט זיך געלאָזן רונד ארום, רונד ארום און מיט אַמאָל געבליבן שטיין, ווי איבערגעהאַקט אין צווייען.

זאַכט הייבט זי אַ לאַפּקע נאָך אַ לאַפּקע. זיי בויגן זיך קיי־לעכדיק אויס, ציען זיך ווייך איין, שטעלן קליינינקע טריטעלעך. רירן קוים אָן דעם שניי, ווי ס'וואָלט קאַלט געווען אין די באָרוועסע פיס־לעך. קוים אַ שפּור אויפן שניי, רונד אַרום — רונד אַרום, מיט דער פרומסטער מינע.

די שפּערלעך פּיקן...

די שוואַרצע קאַץ האָט זיך מיט אַמאָל צוזאַמענגעקרעמפּט, גע־טאָן זיך אַ צי אויס, עפּעס האָט אַ קראַץ געטאָן דעם שניי.

— היט זיך, אַנטלויפט! האָט דער אויסקוקער אין דער לעצ־טער רגע אַ צוויטשער געטאָן.

אַ שפּרונג — און אַ פאַרשטיקטער שוואַכער פּיפּס. די שפּער־לעך שיסן אַרויף ווי שראָט אין דער הויך. פון דעם מיסט־קאַן האָפּ־קעט אַוועק צום קעלער די פעטע קאַץ מיט אַ שפּערל אין די ציין, איינגעשטשעמעט אין העלדזל. נאָר די טונקעלע שפּערלשע פיסלעך קרעמפּן זיך נאָך, און דאָס געשפּרענקלטע ווײַדעלע האָט זיך צעלאָזן אין אַ פעכער און ווילד זיך אויסגעשפּרייט ווי צום אַוועקפליען.

די ראָבע קאַץ האָט אָפּגעבראָכן איר פרומע מינע, פאַררייסן דעם קאָפּ צום הימל און נאָכגעקוקט מיט זשעדנע אויגן די צעפלויגענע שפּערלעך, געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, ווי נאָך פליגן אין זו־מער, און ניט געוואוסט וועלכן שפּערל פריער נאָכצוקוקן.

און די שפּערלעך האָבן זיך אָפּגעזעצט אויפן דאַך, אויפן געזימס, און זיך גע׳רעש׳ט.

די ראָבע קאַץ האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען אַ מענטשט גייט איבערן הויף און מאַכט אַ וועג אין שניי, האָט זי אַ ווײַלע געקוקט, נאָך אַמאָל אַ בליק געטאָן אויף די שפּערלעך, זיך אומשולדיק אויפגעהויבן, צוגעקראָכן צו דער חלה, אַרומגעשמעקט, אַ ביס געטאָן, אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ: ניין, עס געפעלט ניט און אַוועק כלומרשט צום קעלער צו. פלוצלונג זיך געגעבן אַ צי און זיך פאַרקליבן צווישן די קאַנען. דאָרט האָט זי איינגעטוליעט דעם קאָפּ, צונויפגעשמעלט אין פּאַסיקלעך די אויגן און אַראָפּגעלאָזט די אויערן.

ליגט, דוכט זיך, אַ טויטע קאַץ. ליגט, ליגט, רירט זיך נאָר דאָס סאַמע שפּיציקל, דאָ פון איין אויער, דאָ פון צווייטן, און מיט אַמאָל, האָבן זיך ביידע אויערן אָנגעשפּיצט, שטייף געוואָרן.

אַרום האָבן די שפּערלעך שוין ווידער געפּיקט, נאָר דער אויס־קוקער פון געזימס האָט געהאַלטן אין איין צוויטשערן: זייט פאַר־זיכטיק!

אומגעריכט האָט דער אויסקוקער דערזען אַ חיה קומט אָן אין

הויף, האָט ער געוואָלט שוין מאַכן אַ ליאַרם, אָבער גלייך מיטן שאַרפן אויגל דערזען, אַז אַ הונט קומט עס אָן, און זיך באַרואיקט, מיט הינט לעבט מען בשלום... אָבער עפּעס אַ מאָדנער הונט, אָן אמתער פּגר מיט אַן אויסגעקראַכענער פעל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן ווײדל... מען דאַרף זײַן פאָרזיכטיק מיט אַזעלכע... און אַליין אַראָפּגעפלויגען פון געזימס און זיך געשטעלט אויף אַן אויער, פון דער נאָענט וועט ער בעסער קענען וואָרענען.

אויף די הינטערשטע פיס, האָט זיך די ראָבע קאַץ פון צווישן די קאַנען געטאָן אַ הייב אויף. איין פאָדערשטע לאַפּקע האָט זי אָנגעשפּאַרט אָן קאַן, די צווייטע איז געבליבן הענגען אין דער לופטן, ווי אַן איבערגעבראָכענע, ווי זי וואָלט געזאָגט: נאָט, זעט, זי הענגט באַ מיר אַ פרעמדע, איך קען מיט איר גאָרניט טאָן... אָבער די שפּיץ מאָרדע האָט זיך אַרויסגערוקט פון איבער די קאַנען און — בליציקע אויגן האָבן זיך אײַנגעגעסן אין אויסקוקער.

דער אויסקוקער האָט פון הונט קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט און פלוצלונג זיך צעצוויטשערט: אַנטלויפט! אַנטלויפט!

אַ שפּרונג, אַ וואָרטשען... ווידער זײַנען זיך די שפּערלעך צעפלויגן אין אַלע זײַטן, ווי אַרויפגעשאָסענער שראָט.

די שפּערלעך האָבן נאָר דערזען, ווי דער הונט האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלייך צו זיי, געמיינט אויף זיי. איצט קוקן זיי פון דאַך, פון געזימס און צוויטשערן פון פרייד.

אַ ראָבע קאַץ שטייט גאָר אין מיטן הויף, לויפט אָפּ און אין שרעק אַ שטיקל, און דער הונט נאָך איר. בלײַבט זי שטיין מיטן פּנים צום הונט, צעשיפּעט זיך גיפטיק מיט אויסגעשטשירעטע ציין, שטעלט אויס אַ לאַפּקע מיט גראָבלדיקע נעגל. בלײַבט ווידער דער הונט אײַנגעגראָבן אין שניי, לויפט זי ווייטער אָפּ אין שרעק צום קעלער צו.

צוויטשערן די שפּערלעך פריילעך: פון טויט געראַטעוועט! זיי זעען, די קאַץ איז שוין אין קעלער אַרונטערגעשפּרונגען, דער הונט שטייט אײַנגעגראָבן, קוקט אין קעלער אַרײַן, ווי אויף דער וואָך.

ווילן זיי שוין ווידער ארונטערפליען, ערשט, דער הונט דרייט זיך אום, שמעקט די לופט, און לאָזט זיך גלייך צום ברויט.

צום אָנהייב האָט ער אויך פּרובירט אַרויסגראַבלען מיטן לאַפּע, איז ווידער ניט געגאַנגען, האָט ער אָנגעהייבן גריזשען מיט די ציין, זיינען דערוויל ברעקלעך געפאַלן אויפן שניי.

איינציגע האָבן גענומען פאַרזיכטיק אַרונטערפליען. דער אומקוקער האָט אָבער באַלד ווידער אויפגעהויבן אַ ליאַרם.

אויפן הויף האָט זיך באַוויזן אַ טונקל געשטאַלט.

די שפּערלעך האָבן געקוקט און זיך געוואונדערט: דאָס פינצטערע געשטאַלט קוקט אויס ווי אַ מענטש, גייט אויף צוויי פיס, אָבער עפּעס ניט קיין מענטש ; גייט צונויפגעדרייט, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט שטעלן אויף אַלע פיר ; קיין פּנים ניט, נאָר ווילדע האָר, גייט, טרייסלט זיך, ווי צעבראָכן. באַלד טרייבט עס בייז אַוועק דעם הונט, ראַיעט זיך אין דער מיסט-קאַן, שלעפּט אַרויס דעם אומבאַוועגלעכן פוס, פאַרקוקט דאָרטן, נעמט אַרויס אַ חלה, ברעכט אָפּ אַ שטיק און נעמט עס אין מויל אַריין.

די שפּערלעך האָבן זיך טרויעריק צעצוויטשערט : איצט איז שוין פאַרפאַלן. און זיך אַלץ געוואונדערט : וואָס איז עס אַ מענטש צו ניט ?

פון אַ פענצטער האָט אַ שפּאַר געטאָן ראַדיאָ-מוזיק. די שפּערלעך האָבן שטום זיך גענומען צוהערן, ערגעץ צוויטשערן פייגלען אויף גרינע בוימער ; ס'איז וואַרעם, זוניק, ליב, וויפיל דו ווילסט, ערגעץ רוישט אַ וואַלד און עס מורמלט אַ טייכל... דאָס געשטאַלט איז אויך געבליבן שטיין מיטן שטיק ברויט אין האַנט און עפּעס געמורמלט.

די מוזיק קלאַנגען האָבן זיך מיט אַמאָל אָפּגעריסן. טרייסלענדיק זיך איז דאָס געשטאַלט אַוועק מיט דער חלה. די שפּערלעך האָבן נאָך פאַרצווייפלטער דערפילט דעם הונגער ; ס'איז קאַלט ס'איז ניט קיין וואַלד, ניט קיין זומער, ניט קיין טייכל, און עסן ווילט זיך אַ שרעק !

געלט

(אַ ניו־יאָרקער מעשה)

.1

אויף דער איסט סייד האָט זיך פאַרנומען דער ניו־יאָרקער הייסער, שטיקנדיקער פרימאָרגן.

מעקסי, שרה דער פּרוכט־פּעדלערקעס אינגל, איז באַלד באַגינען, ווי אַ שיכור'ער, אַראָפּגעקראָכן די שטיגן פון פינפטן שטאָק און זיך צוגעזעצט ביים אַריינגאַנג אין האָל — כאַפּן פרישע לופט אַביסל...

די אָנגעגליטע טענעמענט־הייזער האָבן זיך איבער נאַכט ניט אָפּגעקילט און ווי גיגאַנטישע אויוונס נאָך געפּאַרעט און געשטיקט.

מעקסל האָט זיך געפילט זייער שלעכט. אַ האַלבע נאַכט האָט ער זיך געהאָט אָפּגעוואַלגערט אויפן טראָטואַר מיט אַ רעקל צוקאָפּנס. איינשלאָפן האָט ער ניט געקענט. ס'איז געווען זייער ענג און דושנע. כמעט אַלע איינוואוינער פון די טענעמענטס זיינען געווען אויפן טראָטואַר. די עלטערע מענטשן זיינען האַלב געזעסן, האַלב געלעגן, ווי זיי האָבן נאָר געקאָנט, אָן אויבערשטע קליידער, פאַר־שוויצטע, מיט פאַנאַנדערגעשפּילעטע הערצער. דאָס קליינוואַרג האָט אויסגעפילט דעם איבעריקן פּלאַץ צווישן די גרויסע, זיך אַרומ־געוואַלגערט און אַרומגעקראָכן...

ער האָט שוין איינמאָל שיר ניט געהאַט איינגעדרימלט, האָבן זיך אָבער פּלוצלונג אַ פּאָר עופה'לעך אין די וועגעלעך אַזוי צעשריען, אַז וועגן דרימלען האָט שוין גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין; דערצו האָט נאָך די אַלטע לאה זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים, און ער האָט דערזען, ווי זי זיצט עפּעס אויפן ברעג טראָטואַר מיט די פיס אין רינשטאָק, און דאָס האַרץ הייבט זיך ביי איר אַזוי מאָדנע

חויך, חויך, און ביי יעדן אָטעם עפנט זי דאָס מויל, ווי זי וואָלט זיך געטרונקען... ס'האָט אים געשראָקן.

שפּעטער, נאָך האַלבער נאַכט, אַז די מאַמע זיינע האָט זיך צו אים צוגעשלעפּט פון ערגעץ אַ פאַרשלאָפענע און אים אַרויפגעפירט אין הויז, האָט ער שוין גאָר אויפן געלעגער קיין אָרט ניט געפונען. עפּעס האָט פון דער סטעליע געשלאָגן אַזאַ היץ, ווי דאָרטן וואָלט געברענט אַן אויוון.

איצט פילט ער זיך זייער שלעכט, אַזוי שלעכט, אַז ווען מען רופט אים אַפילו אין די „מואַוויס" וואָלט ער ניט געגאַנגען.

.2

קיין קינדער זעט ער נאָך ניט אויפן גאַס. נאָר גרויסע מענטשן גייען פאַרביי, ווישן פון זיך דעם שווייס און טוען אויס די רעקלעך. אָבער שפּילן זיך, פילט ער, קען ער סיידווי ניט. אָט ליגן אַזוי פיל ברייטע קעץ אויף די קעסטלעך מיסט און גראָבן זיך דאָרטן. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער שוין מיט עפּעס אין זיי געטראָפן, איצט נעמט אים גאָר קיין חשק ניט אָן.

דער איטאַליענישער אייזמאַן האָט דורכגעשטופּט פאַרביי אַ וועגל מיט אייז. מעקסל האָט אים נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן און באַזונדערס שאַרף דערפילט די היץ. ס'האָט אים דערמאָנט אַן „קענדי-סטענד" אויפן ראָג: איצט אַן „אייז-קרים-קאָן" וואָלט דאָך געווען אַ מחיה... אָבער וואָס זאָל ער טאָן, אַז מער ווי אַ פעני קען ער פון דער מאַמען ניט אַרויסקריגן? זי קען אים, זאָגט זי, מער אויף נאַשערייען ניט געבן. און אַן „אייז-קרים-קאָן" קען מען פאַר אַ פעני ניט קריגן.

ביסלעכווייז האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען קינדער. מעקסל האָט געקוקט ווי ס'פליט אַרויף פון קעלער-שטוב דעם דזשעניטאָרס קליין נעגערל. ער האָט מעקסלען אַרויסגעשטעלט אַ צונג, געמאַכט אַ מינע און זיך צעלייגט ווי אַ קעצל אויף דער זון. באַלד האָט זיך אַרויסגעקייקלט אויפן טראָטואַר דער בייכיקער, אָנגעגאָסענער בעני

—אָן אַ היטל, אַ פאַרשוויצטער און זיך אָפּגעבלאָזן פון היץ. נאָך אים איז געקומען פּעני מיט דער רויטער סטענגע און די שוואַרצע האָר. אָט איז היימי מיט בענין — אַ צווילינג פון „טו־בי“ (2טער קלאַס), און אָט איז די מאָגערע סערקע מיט די לאַנגע פיס אין קורצן קליידל.

באַלד זיינען אויך אָנגעקומען אייבי מיט סידנין, פון אַנטקעגן, די גרעסטע באַל־שפּילער אויפן בלאָק. סידני האָט געשלעפּט מיט זיך דעם באַל, אַ צעריסענעם, אָן אָנגעשטאָפּטן מיט שמאַטעס.

3.

— מעקס, קום! — האָט זיך אייבי צעפּאַכעט מיטן באַל נאָך פון דער וויטן.

מעקסל האָט אים געוואָלט עפּעס ענטפערן, האָט ער דערזען, אַז בוירנעלע דעם „אַלרייטניקס“, מיט ברילן אויפן נעזל, וואָס קוקט שטענדיק אַזוי „פאַני“, קומט אויך אַרוים און גייט גלייך צו אים. האָט ער אָן אַלץ פאַרגעסן, נאָר בייז אָנגעשטעלט אויף בוירנעלען זיינע שאַרפע, שוואַרצע אייגלעך.

— ביסט טויב? — לויפט צו אייבי.

— שפּיל אַליין, — האָט מעקסל גאָרניט געקוקט אויף אייבין און געוואַרט אויף בוירנען.

— דו ביסט אַ גע׳פּגר׳טער — האָט אייבי אַ זעץ געטאָן דעם באַל אין דער ריכטונג צו סידנין.

— העלאָ, מעקסי — איז שיר ניט אַרויף בוירנעלע אויף מעקסלען.

— וואָס ווילסטו?

— גאָרניט.

— מיר פאָרן אַרוים אין קאָני־איילאַנד... — האָט זיך בוירנעלע אָנגעהויבן רימען. — מיינסט מיר׳ן זיך דאָ בראָטן אין היץ? כ׳וועל דאָרטן פאָרן אַלע טאָג אויף אַ קאַרוסעל...

מעקסל האָט אים מקנא געווען. נאָר איין מאָל, פאַראיאָרן, איז

ער אַרויסגעפאָרן מיט זיין שול אין קאָני־אײלאַנד און ער האָט גע־כאַפּט אַ „ראַיד“ — האָט עס אים פאַרקלעמט און ער האָט בײז אַ זאָג געטאָן:

— ווּעסט ניט פאָרן.

— איכ'ל יאָ פאָרן.

— ווען איר זאָלט פאָרן, וואָלט איר ש ו י ן געפאָרן.

— זונטיק פאָרן מיר. מאַמע האָט ניט געוואוסט, אַז ס'וועלן קומען היצן. — מאַמע זאָגט, מיר וואָלטן שטענדיק געוואוינט אין קאָני־אײלאַנד, ווען ניט די ביזנעס...

— וואָס דאַרפסטו? — האָט אים נאָך בייזער אונטערגעבראָכן מעקסל.

— האָסטו שוין געזען אַראָפגיין מעיען? — האָט בוירנעלע פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן.

— וואָס דאַרפסטו זי? — האָבן ביי מעקסלען אויפגעבליצט די אויגן.

— גאָרנים.

— אָט גייט זי דאָך... — האָט זיך בוירנעלע אַ כאַפּ געטאָן און געוואָלט אַריין אין האָל.

.4

מעקסל האָט זיך געשווינט אויפגעשטעלט, האָט זיך אויסגעדרייט צו מעיען, פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג מיטן רוקן, אַז בוירנעלע זאָל ניט קענען אַריין, און זי פריינטלעך אַ פרעג געטאָן:

— וואו גייסטו, מעי?

— די מאַמע האָט מיך געשיקט אַ גאַנג, — האָט זי חנ'עוודיק אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ. — אָ, ס'איז היים, מעקסי, — האָט זי מיט אַ טיכעלע אָפּגעפּאָכעט איר רונד קאַרשן־פּנים.

— ווילסט אַן „אײז־קרים קאָן“? — האָט זיך דורכגעשטופּט בוירנעלע.

— וואו קריכסטו? — האָט אים צוריק אַרויסגעשטופּט מעקסל.

— ס׳איז דיין האָל?

— מיינער!

מעי איז אַרויס אין דרויסן.

— ווילסט אַן „אייז־קרים־קאָן״? — איז בוירנעלע צוגעלאָפן און אַ ווייז געטאָן אַ „דאָים״ אויפן האַנט.

מעי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— דו וועסט עסן זיין „קאָן״? — האָט מעקסל איבערגעפרעגט מעיען.

— פאַרוואָס ניט? דיר וועט ער אויך געבן, כ׳וועל אים הייסן.

— איך דאַרף ניט, — האָט זיך מעקסל אַ כאַפּ געטאָן צו בוירנען. — אַוועק פון מיין טראָטואַר!...

— ס׳איז ניט דיינער!

— יאָ מיינער. נעם אַרונטער די ברילן, וועל איך דיר ווייזן וועמענס עס איז, — האָט זיך מעקסל אַוועקגעשטעלט אין פּאָזיציע.

בוירנעלע האָט זיך אַביסל איבערלייגט, געזען אָבער אַז מעי וואַרט, האָט ער אַרונטערגענומען די ברילן.

באַלד זיינען אָנגעלאָפן: אייבי, סידני, בעני, ס׳איז געוואָרן אַ טומל. דאָס נעגערל האָט זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. צו קיין געשלעג האָט מען ניט געוואָלט דערלאָזן. — ס׳איז ניט ריכטיק, האָט מען אָפּגעשטופּט מעקסלען אָן אַ זייט, — דו ביסט מיט אַ קאָפּ העכער.

— אָבער דיזעלביקע יאָרן, מיר זיינען פון איין קלאַס, — האָט זיך מעקסל געהיצט.

.5

פלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבן איבערן גאַנצן בלאָק אַ פריידיק געשריי בײַ די קינדער.

דזשאָן דער פייערמאַן, מיטן שניט אויפן פנים, איז אַרויס פון פייער־הויז באָדן די קינדער פון גאַס.

ער האָט אָנגעשטעלט די קישקע, אָפּגעדרייט דעם וואַסער־קראַן

און וואַסער — קאַלט, פריש וואַסער האָט אַ פלייץ געטאָן אין דער אומדערטרעגלעכער היץ.

צוערשט האָט ער מיטן שטראָם קונציק אויסגעוואַשן די גאַס. דער שטראָם האָט אַוועקגעשלעפּט דאָס גאַנצע שמוץ פון ברוק, אַז קיין ברעקל באַנאַנע־שאָלעכץ איז ניט פאַרבליבן.

דער סמאָלענער אַספאַלט איז פאַרשוואונדן אונטער אַ וואַסער־דיקן שפּיגל, אונטער אַ לעבעדיקן טייך.

ווי אַ וואַסער־פאַל איז געפאַלן דער שטראָם פון דער הויך, זיך צעשפּריט אין אַ פעכער פון וואַסער־שטויב — אין אַ בריליאַנטענעם שטויב, אויף וועלכן די זון האָט געשפּילט און געצירט אַ רעגנבויגן.

קינדער האָבן זיך איצט אַ לאָז געטאָן פון אַלע זייטן. מען האָט זיך דורכגעשריען פון פענצטער צו פענצטער, פון טענעמענט צו טענעמענט: מען באָדט די קינדער!

ווי ווילדע זיינען די קינדער געשפּרונגען אונטערן קאַלטן, אויס־געשפּריטן שטראָם — ווער אין אַ באָד־קאָסטיום, און ווער גלייך אין די זאָכן; נישקאָשע, שפּעטער וועט זיך אויסטריקענען.

אַן געשלעג האָט מען פאַרגעסן, אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום וואַסער. אייבי מיט סידנין האָבן פאַר גרויס פרייד געוואָרפן דעם באָל אין דער הויך, די לאַנגע סערקע אויף די דינע פיס, האָט ווי אַ בושל איין פיסל אונטערגעבויגן און פאַרוואונדערט אַרויפ־געלייגט אַ האַנט אויפן באַק. דער אַנגעגאָסענער בעני האָט זיך ווי אַ קייקל אַרונטערגעקוילערט אונטערן שטאַרקן, קאַלטן שטראָם. ס'האָט אים אַנגעהויבן טרייסלען, קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן און ווי אַן אָפּגעבריטער איז ער אַרויסגעשפּרונגען צוריק.

מעקסל איז שוין געשטאַנען אין אַ מאָדנעם אָנצוג, וואָס ער האָט גלייך אויפן שטעל פאַרוואַנדלט פון די הויזן און פון אַלטן וועסטל און זיך באַרימט פאַר מעיען, וואָס האָט גאָר פאַרגעסן אָן דער מאַמעס גאַנג:

— זעסט, — האָט ער זיך באַרימט, — כ'קען דאָ מאַכן אַזעלכע וואַסער־קונצן, וואָס דו האָסט נאָך אין דיין לעבן ניט געזען.

— מיך לאָזט מען ניט... — האָט בוירנעלע אַביסל באַרימעריש, אַביסל מיט באַדויערן זיך אָפּגערופן. — די מאַמע זאָגט, אַלע שלעפּיירים באָדן זיך דאָ... איכ׳ל זיך באָדן אין קאָני־איילאַנד...

— דאָ איז דאָס וואַסער טיפער ווי אין דיין קאָני־איילאַנד, — האָט מעקסל בייז אַ קוק געטאָן, העלדיש אַ שפּיי געטאָן און מיט איין שפּרונג געווען אונטערן שטראָם.

שטאַרק איז געווען דער שטראָם און האָט שטייף געמאַכט די גלידער. די דינע וואַסער־שפּיזן האָבן געשטאָכן ווי נאָדלען און ניט געלאָזט שטיין אויף אָן אָרט.

וואָס ווייטער האָבן זיך די קינדער אַלץ מער צעשפּילט. דער זייטיקער, נייגעריקער עולם איז אַלץ מער געוואַקסן, און מידע, פאַר־שוויצטע, האַלב מיט שפּאַס צוגעקוקט ווי די קינדער שפּרינגען און טאַנצן אונטערן שטראָם. ווער עס איז געקראָכן אויף אַלע פיר, ווער עס איז געריטן ביים צווייטן אויפן רוקן, און אַ גרויסע צאָל האָט זיך גאָר גענומען פאַר די הענט און געפירט אַ קאַראַהאָד מיטן שפּרינגענדיקן נעגערל אינמיטן.

6.

דורכן עולם האָט זיך צו דער פאָדערשטער ריי דורכגעשטופּט אַ געלער, פעטער מאַן, מיט אַ באַשפּרינקלט רויט פאַרשוויצט פּנים און מיט אַ צילינדער אין האַנט.

דערזען דאָס בילד, האָט ער זיך מאָדנע צעלאָזט אין אַ גע לעכטער, געקוקט אַ ווײַלע און באַלד אַריינגערוקט די פעטע האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען אַ הויפן קליינגעלט און אַ שמיץ געטאָן אונטערן שטראָם צו די קינדער:

— כאַפּט!

פּענים! — האָבן זיך די קינדער גיריק אַ וואָרף געטאָן אַלע מיטאַמאָל כאַפּן, אַליין ניט ווּסנדיק פאַרוואָס.

— נאָך! נאָך! — האָט דער געלער געוואָרפן און זיך גע־קאָטשעט פאַר געלעכטער, זעענדיק ווי פון אַלע קינדער איז געוואָרן איין נאַסער, לעבעדיקער קנויל.

די פריילעכקייט, די לייכטקייט איז פארשוואונדן. דער שטראם האט געריסן, געקילט די גלידער; די קינדער, כאפנדיק די פענים האבן ניט געקענט אפכאפן דעם אטעם. האבן זיך געשטיקט פון וואסער, געראנגלט זיך, געביסן, זיך אפגעריבן אן דעם אספאלט און זיך צעבלוטיקט.

בא מעקסלען האבן זיך גאר די אויגן צעברענט: ער וועט אנכאפן פענים מער פון אלעמען. וועט ער מעיען קענען קויפן אן „אייז־קרים־קאן" אזוי גוט ווי בוירני, נאכדעם וועט שוין בוירני אוועקפארן... און ער האט זיך געוואלגערט, געריסן זיך און גע־דראפעט.

דער עולם מיטן פעטן געלן בראש איז געווארן אלץ לוסטיקער און אלץ מער געקייכט פון געלעכטער, זעענדיק ווי דער גאנצער קנויל קינדער פאלט, ווי שיכור'ע, הייבן זיך און פאלן ווידער, האבן נאך אייניקע אנגעהויבן ווארפן געלט. מען האט שוין אנגעהויבן ווארפן ניקלס, דאימס.

דערזעענדיק אזעלכע מטבעות האבן זיך שוין גרעסערע אויך צוגעשארט. צוערשט האט מען נאר אויפגעהויבן די מטבעות, וואס האבן זיך צוגעקייקלט צו די פיס. באלד איז מען שוין געשפרונגען אין די זאכן אונטערן שטראם און געריסן, געראנגלט זיך פאר די מטבעות, — געשטופט און געטראטן דאס קליינוואַרג...

מעקסל איז ארויס מיט אן אפגעטראטענעם פוס. ער האט אזש געהונקען, אבער מיט א זיגערישער מינע. אין פויסטל האט ער גע־האלטן פארקוועטשט א מטבע.

ווען ער האט צעעפנט די האנט, האט ער דערזען א פעני, אן אפגעריבענע קופערנע פעני...

ער האט א קוק געטאן אויף מעיען און בוירנין, ווי זיי שטייען ביידע. ער האט נאכאמאל א קוק געטאן אויף זיין פעני, האט ער דערפילט דעם גאנצן ווייטיק פון דעם אפגעטראטענעם פוס און איינ־גענורעט און צוהינקענדיק אריין אין האל.

דער דיקער געלער האט נאך אלץ געלאכט...

חרטה

1.

פריידיק האָבן זיך די קינדער צוזאַמען געטראָפן אויפן ראָג.

— העלאו סעמקע! האָט נאָך פון דער ווייטן געשריען דער מורזעוואַטער, אויסגעשמירטער קאמילא, שוין זומערדיק אָנגעטאָן און פאָכנדיק מיט אַ ביקסל אין האַנט.

סעמקע מיט רויטע בעקלעך און גלאַנציקע קארשן־אויגן, נאָך אין די ווינטערדיקע קליידער מיטן ברוינעם סוועטער פון אונטן האָט צופרידן אָפגעוואָרט קאמילאָן, זיך געוואונדערט אויף זיין זומערדיקן הילוך, און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

קום אַהער, ווייז דאָס ביקסל.

— אָט איז דזשימי! — האָבן זיך ביידע אַ כאָפּ געטאָן.

— דזשימי, קום אַהער.

— דזשימי — אַ דאַרער, אַ געלער, אינגאַנצן אין זומער־שפרינקעלעך, מיט אַ דין פאַרריסן נעזל, מיט פונקעלעך אין די העלע אויגן, — איז זיך געגאַנגען פּאַמעלעך, פאַררוקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, דעם קאָפּ איינגעצויגן אין די אַקסלען, ווי ס'וואָלט אים קאַלט געווען.

— גיכער, קום אַהער! — האָט סעמקע גערופן.

— לילי קומט, קוק, לילי קומט! איז אונטערגעשפרונגען קאַמילאָ.

— אָ, העלאו, לילי! — האָט סעמקע זיך אַ כאָפּ געטאָן און אינגאַנצן אויפגעשיינט.

— העלאו, סעמי! איז זיך לילקע געלאָסן צוגעקומען, אינגאַנצן אַ פרימאָרגנדיקע אין איר רויטן סוועטערל, און חנעוודיק פאַרשאַרט מיטן הענטל אירע ענגליש־אונטערגעשאָרענע האָר.

באלד איז צוגעקומען ביטרים מיט א שפרונג־שטריק אין האנט.

און נאך און נאך פון אלע זייטן זיינען געקומען קינדער. אפילו דער פיר־יאריקער הערילע, דעם הויז־וועכטערס אינגעלע, אין גרויסע ניט צוגעפאסטע שיך, און נאך א גרעסער היטל, מיט עפעס איינגענייטע פרעמדע מעשענע קנעפ אין זיין פארשמאדערט מאנטעלע, איז אויך געקראכן פון קעלער־שטוב. דאס היטל — די גרויסע טשאפורע — האט זיך אים אראפגערוקט איבערן נעזל, האט ער שווער געסאפעט, נישט פארשטאנען זי אויפצוהייבן, און בלינד אויף אלע פיר זיך געדראפעט אויף די טרעפ פון קעלער ארויס.

באלד איז דער טראטואר צעקעסטלט געווארן פון ווייסן קרייד. די מיידלעך טאנצן, שפרינגען אויס פיגורן. די אינגלעך שפילן באל און לויפן מיט א טומל פון איין טראטואר אויפן צווייטן.

נאר דער קליינער הערילע שטייט מיט פארקוקטע אויגן, צוגעשפארט צום אייזערנעם צוים פון קעלער, גיט זיך קיין ריר ניט, נאר ווארימט זיך אויף דער זון און קוקט נאך יעדע באוועגונג פון די קינדער.

— דזשי, היינט איז ווארים, זאגט דער דיקער סעמקע א פארשוויצטער פון באל. — אבער דו, קאמילא, זאגט ער מיט זיכערקייט — דו וועסט זיך פארקילן...

פונוואנען ווייסטו?

— כ׳ווייס.

— לאז אפ, רופט זיך אפ דזשימי,—אן איטאליענער שאדט ניט.

— לאמיר גאר גיין אין פארק צו די קוואלן, כאפט זיך פלוצלונג ארויס קאמילא.

— טאקע אין פארק, — כאפט אונטער סעמקע.

— זאל זיין אין פארק, זאגט דזשימי.

אין פארק, אין פארק! ווערט א גערודער צווישן די קינדער.

— ניין, ס׳איז נאך קאלט, די מאמעס וועלן ניט לאזן! — רופט זיך אפ א סטאטעטשנע מיידל, מיט א גלאסן פנימל און א שאל אויפן האלדז.

— װאָס איז דײַן דאגה? — שפּרינגט צו קאַמילאַ אַ צעקאָכטער.
סעמקע דרײט זיך דערװײַל צװישן דער גאַנצער כאַפּטע אינגלעך.
יעדערן שטורכעט ער מיטן פינגער אין ברוסט:
— דו װעסט גײן! דו װעסט גײן!

יעדעס אינגל נעמט צו דעם שטורך שװײַגנדיק־ערנסט. אַלע פאַרריכטן נאָר די היטלען און קוקן מיט אַ מינע, װי זײ װאָלטן געװען גרייט צו גײן אין פײַער און אין װאַסער. דער קלײנער הערילע האָט זיך דערװײַלע צוגעשאַרט מיט די גרויסע שיך און זיך צוגעשטעלט צו אַלע אינגלעך. זעענדיק, אַז סעמקע שטורכעט אים ניט אין האַרצן, האָט ער פאַרריסן דעם קאָפּ צו סעמקען, אויף זיך אַלײן געטײַטלט מיטן פינגער און גערופן — מיך אויך...

סעמקע האָט אויף אים מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטאָן:
— נאָך צו קלײן, סט'גײן מיט דײַן מאַמען.
לילקע איז צוגעשפּרונגען אַ פאַרפלאָמטע:
— מיר, מײדלעך, גײען אויך...
— גוט, האָט סעמקע געזאָגט.
— נײן, האָט דזשימי צונויפגעזשמורעט זײַנע העלע אויגן, — דו װעסט זײ מיטנעמען, זײערע מאַמעס װעלן שרײַען און מירן זײַן שולדיק.
— נײן, מ'דאַרף ניט! — האָבן די אינגלעך אויפגעהויבן אַ געשרײ.
— מירן יע גײן — האָבן געשריען די מײדלעך און אויסגעמישט זיך מיט די אינגלעך.
— נײן, איר'ט ניט גײן... האָבן זיך די אינגלעך אָפּגעטײלט פון זײ.
— דו, סעמקע, ביסט אַ שלעכט אינגל — האָט לילקע געמאַכט אַ קאַפּריזנע פּנים.
— דו אַלײן אפשר יאָ, — האָט אָנגעהויבן סעמקע.
— נײן, קײן אײנע ניט, — האָט קאַלט און פאַרביסן געזאָגט דזשימי.

קאַמילאַ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָפּשטופּן די מיידלעך. ס׳איז געוואָרן אַ שפּאַרעריי, אַ קריגעריי. פאַרבייגייערס האָבן זיך אָפּגע־שטעלט קוקן, וואָס דאָ טוט זיך. געשטאַנען אַ ווײַלע און שמייכלענדיק אוועקגעגאַנגען.

נאָר דער קליינער הערילע איז זיך געשטאַנען רואיק מיט דעם פּוזעוואַטן בייכל אַרויסגעשטעלט, מיט דעם גרויסן ווינטערדיקן היטל איבערן שטערן, פון וואַנען ס׳האָבן אַרויסגעקוקט, ווי פון אַ באַהעל־טעניש, זיינע שוואַרצע פאַרקוקטע אויגן.

אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט, האָט ביטרים געשריען:

— מיר דאַרפן זיי ניט, מירן פּונקט אַזוי טרעפן ווי זיי.

— אָבער וואו די קוואָלן זיינען ווייסט איר ניט, האָט קאַמילאַ אַרויסגעשטעלט אַ צונג...

די אינגלעך האָבן זיך מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן לויפן צום פּאַרק, און דער קליינער הערילע פון הינטן נאָך זיי.

2.

אין פּאַרק זיינען ווי דורך דער נאַכט גרין געוואָרן גאַנצע שטיקער פון די לאָנקעס.

אויף די אַקאַציען־ביימלעך האָבן זיך שוין אויסגעשאָטן יונגינקע, העל־גרינע קנאָספּן, ווי קרייזלעך אויף קינדערשע קעפּלעך. נאָר ערטערוויז האָבן נאָך געגעלט פליכעוואַטע שטיקער ערד און דער־מאָנט אָן פאַרלאָפענעם הארבסט און ווינטער.

פון דער ווייכער צעפּלאַצטער, אָנגעוואָרימטער ערד האָבן זיך גלייך באַגינען אַ לאָז געטאָן אָן אַ צאָל רעגן־ווערים און פאַרפלייצט די נאַסע שטעגלעך, די פייכטע אַלייעס.

ווי אַ מחנה שפּערלעך האָבן זיך די קינדער אַ לאָז געטאָן מיט אַ פּלאַפּלעריי, מיט אַ געברייערײַ איבער לאָנקע און שטעג, דורך אַלייעס און קוסטעס. באַלד זיינען זיי שוין געקראָכן אויף די פעלזן פון פּאַרק, זיך געדראַפּעט אויפן „אינדיאַנער שטיין“, וואָס קוקט אויף דער סאַזשעלקע. סעמקע, דזשימי און קאַמילאַ און נאָך

אינגלעך האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן צו די קוואַלן אין זומפּיקן טאָל, וואו דער פּאַראַיאַריקער שטייפער פליושטש איז געווען פאַרטרונקען ביזן האַלדז אין וואַסער.

ס'שלאָגן קוואַלן; ס'שנירלען זיך גאָלד-געלע לייטיקע רינגעלעך און וואַסער-אָדערלעך, ס'פליצט איבער די רינגעלעך אַ קלאָר וואַסערל מיט אַ פערלמוטערנעם שליים פון אויבן, און זינגט מעלאָדיש, קאַ-טשענדיק זיך איבער שטיינדלעך און וואָרצלען.

שלענגלען זיך די פרישע פרילינגס-וואַסערלעך, קריכן אַריין אין דער ערד און קומען אַרויס צוריק נאָך מער געלייטערט, און ציען זיך שוין אין אַ טייכל, וואָס האָט אַן אויסגעלייגטן גרונט — פון פילפאַרביקע שטיינדלעך, וועלכע, דוכט זיך, רירן זיך, וויגן זיך דאָרט.

קאַמילאַ שפּרינגט לויפט איבער די שטאַמען פון די אויסגע-האַקטעביימער, וואָס ליגן אויף אַ זייט און וואָס מען האָט נאָך ניט באַוויזן אָוועקצונעמען.

סעמקע לויפט זוכן אַ ברעט אויף אַ הוידע — אַזאַ געלעגנהייט זיך צו הוידען איבער זיי! און דזשימי רייסט אַ צווייגל פון אַ נוס-בוים, כאָטש ער ווייס, אַז מע טאָר ניט.

די קינדער שפּרינגען אויף די קלעצער, זעצן זיך רייטנדיק, קריכן אין די זומפּן, נעמען ליים און בויען פאַרצאַמונגען אין טייכל און האַלטן אָפּ דאָס וואַסער. קומט אָן דאָס וואַסער הויך-הויך, בויען זיי נאָך העכער, הייבט עס זיך אַלץ, און מיטאַמאָל גיט עס זיך אַ רים דורך...

ווערט אַ פרייד, אַ געשריי, צעגלאַנצן זיך די אויגן, און מע לויפט ווידער נאָך ליים.

נאָר הערילע האַלט זיך פונדערווייטן. ער איז זיך אַ מענטש פאַר זיך. די ערשטע זאַך איז ער אַריין מיט די גרויסע שיך אין ריטשקעלע און זיך דורכגעשפּאַצירט אין וואַסער הין און צוריק. געזען, אַז דאָס וואַסער ווערט אַזוי שיין, גאָלדיק-געל, איז ער אַרויס מיט די אָנגענומענע שיך מיט וואַסער, געפונען אַ פּאַפּירן צעריסן קעסטעלע און מיט די הייפלעך געשעפּט דאָס געלע וואַסערל און

געגאָסן אין פּאַפּירענעם קעסטעלע און געוואונדערט זיך, פאַרוואָס עס ווערט ניט פול...

— מיר האָבן אַ ברעט! — האָט סעמקע און נאָך אַ פּאָר אינגלעך געשריען, שלעפּנדיק אַ ברעט, — דזשימי, קאַמילאַ, קומט זיך הוידען! —

3.

הוידען זיך די קינדער אַרויף־אַראָפּ, סעמקע פון איין זייט, דזשימי פון דער צווייטער און קאַמילאַ אינמיטן, — אַ פוס אַהער, אַ פוס אַהין, וויגט און באַלאַנסירט. אַרויף־אַראָפּ — דאָס ערשטע מאָל היי־יאָר. דאָ הייבט מען זיך אויף אַזוי הויך־הויך, אַז עס ווערט אַזש קיל אין האַרצן און אַט פאַלט מען, דוכט זיך, נאָר געשעדיגט צו ווערן...

— די מיידלעך גייען! — הייבט זיך פּלוצלונג אויף אַ געשריי. מיט אַ טראַך פאַלט דאָס ברעט צו דער ערד. דזשימי, סעמקע, קאַמילאַ, אַלע — אַלע שטייען און קוקן, ווי די מיידלעך קומען אָן מיט לילקען און ביטריסן אין דער שפּיץ.

זיי גייען עפּעס ניט דרייסט, אַנדערע האַלטן זיך פאַר די הענט.

— ניט צולאָזן זיי צו די קוואַלן! האָט דזשימי אַ זאָג געטאָן צו די אינגלעך.

די מיידלעך האָבן עפּעס ווי דערפילט די קריגערישע שטימונג פון די אינגלעך, זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהויבן אַ געשריי: — בע, בע! מיר האָבן געפונען!

— לאָמיר זיי גאָר פאַרטרייבן! האָט זיך אויפגעקאָכט קאַמילאַ. די אינגלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די מיידלעך. יענע האָבן אויפגעהייבן אַ געשריי.

קאַמילאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן ביטריסן, דזשימי האָט געוואָלט אַ כאַפּ טאָן אַן אַנדערע, האָט ער זיך דערווייל אויסגעגליטשט אין נאַסן ליים. באַ די מיידלעך איז געוואָרן אַ געלעכטער. סעמקע האָט זיך געיאָגט נאָך לילקען, וואָס האָט זיך אַרויסגעדרייט פון זיינע הענט און געלאָפן ווילד.

בא די מיידלעך האָט זיך אויפגעהויבן אַ פריידיקער געשריי. ביטרים האָט זיך אַרויסגעריסן פון קאַמילאַס הענט און אים אַליין אומגעשליידערט. די איבעריקע האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום איר. לילקע איז אויך צוגעלאָפן מיט סעמקען אַלץ נאָך איר.

— ס׳איז דיין פאַרק? ס׳איז אייער פאַרק? האָט ביטרים אַנגעהייבן שרייען, און עטלעכע מיידלעך האָבן אַ כאַפּ געטאָן סעמקען, וואָס איז באַלד אַריינגעפאַלן צווישן די מיידלעך, און זיינען אים באַפאַלן.

סעמקע איז געבליבן שטיין אַפּהענטיק און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

די מיידלעך זיינען געוואָרן נאָך דרייסטער.

— איר שלעכטע אינגלעך, מירן דערציילן אייערע לערער. דו ביסט אַ שלעכטער, האָט לילקע מיט ברוגז געקוקט אויף סעמקען.

דאָס איז דאָך אויף צופלייסן, — האָט סעמקע זיך געפּרובט פאַרענטפערן.

די מיידלעך האָבן געזיגט. צוערשט האָט מען זיך נאָך גע־שפּילט באַזונדער — באַלד האָט מען זיך שוין געשפּילט צוזאַמען און די הוידע האָט זיך געהוידעט איבערן קלאָץ אַרויף־אַראָפּ.

אויף איין עק ברעט זיינען שוין געזעסן לילקע מיט ביטריסן, אויף דעם צווייטן עק סעמקע מיט דזשימין און קאַמילאַ שטייענדיק אין באַלאַנס.

— לאָמיר זיי אָפּטאָן, — האָט שטיל אַ זאָג געטאָן סעמקען דער אויסגעשמירטער דזשימי, און צוגויפגעשמעלט די העלע אויגן. מירן אַראָפּשפּרינגען פון ברעט — זאָלן זיי זיך קייקלען...

— גוט, האָט צוגעשטימט צו דער חכמה סעמקע. צו דער סאַמער ערד האָבן זיי אַראָפּגעוויגט דאָס ברעט און באַלד אָפּגע־לאָזן. די ערשטע איז געפאַלן לילקע און אויף איר ביטרים...

אַ צעבלוטיקטע האָט זיך לילקע אויפגעהויבן; פאַלנדיק, האָט זי זיך אָפּגעקלאַפּט און זיך אָפּגעריבן אָן אַ בוים.

די מיידלעך האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי:

— בלוט, בלוט! גיבער וואַסער אַהער!

קאַמילאַ האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער איז גלייך אַנטלאָפן. דזשימי איז געשטאַנען מיט די הענט אין די הויזן און תמעוואַטע געשמייכלט. נאָר סעמקע איז אַרומגעלאָפן אַ דערשראָקענער. געזען ווי לילקע זיצט אונטער אַ בוים מיט אַ פאַררויטיקט טיכעלע באַם מויל און וויינט, איז אים אונטערגעגאַנגען אונטערן האַרצן — האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר און געשוואָרן:

— ס'איז געווען אויף צו פּלייסן, אויף מיין וואָרט, ס'איז געווען אויף צופּלייסן!

— אַוועק! האָט אים ביטרים געטריבן. ער אָבער האָט אַלץ זיך געדרייט אַרום לילקען, געקוקט איר אין די אויגן און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ געפרעגט:

— ס'טוט ווי?

לילקע האָט נאָך מער געוויינט.

— וואָלסטו זיך אַזוי צעקלאַפּט דעם קאָפּ! האָט געשריען ביטרים.

— וויין נים, אויף מיין וואָרט, ס'איז געווען אויף צו פּלייסן — האָט אַלץ געדעדט סעמקע.

— זעסט, איך וועל מיין קאָפּ אויך אָפּקלאַפּן, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אונטערן זעלביקן בוים, וואָס לילקע, און זיך גענומען קלאַפּן דעם קאָפּ אָן בוים און פרעגן לילקען:

— גוט, אַ?

לילקע האָט אויפגעהערט צו וויינען.



סידני

סידני האָט נאָר געדאַרפט פאַרשטעלן זיך די אויגן מיט זיין דאַר הענטל, זיי פעסט פאַרמאַכן און ער האָט געזען וואונדערלעכע זאַכן.

צוערשט פלעגט זיך פאַר אים פאַנאַנדערוויקלען אַ שוואַרצער סאַמעט. אויפ'ן סאַמעט פלעגן זיך, אויסשיטן גליענדיקע פונקען, פונקען ווי שטערן אויפן נאַכטיקן הימל. נאָכדעם פלעגט אַ פינקעלע־פינטעלע זיך אויסרייסן פון אָרט, ווי אַ פאַלנדיק שטערנדל, און זיך אַ לאָז טאָן גלייך צו אים. און וואָס נעענטער אַלץ גרעסער — גרעסער, פאַרביקער — ביז עס פלעגט פון אים ווערן אַ גרויסער קאָלירטער קויל, שענער פון דעם שענסטן זייפנבלאָז אויף דער זון, און עס פלעגט פלאַצן פאַר די סאַמע אויגן, פאַרן סאַמע נעזל...

באַלד פלעגן ארויסקומען געשטאַלטן, מאָדנע געשטאַלטן, נאָר צו קאַטשען זיך פון געלעכטער קוקנדיק אויף זיי. עפּעס טאַנצנדיקע, שפּרינגענדיקע, מיט לאַכנדיקע פּנים'ער און ווינקענדיקע אויגן, אמת'ע לצים. פלעגט זיך אים פאַרוועלן לאַכן, נאָר עפּעס האָט ער מורא געהאַט: ער האָט שוין געוואוסט, אַז נאָכדעם קומען די, וואָס מאַכן אים צו שרעקן זיך.

און האָט ער נאָר אַ קלער געטאָן, אַ־האַ, זיי זיינען דאָ! האַרבאַטע, מיט לאַנגע בערד, מיט בייזע פייערדיקע אויגן... און פּלוצלונג דערזעט ער ווי הענט ציען זיך צו אים, ווילן אים אָנכאַפּן... ער ווייס, אַז ער דאַרף נאָר אוועקכאַפּן די האַנט פון די אויגן, און ער איז פּטור פון זיי, אָבער ער קען ניט אוועקנעמען די האַנט: עפּעס איז זי צוגע־וואַקסן צו די אויגן. און ער רופט צעשראָקן:

— מאַמע, מאַמע!

גיט זיך די מאַמע אַ בייזער:

— וואָס איז שוין דאָרטן?

ערשט איצט כאַפּט ער אָוועק די האַנט. אַלץ פאַרשווינדט, ער ציט אַפּ דעם אָטעם, נאָר פאַר די אויגן פינקלען נאָך פונקעלעך שטערנדלעך.

ביינאַכט פלעגט ער עס טאָן. אין שטוב איז טונקל, אומעטיק. ניטאָ מיט וואָס צו שפּילן זיך. זעלטן, ווען ער בעט שוין אַפילו די מאַמען קויפן אים וואָס. ער ווייס שוין, די מאַמע וועט ענטפערן:

— עס סטייעט מיר ניט אויף בילכערע זאַכן, כ'האָב ניט אויף שיכלעך פאַר דער קליינער, און דיר. אַ צען־יאָריקן בחור, ליגט גאָר ווייסטו וואָס אין זינען.

ס'פאַרדריסט אים: שטענדיק שיכלעך פאַר דער קליינער:

ווילט זיך אים זאָגן:

רייטשלס ברודער האָט מען געקויפט אַ קליינעם וועלאָ, ריכטיק ווי אַ גרויסער, אויף אַ צוויי רעדער, און ער האָט דריי שוועסטערלעך. אָבער ער ווייס: די מאַמע וועט זיך צעשרייען מיט האַרץ:

— כ'האָב דיר שוין טויזנט מאָל געזאָגט, אַז דו קענסט זיך מיט לייטן ניט פאַרגלייכן. דו האָסט קיין טאַטן ניט און יענע האָבן טאַטעס.

רעדט ער גאָרנישט, שווייגט ער. גייט ער אַפּ אַ פאַרטראַכטער. אַז ער דאַרף שוין גאָרניט. אַ דאגה האָט ער: ער קען זיך פאַר־שטעלן וועלכע זאַכן ער וויל.

אַט, ער האָט בא רייטשלען געזען, ווען ער איז געקומען צו זיי נאָך „לאונדרי" (אין דער פרייער צייט פון סקול אַרבעט ער פאַר אַ וואַשהויז), ווי זי פאַרזעצט אַ מין ציבעלע אין אַ שיסל פול מיט שיינע שטיינדעלעך. זי האָט אים אַליין אַ רוף געטאָן ווייזן. צום אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז אַן אמת'ע ציבעלע; אָבער דערביי איז שוין געשטאַנען נאָך איינע, מיט אויסגעוואַקסענע, שלאַנקע בלעטלעך־שטעקלעך, מיט שיינע וויאָלעטע בלימלעך־בעכערלעך.

— גיב אַ שמעק. — האָט זי אים געזאָגט.

אַ מחיה געווען אַ שמעק צו טאָן.

— דו האָסט ניט אַזאַ... — האָט זי געזאָגט.

האָט עס אים פאַרדראָסן. פרעגט ער זי:

— געדויערט לאַנג דאָס וואַקסען?

זאָגט זי שטאָלץ:

געווים, לאַנג.

— און בײַ מיר קאָן עס אויסוואַקסען אין איין מינוט. — באַרימט ער זיך.

וואונדערט זיך רייטשקע: ס'קען ניט זיין.

פאַרמאַכט ער די אויגן, לייגט אַרויף דאָס הענטל. ערשט ער זעט, די ציבעלע צעעפנט זיך אין אַ רגע, שפּראָצט, וואַקסט גרויס, דיק, הויך. עס ווערט אַ גאַנצער בוים, און דער בוים צעצווייגט זיך, צעצווייגט זיך, און די וויאָלעטע בלימלעך-בעכערלעך שיטן זיך אַרוים אָן אַ שיר, אָן אַן ערך. עס שמעקט וואונדערלעך, און קאָלירטע פונקעלעך ווי פויגעלעך פליען, פליען צווישן.

רופט ער אוים:

— זע נאָר!

פרעגט זי:

— וואָס?

זאָגט ער איר:

— פאַרמאַך די אויגן.

— שוין.

— גוט פאַרמאַכט?

— גוט.

— לייג אַרויף אַ האַנט.

— שוין.

— גוט אַרויפגעלייגט?

— גוט.

— זעסט די ציבעלע?

— איך האַלט דאָך פאַרמאַכט די אויגן, טו ווי קען איך זען? — ענטפערט זי.

— מען דאַרף זען די ציבעלע.

— כ'זע ניט...

אים ווילט זיך זייער, זי זאָל זען. מאַטערט ער זיך מיט איר אויף אַלערליי וועגן, ביז וואַנען זי ווערט ברוגז:

— מען קען ניט זען מיט פאַרמאַכטע אויגן.

און ער גיט, ווי אַ גרויסער, אַ מאַך מיט'ן הענטל:

— דו ביסט אַ בלינדע.

צו רייטשקען וואָלט ער אָפט געלאָפן. ער וואָלט צוואַנציק מאָל אַ טאָג געלאָפן צו זיי אין הויז נאָך „לאָונדרי". כאָטש אַזוי האָט ער ניט ליב דאָס אַרומלויפען איבער די שטיגן און שלעפן די פעקלעך. אַן אַנדער מאָל צו שווערע פאַר זיינע דאַרע הענטלעך. מיט רייטשקען טרעפט ער זיך באַ דער סקול אויך. נאָר רייטשקעס מאַמען האָט ער ניט ליב. עפּעס קוקט זי אויף אים אַזוי מאָדנע, ער קען דאָס ניט פאַרליידן. אים דוכט, אַז זי זוכט די לעכער באַ אים אין קאַפּטל, די לאַטעס אויף די הויזלעך און שיכלעך. דערזעט ער זי, דערפילט ער אַלע ריסן באַ זיך אויפן קאַפּטל. פּרובירט ער פאַרשטעלן מיט אַ הענטל, האָט ער אָבער ניט אַזוי פיל הענטלעך; דרייט ער זיך אוים צו איר מיט איין זייט, מיט דער צווייטער און געפינט זיך קיין אָרט ניט.

און ווען זי זעט, אַז רייטשקע רופט אים צו, פרעגט זי שטענדיק אַלץ דאָס אייגענע:

— רייטשקע, ער גייט דאָס מיט דיר אין איין סקול?

— מיר זיינען אין איין קלאַס, מאַ.

רייטשקע געפעלט אים טאַקע.

לויפט ער איבער דער קאַלטער גאַס מיטן פעקל „לאָונדרי". טר... טר... קלאַפּן די ציינדלעך; ס'איז קאַלט. קוים וואָס ער פאַר־שטעקט די הענטלעך אין די אַרבל, אויפגעשטעלט דאָס קאַלנערל. טר... טר... קלאַפּן די ציינדלעך... ער וועט אָפּגעבן דעם פעקל „לאָונדרי", און דער נעקסטער „קאַסטימער" וועט זיין רייטשקעס הויז. מיט רייטשקען האָט ער שוין אַזוי לאַנג ניט גערעדט, עפּעס

בא דער סקול דרייט זי זיך אוועק פון אים. אין שטוב בא איר וועט ער שוין מיט איר רעדן. אבער פארוואס איז אזוי קאלט? סע שטעכט אין די שפיצן פינגער, אין די אויערן. פארוואס איז ניטווארימער?

דער פאק האט זיך א רוק געטאן, שיר ניט ארויסגעפאלן. ער איז געבליבן שטיין. ווי קאלט! ווען איצט איז זומער!

און ס'פארבענקט זיך אים אזוי! ס'פארווילט זיך אים דער זומער, און ער פארקוועטשט די אויגן... ס'ווערט אים ווארים און פריי אין די גלידער, ס'שמעקט די גאס מיט זומערדיקן שטויב און מען גייט ניט אין סקול...

האט אים ווער א שטויס געטאן: שטיי ניט אין וועג! האט ער זיך אויפגעכאפט און געלאפן ווייטער, די הענטלעך אין די ארבל, דאס קאלנערל אנגעשטעלט מיטן באמבלדיקן פעקל „לאונדרי" אויף צופריער. טרר... טרר... קלאפן די ציינדלעך.

אריינגעלאפן:

מיסטער לאונדרימאן, איר וועט מיר איצט געבן דאס פעקל צו מיסעס גאלדפארב...

— ניין, דארטן קען איך דיך ניט שיקן.

— פאר וואס?

— דו קענסט דארטן ניט קלינגען דאס גלעקל; צום אנהייב קלינגסטו, אז מען קען דיך קוים דערהערן; נאכדעם, אז מען ענטפערט דיר ניט אזוי גיך, קלינגסטו עטלעכע מאל, ווי אויף א שרפה...

— שיקט מיך, מר. לאונדרימאן, כ'וועל שוין קלינגען גוט...

— כ'קען ניט, שיר א קאסטימער פארלארן. אנגעזאגט מען זאל דיך מער ניט שיקן.

— וועל איך מער ניט גיין פאר אייך...

— וועלן מיר זען, וואס דיין מאמע וועט זאגן, דו וועסט קריגן דיין חלק, וועסטו בעסער ווערן...

שוין לאנג, אז ער האט ניט געזען רייטשקען: זי גייט שוין

מסתמא אין סקול אין אַן אַנדער צייט. ער איז אַוועק צו אַן אַנדער „לאַונדרימאַן", כאָטש די מאַמע האָט געשריען, זיך געבייזערט. דער ערשטער האָט בעסער געצאָלט.

קלערט ער, אַ רחמנות אויף דער מאַמען. געדאַרפט אָנקומען צוריק צום ערשטן. וואָרים וואָס דאַרף ער רייטשקען? ער דאַרף זי ניט... אָט האָט ער אַ לאָמפּן-געשעפט; שטייט אין פענצטער אין מיטן צווישן די אַלע שיינע עלעקטרישע לאָמפּן אַ ליאַלקע אין אַ ראָזעווער קליידל, ווי אַ לעבעדיקע, אין גאַנצן געראָטן אין רייטשקען. נאָר אַזאַ קליינטשיקע, אַ רחמנות אויף איר...

קומט אָן דער אָוונט צינדן זיך אָן די עלעקטרישע לאָמפּן אין פענצטער. לויפט ער שוין צו מיטן פּעקל צו אַן פּעקל. און זי שטייט אין מיטן צווישן די אַלע שיינע קאָלירטע לאָמפּן. זי אַליין לייכט זיך אין גאַנצן אין איר ראָזאָווער קליידל. דאָס פּנימ'ל אירס שמייכלט, זי איז אַן אמת'ע רייטשקע! די ראָזע הענטלעך אירע מיט די דינע פינגערלעך ציען זיך צו אים...

קוקט ער לאַנג... קוקט זיך אָן און גייט שפּעט אַהיים...



פון דער אלטער היים

קאַשטאַן

האָט איר געלייענט שלום-עליכמ׳ס מעשה וועגן אַ אידישן הונט „ראַבטשיק״? באַ אונדז אין שטעטל איז געווען אַזאַ קהל׳שער אידישער הונט, אָבער גאָר פון אַ גאַנץ אַנדער טבע.

„קאַשטאַן״ האָט מען אים גערופן. — אַ געלער, אויסגעפּאַשעטער הונט ווי אַ קאַלב, און שטאַרק ווי אַן עקסל.

באַ אונדז אין שטעטל איז אויך געווען שלום-עליכמ׳ס גאַנצע קאַפּעליע קצב׳ישע הינט: דער שוואַרצער „זשוק״ אַן דעם ווידל, דער רויטער מאַכנאַטער „רודעק״, דער קליינער עזות׳דיקער „צוציק״ און די אַלע אַנדערע הינט, וואָס פלעגן זיך אַרומדרייען אַרום די יאַטקעס באַטאָג און באַנאַכט איבערן פּוסטן מאַרק.

דאָס זענען אַלץ געווען הינט מיט הינטישע אונטערטעניקע כאַראַקטערס. מיר, אינגלעך, האָבן געקאָנט מאַכן מיט זיי, וואָס מיר האָבן געוואָלט: צווינגען זיך שטעלן „סמירנאָ״ אויף די הינטערשטע פיס: אונדז אָפּגעבן „טשעסט״ מיט איין לאַפּע, אַנבלאָזן אין אַן אויער, אָדער גאָר צוקוועטשן דעם ווידל...

אָבער מיט קיין איינעם פון זיי האָבן מיר ניט געפירט קיין חבר׳שאַפט; חבר זענען מיר נאָר געווען מיט קאַשטאַנען, כאָטש ער פלעגט זיך ניט שטעלן „סמירנאָ״, זיך ניט לאָזן בלאָזן אין אויער, און וועגן צוקוועטשן דעם ווידל איז שוין אָפּגערעדט.

ער איז געווען אַ שטאָלצער הונט, אַ פּערזענלעכקייט, מיט אַ מויל ציינער, וואָס ער פלעגט באַ זיין יעדער אומצופרידנקייט אַזוי אַרויסווייזן, אַז מען האָט געמוזט האָבן דרך-ארץ.

קאַשטאַנען האָבן מיר ליב געהאַט. וועגן קאַשטאַנען האָבן די עלטערע כיתות אינגלעך דערציילט מעשׂות: אַז ער האָט אַרויסגעשלעפּט פאַרן קליידל אַ מיידעלע פון טייך; אַז באַ נאַכטע דעם פאַכטער

האָט ער גערעטעוועט אַ פערד פון וועלף. און דער עיקר, ער האָט בא דעם רבי'ן, „ר' בערציק קניפ" אָפּגעריסן אַ פּאָלע און אים אויף טויט איבערגעשראָקן . . . אמת, דאָס געשמיסענע אינגל, וואָס האָט קאַשטאַנען אָנגערייצט, איז ווידער געשמיסן געוואָרן, און קאַשטאַנען האָבן ר' בערציקס קרובים אַ פּאָר טעג ארומגעזוכט, אָבער קאַשטאַן איז געוואָרן אונדזער העלד און אונדזער חבר.

קאַשטאַן איז טאַקע געווען אונדזערער אַ קינדערשער הונט. אויב ער פלעגט ניט דערלאָזן מאַכן קיין קונצן מיט זיך, האָט ער אָבער גוטמוטיק געלאָזט פירן אויף זיך אונדזערע קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך. ער פלעגט זיך שטיין רואיק, גוטמוטיק, און לאָזן זיי ארויפזעצן זיך אויפן רוקן; פון צייט צו צייט אומדרייען דעם קאָפּ, אַ קוק טאָן, וואו האַלט עס דאָרט אין דער וועלט, צי עס זיצט שוין, און פּאַוואָליע זיך דורכשפּאַצירן מיטן קינד.

ער איז אויך געווען אַ אידישער הונט. אַ חזיר פלעגט ער אַ גאַס ניט אדורך לאָזן. פלעגט ער נאָר דערזען אַ חזיר, פלעגט ער זיך אַ וואָרף טאָן ווי אַ וואָלף, זיך איינבייסן אין אַן אויער און אַזוי באַגלייטן דעם קוויטשענדיקן חזיר ביז די גוי-אישע גאַסן.

די „מעשטשאַניעס" האָבן אים דעריבער שטענדיק געוואָלט פּאַר'סמ'ען. ניט איין מאָל האָבן שקצים אים אונטערגעוואָרפן ברויט מיט גיפטיקע קאַשטאַנעס, פעטע קאָטלעטן מיט צעשטויסן גלאָז . . . נאָר שטענדיק פלעגט עס קאַשטאַן דערשמעקן און זיך ניט צורירן.

קאַשטאַן איז געווען אַ הונט פאַר זיך. קיין באַלעבאָס האָט ער ניט געהאַט און ניט געוואָלט האָבן. איז געקומען אַ אינגל זיך באַרימען, אַז ער האָט „איינגענאַדזשעט" קאַשטאַנען, אַז איצט איז שוין קאַשטאַן זיין הונט, און ער קאָן אים אָנרייצן אויף וועמען ער וויל, אַז ער האַלט אים אין שטוב און גיט אים פון „פייגל-מילך" . . . האָבן מיר געוואוסט, אַז עס איז ניט אויף לאַנגע יאָר. כמעט יעדעס אינגל פון אונדז האָט עס פּרובירט. אין עטלעכע טעג ארום האָבן מיר געהאַט זיך צו רייצן מיטן אינגל: וואו איז קאַשטאַן? וואָס הערט זיך מיט דיין פייגל-מילך?

אין דער אמת'ן: וואס האט געקענט צובינדן קאשטאנען צו א באלעבאס, אז הארט הינטערן שטעטל האט גערוישט דער ברעגלאזער, צעוואקסענער וואלד, וואו האזן זענען געשפרונגען איבער פאליאנעס, און געצויגן האבן זיך ברייטע פעלדער, וואו פעטע קוראפאטקעס זענען געלעגן פארשטעקט מיט די קעפלעך אין פוכקן שניי און ווי געווארט נאר, אז קאשטאן זאל קומען און זיי א כאפ טאן מיט די ציינער.

אלע הינט האט זיך געלעבט בא אונדז אין שטעטל גוט און פריי. זיי פלעגן קיינעם ניט משעפען און קיינער האט זיי ניט געטשעפעט. אבער ניט שטענדיק זענען זיי געווען זיכער. פון צייט צו צייט פלעגן זיך אראפלאזן פון דער גרויסער שטאט צו אונדז אין שטעטל הינטשלעגער, אדער ווי מיר פלעגן זיי רופן, „ראקארעס", אדער „חיצליעס". אין אזעלכע טעג פלעגן מיר גלייך באגינען דערהערן די יללה פון די געכאפטע און צוגעשטיקטע הינט. ארויסקוקנדיק פון פענצטער, פלעגן מיר דערזען, ווי ס'גייען צוויי הינטשלעגער, יעדערער בא איין זייט טראטואר מיט פעטליעס אויף לאנגע שטעקנס. און זיי גייען זיך אזוי שטיל, געלאסן, גנבה'דיק. און ס'איז נאר געווען זיך צו וואונדערן: אזעלכע לאנגע שטעקנס, און זיי זעען זיך גארניט אן; די היצליעס האלטן די שטעקנס עפעס פון ז'ער זייט, פון הינטן, אז זיי מערקן זיך גארניט.

לויפט א הונט פראנק און פריי אנטקעגן; ער מיינט גארניט, ער ווייס גארניט... און פלוצלונג א פייף, אין די טויטן-פעטליע ווארגט אים שוין, דערשטיקט אין אים דעם אטעם...

אנדערע הינט כאפן זיך אין דער לעצטער רגע. גיט זיך דעם הינטשלעגער ניט איין צו פארציען די פעטליע אויפן האלדז, אבער פאר א פיסל האט ער אים זיכער... און דער הונט שטעלט זיך אנטקעגן, ער ראנגלט זיך פארן לעבן; ער רייסט זיך, וויל זיך מיט וואוטווארפן אויפן הינטשלעגער; אבער זיינע ציין טרעפן נאר אן דעם געשמידטן ברעג פון לאנגן שטעקן. מענטשן שטעלן זיך אפ קוקן אויף דעם הונטס ראנגלעריי — גיט אים דער ראקאר א הייב

פאַר דעם איינגעקרעמפּעווען פּיסל אויפן הויכן שטעקן אין דער לופטן און אַ טראַסק אַן ברוק, אַ הייב אין דער לופטן און אַ טראַסק אַן ברוק...

אויף אונדז, קינדער, פלעגט דאָס אָנקומען פון די הינטשלעגער אַנוואַרפן אַ מורא. די מאַמעס פלעגן אונדז סטראַשען מיט די ראַקאַרעס, מיט די היצליעס, פונקט ווי מיטן אוריאַדניק. בא אונדז אין די אויגן האָט אַ הינטשלעגער אויסגעזען, ווי אַ מלאך־המות. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז אַ היצעל קאָן איינעם פון אונדז קינדער, אויך זיך אַזוי גרינג אַ הייב טאָן אַ פאַרצויגענעם אין דער לופטן און אַ טראַסק אַן דר׳ערד, און אַ טראַסק אַן דר׳ערד...

ווידער האָבן מיר זיך געשראָקן פאַר קאַשטאַנען, טאָמער פאַלט קאַשטאַן אַריין. מיר האָבן געוואוסט, אַז די שקצים האָבן אָנגעבאָטן די הינטשלעגער צו כאַפּן קאַשטאַנען און אַז זיי זוכן אים אַרום. אָבער געוויינטלעך, פלעגט קאַשטאַן ווי דערשמעקן, ווען די ראַקאַרעס פלעגן נאָר אַריין אין שטעטל, און גלייך נעלם ווערן אין וואַלד.

איינמאָל האָט זיך טאַקע בא אונדז איבער די חדרים צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז די הינטשלעגער האָבן געכאַפּט קאַשטאַנען אויפן מאַרק. ווען מען איז פון אונדזער חדר געקומען צו לויפן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאַשטאַן איז אַדורכגעשפרונגען דורך דער פּעטליע, ווי ער וואָלט זיך נאָר אַ רייץ געטאָן מיט די היצליעס. די צוויי הינטשלעגער זענען געשטאַנען מיט עטלעכע שקצים און עפּעס גע׳טענה׳ט. אַ פּאָר אינגלעך האָבן באַגייסטערט דערציילט, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. אַלע אונדזערע האָבן קאַשטאַנען געריימט אין הימל אַריין.

— קאַשטאַן איז אַ וואָלף! — האָט גע׳טענה׳ט דער רירעוודיקער בערעלע בייקלס.

— ווען קאַשטאַן קאָן קלעטערן, איז ער שטאַרקער פון אַ בער! האָט דער צעגאָסענער וועלוועלע חיה־רייצעס זיך גערעדט געלאָזן.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז קאַשטאַן קאָן ניט קלעטערן? — האָט זיך דער היציקער פישעלע אָנגענומען פאַר קאַשטאַנס כבוד. — אין

שטאָט האָט ער ניט וואו צו קלעטערן, אָבער אין וואַלד קלעטערט ער אויף סאָסנעס...

ס׳האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. מיר האָבן דערזען די הינטשלעגער און די שקצים לאָכן צווישן זיך אויפן קול. דער העכערער הינטשלעגער, דער עלטערער, שטשירעט מיט די ציין ווי אַ הונט, און דער נידעריגער, מיט די געלע פליאַמעס אויפן פּנים, טרייסלט זיך פון געלעכטער...

— זעסט דעם הויכן דאָרן היצעל? — האָט אונדז דערציילט פישעלע. — דאָס עסט ער נאָר כאָרטן, דערפאַר איז ער אַזוי דאַר...

— און וואָס עסט דער געלער, דער גראָבער? — האָט געפרעגט בערעלע חייקלס.

— מסתמא מאָפּסן, — האָט פישעלע לאַנג ניט געקלערט.

מיר האָבן דערזען ווי די ראַקאַרעס זעגענען זיך מיט די שקצים. און דער עלטערער דרייט זיך נאָכאַמאָל אום צו די שקצים, שטשירעט די ציין און רופט פון דער ווייטן:

— מי יעהאַ זלאַפּאַיעם... (מיר וועלן אים שוין כאַפּן!)

— כ׳קאָן זיך שווערן, אַז דאָס מיינט מען קאַשטאַנען, — האָט אַ זאָג געטאָן דוד׳קע דעם שמידס.

.2

ס׳איז געווען אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק אין דער פרי. גלייך באַגינען האָבן מיר דערהערט שרעקלעכע, באַנומענע קולות פון הינט אויפן גאַס. פון אַלע הייזער זענען מיר אַרויסגעלאָפן אַרויס. מיר זעען די זעלביקע צוויי הינטשלעגער שלעפּן שוין צוויי הינט אויף די פּעטליעס. די הינט האָבן זיך איינגעגעסן מיט די ציין אין די שטעקנס. כאָרכלען משוגע, און די היצליעס — אַלע מאָל אַ הייב אין דער לופטן און אַ טראַסק אָן דער צוגעפראָרענער ערד...

אָבער פאַרוואונדערט זענען מיר געוואָרן און ניט געקענט פאַרשטיין, ווען מיר האָבן דערזען, אַז אַ הונט, אַ לעבעדיקער הונט, אַ ווייסער מיט געלע לאַטעס, גייט זיך נאָך טריי די הינטשלעגער.

צוערשט האָבן מיר געמיינט, אַז מע ציט אים אויך אויף אַ פּעטליע; מיר זענען אָבער, אַז ער גייט זיך פראַנק און פריי, מיטן אייגענעם ווילן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ הונט? — האָבן מיר געפרעגט איינער דעם אַנדערן.

— זעסט דאָך, אַז ס'איז אַ פרעמדער הונט.

— וואָס פאַר אַ הונט, ס'איז אַ צויג... — האָט זיך אָפּגערופן מיט פאַראַכטונג דוד'ל דעם שמידס, דער גרעסטער הינטקענער צווישן אונדזערע אינגלעך.

דעם גאַנצן האַלבן טאָג, ביזן סוף לערנען, האָבן מיר גערעדט וועגן דעם אין חדר. מיר האָבן דאָס ניט געקענט פאַרשטיין, ווי קאָן דאָס זיין, אַז ראַקאַרעס זאָלן זען אַ הונט און אים ניט אַרויפציען אויפן פּעטליע, און אַז אַ הונט זאָל גאָר נאָכלויפן אַ הינטשלעגער מיטן אייגענעם ווילן.

נאָך האַלבן טאָג, ווען מען האָט אונדז אָפּגעלאָזט אַהיים, האָבן מיר זיך, ווי שטענדיק, צונויפגעקליבן באַם טייך — גליטשן זיך אויף אונדזערע אַליין־געמאַכטע גליטש־שיכלעך מיט אונטערגעשמידטע דראָטן פון אַלטע פאַראַסאָלן.

פלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבן אַ מהומה צווישן אונדז. חיים'קע, דרייצע דער אלמנה'ס, איז געקומען צופליען מיטן היטל אין האַנט, ווי אַ פאַר'סמ'טער:

— די היצליעס האָבן קאַשטאַנען געכאַפּט!

— ווער? ווי אַזוי? — האָבן מיר אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן.

— געכאַפּט און אַוועקגעפירט צום „וויגאַן".

— האָסט אַליין געזען? — האָט מען נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבן.

— אַליין געזען; קאַשטאַן איז צוגעלאָפן צו דער צויג, האָבן אים די היצליעס געכאַפּט און אַוועקגעפירט צום „וויגאַן".

דער „וויגאַן" איז געווען אַ וויסט בלאָטיק פעלד. אַפילו זומער־צייט איז עס געווען מאָגער באַוואַקסן; און פלעגט פאַרקריכן אַהין אַ פערד אָדער אַ בהמה פון די אַרומיקע לאַנקעס, זענען זיי געווען

פארפאלענע: זיי פלעגן איינזינקען אין זומפּ. שטענדיק פלעגט דאָרטן בולקען זיך און קלינגען, ווי די ערד וואָלט געזויגן מיט אַ סך מיילער. פון וויסטן זומפּ פלעגן אַרויסשטאַרצן סקעלעטן מיט צעבראָכענע ריפּן. צו דער טרוקענער זייט האָט פון בלאָטע אַרויסגעשטעקט אַ האַלב-צעפאַלענער פּאַרקאַן. אַנטקעגן, איבערן וועג, האָט זיך אויסגע־שפּרייט אַ פאַרלאָזענער מאַהילניק מיט אַ קליינער שטיינערנער „טיפלע". סיי זומער, סיי ווינטער, פלעגן שטענדיק אומפליען גאַלקעס איבערן וויגאָן, טרייסלען מיט די געשפּריצטע לאַנגע ווידלען און מיט זייער וויסטן קוויטשיקן געשריי אָנוואַרפן אַ מרה־שחורה. אַהין פלעגן דאָס די הינטשלעגער ברענגען צושלעפּן די געכאַפּטע האַלב-דערשטיקטע הינט און דאָרטן זיי אָפּשינדן די פעל. ווינטער האָט עס גאָר אויסגעקוקט וויסט און פאַרלאָזן.

ווי אַ מחנה שפּערלעך זיינען מיר אָנגעלאָפן אויפן צוגעפּראָרענעם וויגאָן. מיר האָבן דערזען הינט צוגעבונדן צום האַלב-צעפאַלענעם פּאַרקאַן, די צוויי היצליעס און זייער צויג. מיר האָבן אויך גלייך דערזען קאַשטאַנען. ער איז געלעגן אויף אַלע פיר מיטן פּנים צו אונדז, מיט אַ שטריק פאַרצויגן אַרום האַלדז, מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג, און געאָטעמט מיט די זייטן. דערזען אונדז, האָט ער זיך געוואָלט אויפשטעלן, אָבער איין פוס איז אים געווען איינגעקרעמ־פּעוועט, האָט ער זיך אויפגעהויבן אויף אַלע דריי, אַ ביל געטאָן און צוריק אַנידערגעפאַלן.

דער ערשטער האָט אונדז דער אינגערער ראָקער דערזען; ער האָט אויף אונדז אָנגעוויזן דעם עלטערן און אַ געשריי געטאָן: „זשידזשי!" באַ אונדז האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט. מיר האָבן דערזען, ווי דער אינגערער נעמט אַ דראָנג אין האַנט און גייט צו אומשולדיק צו אַ שוואַרצן הונט און דערלאַנגט אים פון הינטן אַ שפּאַלט איבערן מוח... באַם שוואַרצן הונט איז עפּעס ווי אַ פרעמדע זאַך דורכגעלאָפן אונטערן פעל. פון זיך אַליין האָט באַ אים יעדעס פיצעלע געגומען ציטערן און ער איז גלייך געזונקען אויף אַלע פיר.

צי האָט דער הינטשלעגער געמיינט אונדז אָפּסטראַשען, צי ניט,

נאר באלד האט ער ארויסגענומען א בלאנק מעסער, אים א פאך געטאן אויף דער זון, ס'האט א שפיל געטאן אן „עזעלע", און מיט איין מאך האט ער אים אריינגעשטאכן דעם הונט אין האלדז אריין.

און דא שטיים נאך די צויג, לאפטשעט זיך צום עלטערן און דרייט מיטן וויידל.

— מיר'ן קאשטאנען אפקויפן, — האט א געשריי געטאן דיאדקע דעם גביר'ס.

— אלע, דאס גאנצע געלט אהער! — האט זיך אויפגעהויבן א טומל.

אויסער חיים'קע דער אלמנה'ס, האבן אלע געגעבן; האבן זיך אלע אויף אים ארויפגעווארפן: "גיסט, צי ניט!"

— וואס?

וואס, וואס? גיב געלט פאר קאשטאנען. האסט דאך אליין אנגעזאגט.

מיר האבן געוואוסט, אז ער איז אן ארימער, אבער א בעל־גאוה. וואלט ער כאטש געזאגט, אז ער האט ניט, נאר ניין, ער גיט ניט...

מיר האבן אים שיר ניט צעריסן, א ברוגז'ער איז ער אפגעטראטן אן א זייט.

דיאדקע דעם גביר'ס האט געהאלטן דאס געלט אין ביידע הויפנס, די אלע קופערנע קאפיקעס, דרייערס, און דידקעס, וואס מען האט צוזאמענגעקליבן, און א פרעג געטאן:

— ווער גייט צום ראקאר אפקויפן קאשטאנען?

אלע האבן געשוויגן. אלע האבן מורא געהאט צו גיין און ער אליין אויך.

— איכ'ל גיין, — האט זיך ארויסגערופן חיימ'קע דער אלמנה'ס.

— קענסט גוי'איש? — האט אים גענומען אויספרעגן דוד'ל דעם שמיד'ס. — ווי ווערסטו זאגן?

— וואס איז דיין דאגה?

— טאמער קענסטו ניט?

— טא גיי אליין! — איז ער אפגעטראטען אן א זייט.

— גיי, גיי... צום ראקאר, — האבן מיר זיך אלע געמוזט בעטן בא אים א היפשע ווײלע, ביז װאנען ער האט זיך איבערגעבעטן.

— זאלסט ניט פארגעסן אנהייבן מיט „פאניע”. „פאניע היצעל” זאלסטו אים זאגן... — האט אים נאכגעשריען דוד׳ל דעם שמידם.

מיט איינגעגעסענע אויגן האבן מיר געקוקט, ווי חיים׳קע דער אלמנה׳ס דערנענטערט זיך פאוואליע צו די הינטשלעגער. דער עלטערער האט זיך צו אים אומגעקערט און אים א רוף געטאן מיטן פינגער, ער זאל צוגיין גיכער.

מיר האבן זיך דערשראקן. אונדז איז איינגעפאלן א געדאנק, טאמער וויל ער אים פארנארען, און אט־אט וועט ער א כאפ טאן א שטעקן און פארוּוארפן אים א פעטליע אויפן האלדז.

— גיי ניט, גיי ניט! — האבן אנדערע אינגלעך אנגעהויבן שרייען.

חיים׳קע האט זיך אבער גארניט צוגעהערט. ער איז דרייסט צו, און מיר האבן דערזען, ווי ער ווייזט דעם דארן הויכן היצעל דאס געלט. דער הינטשלעגער בייגט זיך צו, נעמט דאס געלט, ציילט עס אויפן האנט און לייגט אריין אין קעשענע. מיר האבן מיט פרייד אפגעצויגן דעם אטעם: „צוגענומען דאס געלט, קאשטאן איז אונדזערער...”

אבער גלייך האט זיך אונדז אפגעריסן אין הארצן. מיר זעען ווי ער דרייט אום חיים׳קען פאר די פלייצעס, ווייזט אים אן אויף אונדז און חיים׳קע לויפט. מיר זיינען אים געלאפן אנטקעגן:

— וואס האט ער געזאגט? ער גיט אפ קאשטאנען?

— ער האט געזאגט: „יעשטשע”. ער וויל נאך געלט, וועט ער אפלאזן קאשטאנען.

די גאנצע מורא פארן הינטשלעגער איז בא אונדז אוועק, וויבאלד מען קען צו אים צוגיין, און ער דינגט זיך, וואס איז דא מורא צו האבן?

— געלט, ווער האט געלט? — האט מען זיך ווידער אנגעהויבן טומלען.

מיר האבן אבער מער קיינער קיין געלט ניט געהאט; איז בא

אונדז געבליבן, מיר זאָלן צוגיין אַלע, ער זאָל אונדז אָפּגעבן קאַשטאַנען אָדער דאָס געלט.

מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די הינטשלעגער; זיי זיינען געשטאַנען, געוואַרט אויף אונדז און עפּעס געלאַכט.

— פאַניע היצעל, ניעמאַ פעניענדזי... — האָט אָנגעהויבן דוד'ל דעם שמיד'ס. ערשט מיר זעען, אַז דער אינגערער כאַפּט אַ שטעקן און גיט זיך אַ לאָז אויף אונדז.

אויף אַלע פיס זענען מיר זיך צעלאָפן, צעשאָטן איבערן צוגע־פראָרענעם פעלד און אויפן וועג; דערפילט, אַז ער יאָגט אונדז שוין ניט, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס האָסטו אים אַוועקגעגעבן דאָס געלט, — האָבן זיך עטלעכע גלייך אַרויפגעוואָרפן אויף חיים'קע דער אַלמנה'ס.

— איר האָט דאָך געהייסן...

— פרעמד געלט אַרט אים דען? — האָט פישעלע זיך געהיצט.

— כ'וועל דיר באַלד אָפּגעבן, ווילסט?.. — האָט חיים'קע פאַר־קוועטשט אַ פויסט.

— וואָס רייסט איר זיך? וואָס וועט זיין מיט קאַשטאַנען? — האָט זיך אַריינגעמישט וועלוועל חיה־רייצעס.

— לאָמיר זיי פאַרוואַרפן מיט גרודעס און מיט שטיינער! — האָט זיך פישל צעהיצט און אָפּגעריסן אַ שטיק פאַרפראָרענע ערד.

ווי סאָלדאַטן האָבן מיר זיך צעשפּרייט איבערן וויסטן ווינגאָן און איבער'ן וועג. מיר האָבן אָנגעהויבן האָגלען אויף די הינטשלעגער מיט האַרטע קוילן שניי, מיט שטיקער פאַרפראָרענע ערד און שטיינער פון וועג.

די הינטשלעגער מיט דער צויג האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף אונדז. דער צויג האָבן מיר גלייך אונטערגעהאַקט אַ פוס מיט אַ שטיין. די היצליעס האָבן זיך געיאָגט ווי נאָכן ווינט. זיי האָבן ניט געקענט כאַפּן קיין איינעם פון אונדז.

מיר האָבן אַלע מיט אונדזערע גאַנצע כוחות געהאָגלט אויף זיי און ניט דערלאָזט קיין איינעם פון אונדז כאַפּן. אָט, אָט, דוכט

זיך האלט שוין אַ הינטשלעגער איינעם פון אונדז. אָבער באַלד באַ־געגנט ער אַ שטורעם פון שטיינער, שטיקער אייז, אָדער גאָר אַ ציפּאַר'ן פּעלצל פון הינטן און ער ווארפט זיך אין אַן אַנדער זייט.

נאָר איין חיימ'קע דער אלמנה'ס האָט זיך געהאַלטן אַן אַ זייט. מיר האָבן דאָס געזען און אין האַרצן געטראַכט: וואַרט, מיר וועלן זיך מיט דיר אָפּרעכענען!

בײַסלעכווײַז זענען מיר געוואָרן מידער, די היצליעס האָבן שוין קיין אַכט ניט געלייגט אויף די שטיינער, וואָס זיי כאַפּן, און זיך גלייך געוואָרפן נאָך איינציקע פון אונדז. און פּלוצלונג, ווען דער איינגערער האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַ טייל אינגלעך און דער עלטע־רער היצעל נאָך אונדז, האָבן מיר דערהערט אַ שרעקלעכן געשריי. מיר האָבן זיך אַליין ניט געגלויבט: מיר זעען — קאַשטאַנען — אַ פרייען און ווי ער בייסט זיך איין פון הינטן באַם עלטערן היצעל אין פוס...

באַם פּאַרקאַן איז געשטאַנען חיימ'קע דער אלמנה'ס און גע־האַלטן אין אָפּבינדן נאָך אַ הונט.



אַ מעשה וועגן אַ גליטש

.1

אַלע חדרים פלעגן אונדזער חדר מקנא זיין. מיר האָבן געהאַט אַ גוטן רבי'ן, טאַקע דעם בעסטן בּאַ אונדז אין שטעטל.

געוויינטלעך, דאָס וואָס מיר אינגלעך האָבן גערופן אַ גוטער רבי, האָט עס ניט געמיינט, אַז מיר לערנען זיך בּאַ אים אויס בעסער ווי אין אַנדערע חדרים. גערופן „גוטער" האָבן מיר אים דערפאַר, וואָס ער פלעגט אונדז קיינמאָל ניט שלאָגן, ניט ממית'ן ווי די אַנדערע רביים די אינגלעך, ווער מער און ווער ווייניקער.

דעם אמת מוז מען אָבער זאָגן, אַז מיר האָבן זיך טאַקע בּאַ אים בעסער געלערנט אויך. נאָר עפּעס האָט ער קיין מזל ניט געהאַט אונדזער רבי; תלמידים האָט ער געהאַט ווינציק, ווינציקער פון אַלע. די טאַטע־מאַמעס האָבן אים ניט ליב געהאַט. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען, נאָר פון אויפגעכאַפּטע ווערטער פון די עלטערע, האָבן מיר געוואוּסט, אַז זיי האַלטן אים פאַר אַן אַפּגעריסענעם נאַר.

בּאַ אונדז איז ער אָבער געווען דער קליגסטער אין דער וועלט. האָט אַ אינגל עפּעס אָפּגעטאָן אַן עוולה, פלעגט ער זיך בּאַלד אַ כאַפּ טאָן מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, זיין פּנים פלעגט זיך שרעקלעך קרימען, ווי ער וואָלט געליטן דעם שטאַרקסטן ווייטיק, קוקן מיט שרעק און נעמען ביטער קרעכצן:

איי,־איי,־איי, וואָס האָסטו געטאָן? וואָס האָ־ס־טו ג־ע־טאָן?!...

ער פלעגט אַזוי ביטער קרעכצן, און אַזוי ווייטיקלעך פאַרקרימען דאָס פּנים, און דער עיקר פלעגן זיינע קליינע קאַרע אויגן קוקן מיט אַזאַ יסורים'דיקער שרעק, אַז עס האָט פאַרנומען בּאַם האַרצן און ס'פלעגט שוין פאַרדריסן, פאַרוואָס מען איז די עוולה בּאַגאַנגען.

דעם אמת געזאגט, שטארק פאלגן פלעגן מיר אים ניט — מיר האבן פאר אים קיין מורא ניט געהאט און פלעגן אים אמאל דערגיין די יארן אויך. אבער דאך פלעגט ער מיט אונדז בעסער אויסקומען, ווי אנדערע רביים מיט אנדערע קינדער. האט ער זיך נאר „צעוויינט" (מיר פלעגן עס רופן „וויינען") מיט'ן באוואוסטן אי־אי־אי, פלעגט אונדז אמת פארדריסן פאר אונדזערע שלעכטע מעשים.

מיר האבן אים נאך ליב געהאט דערפאר, וואס ער פלעגט אונדז ניט „יאגן" מיט'ן לערנען און ליב האבן אונדז צו דערציילן מעשות. בא יעדער ערשטער בעסטער געלעגנהייט פלעגט ער אונדז דערציילן א מעשה. ער פלעגט נאך אליין זוכן א געלעגנהייט אונדז עפעס צו דערציילן.

שיין פלעגט זיין, ווען ער האט געהאלטן אין מיטן דערציילן א מעשה, און עס פלעגט אנקומען א טאטע אדער א מאמע... ער פלעגט רויט ווערן, זיך דערשרעקן, האסטיק אפרייסן און אונדז הייסן אריינקוקן אין ספר אריין.

מיר פלעגן אים ארויסהעלפן אין אזעלכע „אומגליקספאלן". אין איין רגע פלעגן מיר שוין זיין פארטאן אין אונדזערע ספרים און לערנען אויפן קול מיט אזא התמדה, ווי מיר וואלטן גאר די גאנצע צייט געווען פארטיפט אין לערנען, און ניט געהערט קיין מעשה.

נאכדעם פלעגט ער זיך פילן אביסל שולדיק און זיך צעזיפצן נאכן אוועקגיין פון דער מאמען אדער טאטן:

איי, איי, איי, שלעכט!... נו, קינדער לערנט, לערנט אביסל...

עס פלעגט אים אבער ניט העלפן. די מעשה האט ער אונדז געמוזט ענדיקן, דעם סוף פון איר האבן מיר שוין בא אים ארויסגעקראגן.

.2

ווינטער פלעגן מיר נאכט אין נאכט דארפן לערנען אין חדר ביז נאך ניין דעם זייגער. אין די פינצטערע נעכט פלעגן מיר אנציגדן אונדזערע קאלירטע, פאפירענע לאמטערנעס און זיך ארויסלאזן אין דרויסן.

אויסגעוואַרימטע אין חדר פלעגט אונדז דער פּראַקטיקער, פאַר־שנייטער דחויסן שטענדיק דערשרעקן. עפּעס איז ער שטענדיק געווען אויסגעשטאַרבן. מיר האָבן געציטערט פון קעלט און פון נאַכטיקער מורא — פלעגן מיר נעמען דרייען מיט אונדזערע פּאַפּי־רענע לאַמטערנעס איבערן קאָפּ און שרעקן די ווייסע פינצערניש מיט אונדזער געזאַנג:

על ידי דוד
משיח צידקעכאָוויד...

דאָס פלעגט אונדז צוגעבן מוט, ביז באַ איינעם פלעגט זיך פון דעם דרייען אָנצינדן די לאַמטערנע גופא, און מיר פלעגן אויפהערן צירקלען און זינגען און דערהערן די וויסטע בילעריי פון הינט ערגעץ אין דער ווייסער ווינטערדיקער נאַכט.

אין אַזעלכע ווינטערדיקע פינצטערע נעכט פלעגן מיר גאָרניט וועלן אַוועקגיין פון חדר. בפרט ווען דער רבי פלעגט אונדז עפּעס דערציילן. אַז ס'איז צייט געווען צו גיין אַהיים, האָבן מיר אונטער פאַרשיידענע תירוצים פאַרצויגן די צייט. אַ פּאָר אינגלעך פלעגן אַרויסטרעטן און זאָגן, אַז מען דאַרף זיי קומען „אָפּנעמען" און מיר אַלע וועלן שוין וואַרטן, כדי צו גיין צוזאַמען... און דערווייל זאָל ער אונדז דערציילן נאָך עפּעס...

אונדזער חדר מיטן נידעריקן באַלקן איבערן קאָפּ, מיט די קליינע פענצטערלעך באַ דער סאַמע פּאָדלאָגע, — די שייבלעך טאָפּלטע, אָנגעפּראָרענע מיט אייז, די „קרייקעס" מיט אונטערגעהאָנגענע פלעשער, וואו דאָס וואַסער פון די פענצטער זאָל אַריינרינען, דער וואַנטיקער אויוון, מיט זיין וואַרעמקייט, דער אונטערגעהאָנגענער קעראָסין־לעמפּל, דער אַלטער וואַנט־זייגער מיט די וואָגעס און מיטן פּאַמפּעדיקל, דער רבי אין לאַנגן קאַפּטן אַריבערגעבויגן איבערן טיש, באַ וועלכן מיר זיצן אַלע, — אַלץ, אַלץ פלעגט אונדז עפּעס וואַרעם איינטוליען, און אין דרויסן האָבן מיר געוואוסט איז די נאַכט, די ווינטערדיקע נאַכט...

.3

פלעגן אבער אנקומען די פראסטיקע, ליכטיקע לבנה-נעכט, מיט שטערן אין הימל און מיט שטערנדלעך, שטערנדלעך, שטערנדלעך אויפן שניי, מיטן סקריפ און קלינגען פון שליטנס, פלעגן מיר זיך רייסן פון חדר ארויס, אפילו קיין מעשה ניט וועלן אויסהערן. די פיסלעך פלעגן בייסן: ווער פון אונדז האט עס ניט געהאט אויס־געשניצט א פאר „שיכלעך" און אונטערגעשמידט מיט א דראט פון א פאראסאל אויף צו גליטשן זיך?

אונדזער חדר האט געקענט די בעסטע קונצן אויפן גליטש. יעדער פון אונדז האט געקאנט זיך גליטשן „אויף איין פוס", „זיצנ־דיק", „זאגנדיק שימיינעסרע", אן שיכלעך און מיט שיכלעך... מיר זענען טאקע געווען שטענדיק די ערשטע אויפן גליטש, און אנדערע חדרים פלעגן אונדז מקנא זיין:

— הערסט, זיי קענען, אז זיי האבן אזא רבי'ן, שטענדיק וואלגערן זיי זיך אויפן אייז...

אונדזער גליטש איז געווען אויפן שול-הויף. געגאנגען איז דער גליטש בארג אראפ, צוזאמען מיטן שול-הויף. פלעגן מיר זיך געבן א לאז פון סאמען עק ביזן סאמען מיטן אויף איין פוס, אזש ס'פלעגט קיל ווערן אין הארצן... און איינער נאכן אנדערן, איינער נאכן אנדערן, נאכאנאד, נאכאנאנד... האט זיך וועמען פארוואלט מאכן א „בארג", פלעגט ער זיך אומישנע געבן א צי אוים, און דער „בארג" איז גע־וואקסן, איינער איבערן אנדערן, איינער איבערן אנדערן.

.4

עס איז געווען אזא אויסגעשטערנטע נאכט, ווען מיר האבן מיט א שעה פאר דער „צייט" א זאג געטאן צום רבי'ן:

— רבי, שוין גענוג לערנען, מיר ווילן זיך גיין גליטשן — און אנגעהויבן פארמאכן די „סווארבעס" (עשרים וארבעה).

דער רבי האט זיך אויף זיין שטייגער א כאפ געטאן מיטביידע

הענט פאַרן קאָפּ און זיך „צעוויינט": איי, איי, איי! וואָס טוט איר? וואָס? וואָס טוט איר? וואָס וועלן זאָגן די מאַמעס, די טאַטעס אייערע? — זיי וועלן גיין פון די בתי־מדרשים און אייך דערזען...

— רבי, מיר וועלן...

— איר'ט ניט גיין! איי, איי, איי! וואָס ווילט איר טאָן?!

— רבי, מיר גייען...

— איר'ט ניט גיין — זיצט בעסער, זיצט. — שוין, כ'וועל מיט אייך מער ניט לערנען, כ'וועל אייך עפּעס דערציילן — איי, איי, די טאַטעס וועלן אייך דערזען...

— מירן גיין...

— איך זאָג אייך דאָך אַ מעשה, אַ מעשה מיט אַ גליטש...

— עפּעס אַ שיינע? — זענען מיר געוואָרן נייגעריק.

—איי, אַ שיינע! פרעגט גאָרניט, נאָר זייט ניט קיין צעלאָזענע אינגלעך, ווי די פון דער מעשה — וועל איך אייך דערציילן...

און ער האָט זיך איבערגעבויגן אויף זיין שטייגער איבערן טיש.

.5

די מעשה האָט געטראָפן מיט מיינעם אַ רבי'ן און מיט אונדזער גאַנצן חדר אינגלעך. — האָט דער רבי אָנגעהויבן: — עס איז געווען דערמאָן איך זיך, אַזאַ נאַכט, ווי די היינטיקע, און אונדז האָט אויך געצויגן לויפן גליטשן זיך. איר, שקצים, ווייסט אָבער ניט וואָס פאַר אַ רבי'ן מיר האָבן געהאַט. איי, איי, איי! איז דאָס געווען אַ כעסן, איז דאָס געווען אַ רבי אַ כעסן! און מען האָט אים טאַקע גערופן ר' מאַטעלע כעס'ניק. אַ בייזער מענטש געווען, אונדז אַלעמען אויף לאַנגע יאָר.

הערט, מיר האָבן בּאַ אים שווערער געלערנט ווי איר, שקצים, היינט. איי, האָבן מיר געלערנט! זומער פלעגט ער אונדז פריער ניט אָפּלאָזן ווי צוגלייך מיט די בהמות פון פעלד —ווייל פאַרביי די פענצ־טער פון חדר פלעגן זיך אומקערן די שטעטלדיקע בהמות. און פאַר־

נאכט, אז אלע חדרים זענען שוין געווען פריי, האבן מיר נאך געווארט אויף די בהמות.

הערט, בא אונדז אין חדר איז געווען א אינגל מרדכי׳לע א באלעגאלעס א אינגל — טאקע דעם רבינ׳ס נאענטסטער שכן. איי, איז דאס געווען א מרדכי׳לע! מיר פלעגן אלע מורא האבן פאר אים. ער האט געקאנט אפטאן אלץ. און דער רבי אונדזוערער, כאטש א כעסן, האט פון אים געקיימט די ערד. ווי איך פון אייך, שקצים, וואס איר זייט. ער איז אבער געווען א גוטער חבר און קיין זאך איז אים נים צו שווער געווען. פלעגט ער זיך אין די זומערדיקע פארנאכטן ארויס׳גנב׳ענען פון חדר, אוועק אויף דער פאשע, אפשלאגן א בהמה און דוקא מיט א גלאק און זי פארבייטרייבן לעבן דעם רבי׳נס פענצטער.

„רבי, רבי, — פלעגן מיר נעמען שרייען, — מען טרייבט שוין די בהמות פון פעלד. אט גייט איינע...״

א פאר מאל האט זיך איינגעגעבן, ביז דער אמת איז ארויס.

הערט, מילא זומער ווי זומער. אבער ווינטער איז געווען אן אפקומעניש. איי, איז דאס געווען אן אפקומעניש אין די ווינטערדיקע נעכט! קיין זייגער האט ער נים געהאט. נאר ער פלעגט קויפן א חלב׳נע ליכט פאר א „פירער״ (4 גראשן) און אזא ליכט פלעגט קענען אפברענען ביז האלבע נאכט — און ער האט אונדז פריער נים אפגעלאזט, ביז דאס ליכט פלעגט אין גאנצן נים אויסברענען.

איי, שקצים, וואס איר זייט! אייך איז גוט. אונדז איז אבער געווען שלעכט. איי, איז דאס געווען אן אפקומעניש! א גליק, ער פלעגט אמאל צודרעמלען. בא אונדז פלעגן זיך די אויגן א גאנצן אוונט קלעפן, אבער בשעת ער האט נאר אויף א האר צוגעמאכט די אויגן, זענען שוין אונדזערע אויגן געווען אפן און מיר פלעגן סקראבען דאס ליכט מיט די נעגל, מיט מעסערלעך, אז ס׳זאל ווערן דינגער און ס׳זאל זיך גיכער אויסשמעלצן.

הערט, ממית׳ן פלעגט ער אונדז אן רחמנות. איי, איי, פלעגט ער אונדז ממית׳ן! נים ווי איך אייך, שקצים! א כעסן איז ער געווען

און אַ „קנײפּער“. אײ, אײ, פּלעגט ער קנײפּן! ער פּלעגט קענען אױס־קנײפּן שטיקער פלײש.

הערט, איז אַװעק אײנמאָל אַ גאַנצער װינטערדיקער חודש און ער האָט אַפילו קײן דרעמל ניט געטאָן — ניט מיט אַן אױג צוגע־מאַכט. און דאָס חלבּ׳נע ליכט פלעגט אָפּברענען ביז האַלבער נאַכט אַרײן. און דאָ האָבן מיר געװאוסט, גײט זײן אַ חופּה בּאַ אונדז אין שטעטל. איר װײסט ניט, שקצים, װאָס אַמאָל האָט געמײנט אַ חופּה אין שטעטל. קינד און קײט פלעגן זײן אױפן שול־הויף. מען פלעגט זיך גליטשן, מען פלעגט ברענען שטורקאַצן, און שפּרינגען, טאַנצן אױפן שול־הויף און חדרים פלעגן מלחמה האַלטן מיט שנײ־קױלן, פון װעלכן חדר מען זאָל צום ערשטן פאַרװאַרפן חתן־כלה מיט שנײ...

הערט, האָט דער גאַנצער חדר אונדזערער געציטערט. װאָס װעט זײן, אַז דער רבי לאָזט אונדז צו דער חופּה אױך ניט אָפּ, ער װעט ניט דרעמלען און דאָס חלבּ׳נע ליכט װעט זיך אַזױ אָפּברענען ביז האַלבע נאַכט.

האָבן מיר טאַקע געציטערט. אײ, אײ! האָבן מיר געציטערט! און דאָ דערנענטערט זיך די נאַכט פון דער חופּה.

און די נאַכט פון דער חופּה איז אָנגעקומען. איך געדענק, אַזאַ נאַכט װי די הײנטיקע. גלײך פון אָנהײב אָװנט זענען מיר שױן געװען צעטומלט, אַפילו מרדכי׳לע איז עפּעס געװען צערודערט, ניט אױף זײן שטײגער.

עס גײט אַװעק אַ שעה, צװײ, דער רבי דרעמלט ניט. כאַפּט זיך אַרױס מרדכי׳לע:

„רבי, איר װעט אונדז לאָזן צו דער חופּה?“

„װאָס?! — האָט זיך דער רבי אָנגעצונדן, — װאָס פאַר אַ חופּה? דו װילסט אַ חופּה, װעל איך דיר באַלד געבן דרשה־געשאַנק...“ און זיך אַ כאַפּ געטאָן צו די „לאַקשן“.

דערהערט אַזעלכע רײד איז אונדז אַלעמען קאַלט געװאָרן. מיר האָבן אונטערן טיש אָנגעהױבן אַלע זיך איבערשטױסן מיט די פיס, קוקן אױף דעם װיסטן ליכט, קוקן אױפן רבי׳ן בגנבה, אפשר קלעפּן זיך בּאַ אים די אױגן...

„רבי. לאזט אונדז צו דער חופה...״ — איז מרדכי׳לע ווידער ארויסגעשפרונגען. ערשט מיר הערן א גוואלדיקן קוויטש. איי, איי, איי! . . . וואס? דער רבי האט שטענדיק געהאלטן מרדכילען אונטערן האנט און האט אים פאר זיינע רייד ארייגעלאזן די פינגער אין קני...

מיר זענען אלע פארשטיינערט געווארן, אריינגערוקט די אויגן אין די גמרות, ניט ארויסגעקוקט, געלערנט הויך אויפן קול און אין הארצן זיך שוין מיאש געווען. זאל זיין ניט די חופה, אבי ער זאל זיך ניט צורירן צום קני.

פלוצלונג דערהערן מיר א שנארך, ווי איינער וואלט שטארק א ציי געטאן מיט׳ן נאז. מיר דערזען — אונדזער רבי האט זיך ברייטלעך אוועקגעלייגט די בארד זיינע אויף איין האנט און שלאפט גאנץ געשמאק.

א נס, אן אמת׳ער נס, און מיר האבן אנגעהויבן קראצן דאס חלב׳נע ליכט.

אבער דא האט זיך אריינגעמישט מרדכי׳לע: מיר זאלן שוין פארלעשן דאס ליכט און מיר זאלן שוין אלע אין דער שטיל ארויס פון חדר. זאל זיין וואס עס וויל זיך, אביט כאפט ער זיך אויף.

הערט! מיר האבן פארלאשן דאס ליכט און זיך ארויסגערוקט פון חדר און געמיינט, שוין פטור...

אבער מרדכי׳לע, איי, איז דאס געווען א מרדכי׳לע! האט צו אונדז געזאגט:ווארט נאר א ווײלע, כ׳וועל אייך באלד עפעס ווייזן, און טאמער וועט אימיצער פון אייך פאר׳מסר׳ן, וועל איך אים דערשטיקן...

ריידנדיק אזוי, גייט ער צו צו זיין טאטנס שטאל, עפנט פאנאנ־דער דעם טויער און פירט ארויס דעם „קיושאק״, וואס איז מיט צוויי וואכן פריער בא זיי געבארן געווארן, און פירט אים צו צום רבי׳נס טיר, הערט זיך איין א ווײלע, עפנט אויף די טיר און לאזט אריין דעם קיזשאק אין חדר אריין צום שלאפנדיקן רבי׳ן.

הערט! מיט אלע כוחות האבן מיר זיך געלאזן לויפן. איך גע־

דענק, אַז דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט ווי בײַ אַ גזלן. פּאַרוואָס מיר זענען אַזוי אַנטלאָפן, ווייס איך נישט. מסתמא זיך דערשראָקן, דאָס האַרץ האָט דערפילט אַז עפּעס נישט גוטס איז אָפּגעטאָן געוואָרן. נאָכגעגעבן דעם יצר־הרע... און ווען מיר זענען נאָך אַפילו נישט דערלאָפן צום שול־הויף האָבן מיר דערהערט קולות פון רבי׳נס גאַס:

„גוואַלד! אַ שׂרפה. עס ברענט! ראַטעוועט!“

פון אַלע זײַטן האָבן אָנגעהויבן לויפן מענטשן.

הערט! מיר האָבן מורא געהאַט צו גיין אַהיים. איי, איי, האָבן מיר מורא געהאַט! אָט אַזוי האָט אַ גליטש מיט אַ חופּה אָראָפּגעפירט אינגלעך פון גלייכן וועג.

— רבי, איר האָט נאָך אַ מעשׂה מיט אַ רבי׳ן? — האָט איינער פון אונדז אַ פרעג געטאָן.

— איי, שקצים! — האָט דער רבי פאַרקרימט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — נו, מילא, גייט שוין, גייט שוין, סיי ווי צייט!

איינגעבראָכן

.1

די לעצטע צייט איז הערשעלען געוואָרן זייער פאַרדעכטיק; ער פרעגט גאָרניט, ער זאָגט גאָרניט, אָבער ער גייט אַרום מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, מיט אומרואיקע אויגלעך; פאַרקוקט אָפט דער מאַמען אין די אויגן און דערוואַרט עפּעס.

אויף ריכטיג וואָס, ווייס ער אַליין ניט, נאָר דאָס הערצל זאָגט אים אונטער, אַז עפּעס וועט דאָ מיט אים געשען, אַז עס קלייבט זיך וואָס איבער זיין קאָפּ...

ער שפּילט זיך נאָך איצט אויך צוגלייך מיט אַלע שקצים'לעך פון דאָרף אַ גאַנצן טאָג בײַ דער ברייטער, פרייער סיים*). ער לויפט אַרום אַ באָרוועסער איבערן ברעגיקן גראָז, פאַרקריכט ווייט אין דעם זומפּיקן צעוואַקסענעם פליושטש אָדער פּאַליושקעט זיך גאָר שעה'ן־לאַנג אין וואַסער און כאַפּט מיט אַ פאַדעם אויף אַ צוגעבונדענעם קייקעלע ברויט, זילבערנע, צאַפּלדיקע פלאַטקעלעך.

ער שפּילט זיך נאָך איצט אויך... אָבער עפּעס אַ געפיל פון מורא לאָזט אים ניט אָפּ, עפּעס אַן אומעט ליגט אים אין הארצן, ווי אַ שאָטן וואָלט זיך דאָרט פאַרקליבן און מאַכט טונקל און קיל זיין קינדער־פרייד.

אָנגעהויבן האָט זיך עס, זינט מען האָט אין שטוב גענומען צופיל דערמאָנען זיין נאָמען און צופיל זיך אומקוקן אויף אים. עפּעס רעדט די מאַמע מיטן טאַטן, דער טאַטע מיט דער מאַמען וועגן אים אַזעלכע רייד, וואָס ער פאַרשטייט ניט גאַנץ קלאָר. באַזונדערס רעדט

*) אַ נאָמען פון אַ טייך.

אַ סך די מאַמע, באַ יעדן גלעט איבערן קאָפּ, באַ יעדן מאָל „אַ געזונט אין דיין געקרויזט קעפּל“, פרעגט זי אים:

— ווילסט גיין אַברהמעלע אין חדר ?—ווילסט דאָך גיין אין חדר...

ער שווייגט, עפּעס ווערט אים אומעטיק פון דער מאַמעס פרעגן. ער ווייס ניט וואָס צו ענטפערן. פאַרוואָס זאָל ער ניט וועלן גיין אין חדר, אַז דאָרטן, דערציילט די מאַמע, איז אַזוי גוט: אַ מלאך וואַרפט קאָפּיקעס, מען טוט אָן נייע שיכלעך, הריזן מיט קעשענעס און מען וואַקסט אױס גרויס... וואָלט דאָס חדר געווען אין דאָרף, וואָלט ער שוין ניט צורו געלאָזן, מען זאָל אים פירן אין חדר, אַז ניט וואָלט ער אליין געלאָפן... און סטיאָפּקען און מיקיטען וואָלט ער טאַקע אַלע טאָג געוויזן די קאָפּיקעס פון מלאך, זיי קענען דאָס ניט האָבן. ער ווייס, ער איז אַ אידיש אינגל און נאָר אידישע אינגלעך לאָזט מען אַריין אין חדר — אָבער דאָס חדר איז ערגעץ ווייט, וואו דער פעטער אלקנה איז. נאָר איין מאָל האָט ער געזען דעם פעטער אלקנה, און ער געדענקט נאָך זיין באָרד. עפּעס אַ מאָדנע גרויסע באָרד, און אַ צאַצקע האָט ער אים געבראַכט, און די צאַצקע געדענקט ער גוט — אַ פערדל אויף רעדלעך. האָט ער אים גענומען צום טייך אַנטרינקען און אים געלאָזן שווימען ווי דער אַלטער מיכאַלקע זיין „בולאַטן“, איז ער אָוועקגעשוואומען. האָט ער געוויינט, געשריען, האָט מען אים צוגעזאָגט, אַז דער פעטער אלקנה וועט ווידער קומען וועט ער ברענגען אַן אַנדער פערדל. און אַלע טאָג האָט ער געפרעגט, וואו איז דער פעטער אלקנה ? ווען קומט דער פעטער אלקנה ? האָט מען אים געזאָגט, אַז ער פאָרט שוין, נאָר ס'איז זייער, זייער ווייט, איז ער נאָך ניטאָ.

און די מאַמע זעט, אַז ער ענטפערט ניט, פאַרשטייט זי אים, קוקט אויף אים אי שטאָלץ, אי אומעטיק.

— דו ביסט אַ קלוג אינגל ! דו ווילסט דאָך גיין אין חדר. וועסט דאָך פאָרן צום פעטער אלקנה ? ווילסט פאָרן צום פעטער ?

— יע...

— וועסט וועלן שלאָפן באַם פעטער ?

— מיט דיר אין איין בעט.

— און אליין אין א גוט, ווייך בעט?

— ניין.

פון דער מאמען טרעט ער ניט אפּ א טריט. איז ער נאר אין א שלעכטן וועטער אין שטוב, גייט ער איר נאך פון שטוב אין קראם און פון קראם אין שטוב; קריכט איר נאך הינטערן טובאנק און פאלגט נאך איר יעדן ריר, און קומט אפּט אויס דעם טאטן אין וועג. בייזערט זיך דער טאטע:

— גייט נאך ווי א שעפּס! פע, א פינף יאריקער בחור, וואס וועט באלד גיין אין חדר זאל זיך נאך האלטן אן דער מאמעס פאר־טוך! וואס פלאנטערסטו זיך אונטער די פיס?

אבער די מאמע שטעלט זיך שטענדיק איין פאר אים:

— וואס האסטו צום קינד? ער מוז דאך ערגעץ זיין...

ווען ער פארקריכט אפילו ווייט מיטן זומפּיקן ברעג און פילט זיך אזוי מאדנע אין צעוואקסענעם הויכן גרינעם גראז וואס פאר־שטעלט אים אין גאנצן. ס'איז דארט קיל און גרין, גרין און קיל — וואונדערבאר גרין. בא יעדן שארך זיינעם שפּרינגען זיך פאנאנדער גרינע פרעש, בונק! אין דעם גרינעם לינזיקן וואסער. און דער אויר שמעקט אזוי שטארק, אזוי שארף, אזוי פייכט... דאס וואסער אונטן בלעזלט זיך, בולקעט זיך. ער שטעלט פארזיכטיק די באָרוועסע פיסלעך אויף די קילע רויטלעך־ווייסע אנגעקוואלענע פליושטש־ווארצלען און ווי א יאכט־הינטל שרעקט ער ווילדע קאלירטע ענטלעך און שווארצע וואסער־הינדלעך.

ער פארגעסט אן אלץ. עס צעברענען זיך די אויגן: ער וועט כאפּן איינס און דאך שרעקט ער זיך איבער יעדן מאל, ווען פּלוצלונג פון סאמע אונטער זיינע פיס שיסט ארויף מיט גערויש א פּארל און לאזט זיך אוועק קרום איבערן טייך.

אט! א וואסער־הינדל איז געזונקען ווי א שטיינדל צום גרונט. עס פארכאפּט אים דער אטעם. דער פליושטש בייגט זיך מיט אים צוזאמען צום וואסער, דאס וואסער בלעזלט זיך, שלינגט... דאס

האַרץ קלאַפּט אים, ער וועט וואַרטן, ער ווייס, דאָס הינדל מוז צוריק אַרויף. און דער פּליושטש נייגט זיך אַלץ נענטער מיט אים צום וואַסער. פון צווישן די קויקן וואַסער זעט ער נאָך אַ אינגל דאָרטן און דאָס וואַסער בלעזלט זיך, שלינגט, ציט... און ער נייגט זיך אַלץ נענטער, נענטער...

נאָר פּלוצלונג טוט אים אַ צאַפּל דאָס הערצל. ער הייבט אויף דעם קאָפּ, הערט זיך צו. אימעצער האָט אים פון פּליושטש ווי אַ רוף געטאָן:

„הערשעלע!"

גלייך ווי די מאַמע...

און אַ סומנעקייט און אַ בענקשאַפט באַפאַלט אים. ער פאַר־געסט אָן דעם הינדל און גיט זיך אַ וואַרף, גיכער זיך אַרויסצוקלייבן פון דער גרינער וואַסער־וועלט.

אַ פאַרסאַפּעטער לויפט ער אַריין אין שטוב:

— וואו איז די מאַמע? דו מיך גערופן?

— ניין, כ'האָב שוין טאַקע געקלערט וואו דו ביסט?

— מאַמע, געקענט אַ הינדעלע כאַפּן...

— זע נאָר, — בייזערט זיך דער טאַטע, — אַ אינגל, וואָס וועט שוין באַלד גיין אין חדר, ליגט אים אין קאָפּ אַזעלכע נאַרישקייטן.

אברהמל כאַפּט אויף דער מאַמעס אַן אומעטיק בליק און דאָס הערצל קלעמט אים ווידער פאַר דאָס אומבאַוואוסטע.

2.

אַ דערפרייטער, אין איין אָטעם, איז הערשעלע אַריינגעלאָפן אין קראָם:

— מאַמע, געכאַפּט אַ העכטעלע, אָט אַזאַ קליינטשיקן... אַריינ־געלאָזט אין אַ גריבל וואַסער...

— אַ געזונט אין דיין געקרויזט קעפּעל, האָט אים פּלוצלונג די מאַמע גענומען קושן — דו טייער אינגעלע מיינס.

— קום אַהער, הערשל, האָט דער טאַטע איבערגעשלאָגן. גיי צו

מיכאַלקען און זאָג, אַז ער זאָל מאָרגן פרי קומען מיט דער פור. די מאַמע וועט דיך אָוועקפירן צום פעטער.

אָן אָנדערשמאָל איז באַ אים דער גיין צו מיכאַלקען געווען אַ יום־טוב. מיכאַלקע פלעגט אים אַרויפזעצן רייטנדיק אויפן בו־לאָטן, און אים דורכפירן הין און צוריק איבערן פאָדוואָר, פון דער הויך, פון דעם בולאָטנ׳ס רוקן האָט דער גאַנצער פאָדוואָר געהאַט אַן אַנדער פנים. גאָרנישט ווי פון אונטן. איצט האָט אים ווידער דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטאָן, עפעס האָט ער אונטער די קושן אויפגע־כאַפּט דער מאַמעס אַ פאַרצאָגטן בליק, און אומרואיק אָנגעהויבן קוקן דאָ אויפן ערנסטן טאַטן, דאָ אויף דער מאַמען...

דו קלוג אינגל מיינס, וואָלסטו געזען, וואָס פאַר אַ שיכלעך נייע מען האָט געבראַכט פאַר דיר!..

.3

אין גאַנצן אָנגעטאָן אין נייע מלבושים׳לעך איז הערשעלע געזעסן מיט דער מאַמען אויף מיכאַלקעס פור און אָנגעקוואָלן פונם וועג. אַ זוניקער טאָג, פון ביידע זייטן איבער אַ קאַנאָווע ווי אַ שנור, ציט זיך, צוזאַמען מיטן וועג דער פאַרביקער האַרבסטיקער וואַלד. עס מינען זיך פאַר די אויגן קאָלירן: רויט, גריין, געל, וויאָלעט. פויגל פליען אַהין־און־אַהער צו אַלע, וואָס ער האָט באָם טייך נאָך ניט געזען. עס שמעקט מיט פעך און דאַרט טיף אין וואַלד קוקט אַרויס אַ סוד, און דאָ טרעפט זיך אָן פון צייט צו צייט אַ ווילדער באַרגע בוים מיט „דיטשקעס״ — אַ בוים מיט ווינטערדיקע גרינע עפּעלעך.

— מאַמע, כ׳וועל אָנרייסן עפּל.

— נאָך וואָס דאַרפסטו דאָס, זיי טויגן דאָך ניט, ס׳פעלט דיר?

— כ׳וויל...

בעט די מאַמע מיכאַלקען און ער שטעלט אָפּ די פור אויף אַ ווײַלע... באַרג אַרויף לאָזט מען אים גאָר גיין צופוס און ער גייט שטאָלץ צוזאַמען מיט מיכאַלקען פוס אין פוס, ווייזט, אַז ער איז

אַ גרויסער, רייסט פעלד-בלימלעך אין קאַנאַווע, לויפט גאָר אַוועק אויף פריער און קומט צוריק.

בײַ אַ פעלד פון אַרבעס-סטרוטשקעס האָט שוין מיכאַלקע אַליין אָפּגעשטעלט די פור — אַראָפּגענומען הערשעלען ער זאָל גיין רייסן אָבער ניט מיט די וואָרצלען, האָט ער אים אָנגעזאָגט, מיט די וואָרצלען איז אַן עבירה.

הערשעלע האָט אַן אַלץ פאַרגעסן. ער האָט זיך געפרייט פון די נייע ערטער, פון דעם אומבאַקאַנטן וועג. נאָר איינמאָל האָט ער דערזען אַ זילבער-לויפיק טייכל שנירלט זיך איבער אַ לאָנקע, האָט ער פלוצלונג אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענטלעך:

— אוי מאַמע כ'האָב פאַרגעסן דאָס העכטעלע אין גריבל... עס וועט שטאַרבן... און זיך פאַרטראַכט.

און נאָך אַמאָל האָט ער אויפגעצאַפּלט:

— שטשאָ, כאַיאָ? האָט מיכאַלקע געפרעגט — מאַלענאַ דאַ כעדערא וועזיעטשע?...*)

און הערשעלע האָט אויפגעכאַפּט ווי די מאַמע ווינקט צו מיכאַלקען ער זאָל שווייגן. און מיכאַלקע האָט פאַרענדיקט:

שקאַדאַ, יעשטשע טאַקי מאַלי!...**) און אַ פּאַך געטאָן מיטן בײַטש:

פּאַשאָל!...

.4

אַרײַנגעפאַלן איז הערשעלע צום פעטער אלקנה ווי אין אַ טשאַד. דער קאָפּ האָט זיך אים גענומען דרייען.

אַלץ עפּעס אין גאַנצן אַנדערש ווי בײַ זיי, און קינדער אַ סך. ס'איז אַ גוואַלדיקער טומל. מען שפּילט זיך, מען קריגט זיך — אים האָט מען גלייך אַרומגערינגלט, געקוקט מיט פרעמדע אויגן, כמעט באַטאַפּט אים און אים גערופן זיך שפּילן.

---

*) איר פירט, חית, אייער קליין אינגל אין חדר אריין?

**) אַ רחמנות, נאָך אַזאַ קליינינקער!

ער האָט זיך נאָך געהאַלטן פרעמד, ניט אָפּגעטראָטן אַ טראָט פון דער מאַמען.

זאָגט די מאַמע:

גיי, שפּיל זיך מיט די קינדער הערשעלע, וואָס גייסטו מיר נאָך נאָרעלע?

און באַלד הויבט זי אים אָן אײנרײדן, אַז ער זאָל װעלן גײן אין חדר, אַז ער זאָל פאָלגן דער מומען, דעם פעטער, ער זאָל זײן אַ גוט אינגל. ער זאָל פאָלגן דעם רבין, ער זאָל װעלן לערנען, װעט אים זײן גוט — גײ שפּיל זיך הערשעלע מיט די איבעריקע קינדער. באַלד װעט קומען דײן רבי, דו ביסט דאָך אַ קלוג אינגל...

— קום שפּילן קנעפּלעך, האָט אים אַ רוף געטאָן דער עלטסטער פון די קינדער — מיר האָבן אַ שופלאָד קנעפּלעך...

און פּלוצלונג האָט ער דערזען אַ גאַנצן שופלאָד מיט קנעפּלעך, אַלערלײ סאָרטן: שיסעלעך, פּאַרצעלײטשיקעס, מינץ.

— דאָס האָב איך געװאָונען... כאַפּט זיך אײנער פון דער חברה אַרױס, און װײזט „אַ שיסעלע" אױפן האַנט, — פאַר איר בין איך געגאַנגען פיר מאָל...

— און דאָס האָב איך געװאָונען...

— און דאָס איך...

באַלד האָט זיך צעפלאַקערט די שפּיל. הערשעלע איז גאָר געװען אַ טײערער „פּיקער". מיט אײן פּיק פלעגט ער טרעפן אין קנעפּל, ער האָט אָן אַלץ פאַרגעסן. ס'האָט אים שױן קײן זאַך ניט אינטע־רעסירט, נאָר געװינען װאָס מער קנעפּלעך.

עפּעס האָט די מאַמע געבראַכט אַ אידן און געזאָגט, אַז דאָס איז דער רבי. דער רבי האָט אים אַ קניפּ געטאָן אין בעקל, און געזאָגט: אָ, אַ טײערער, טײערער אינגל, װילסט לערנען? הערשעלע האָט אױף אים אַ קוק געטאָן. עפּעס האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַ רבין גאַנץ אַנדערש. און דער קוקט אױס װי אַלע מענטשן װאָס קומען צו זײ.

נאר ער ענטפערט: כ'וויל, אבי גיכער צום שפיל. ער האלט אין אפגעווינען „א שיסעלע". זאל דאס זיין דער רבי...

ער זעט די מאמע סוד'עט זיך דא מיט דער מומען, דא מיט'ן פעטער — גארניט; מיכאלקע קומט אריין מיט דער בייטש אין האנט, בלייבט שטיין עפעס אין טיר. — גארניט. די מאמע גייט צו ווי ער ליגט אזוי אויפן פאדלאגע און שפילט, קושט אים, שמייכלט — גארניט; ער הערט א פור פארט אפ אין דרויסן, — גארניט, און פלוצלונג גיט ער זיך א צאפל, גיט א ווארף די קנעפלעך און א פלי ארויס אין דרויסן...

די מומע האט אים געוואלט א כאפ טאן פאר א הענטל, אבער ניט באוויזן; דער פעטער איז גאר געבליבן שטיין א צעטומלטער מיט האלבע ווערטער אויף די ליפן.

— וואס, וואס לויפסטו?...

אין דער רגע איז שוין הערשעלע געווען אין דרויסן. דערזען ווי די פור מיט דער מאמען פארקירעוועט זיך אין א זייטיקער גאס האט ער מיט א געשריי: מאמע! גענומען נאכיאגן מיט אלע כחות די פור.

ער זעט גארניט, ער פילט ניט. עפעס שטעלן זיך אפ מענטשן און רופן: אינגעלע, וואס איז?... ער זעט זיי נאר אויסמיידן.... און די פור פארט אלץ גיכער אוועק...

אין פארצווייפלונג יאגט ער מיט אלע כחות, און דער צעשראָ־קענער רוף „מאמע"! רייסט זיך אלץ אפטער; אים ווילט זיך אנידערפאלן אין געוויין, נאר די פיסלעך לויפן פון זיך אליין, און דאס הארץ רייסט די לופט.

„מ־א־מ־ע נעם מיך!" און די פור איז ווייט, אזוי ווייט...

און פלוצלונג האט ער דערזען, אז די מאמע דרייט אום דעם קאפ צו אים עפעס מאכט זי מיט דער האנט דא צו אים און דא צו מיכאלקען. אים דוכט, אז זי הייסט מיכאלקען פארן גיכער, אז אים ווייזט זי צוריק, צוריק... און ער יאגט און ער שטרעקט אויס די הענטלעך:

מאמע נעם מיך, מאמע נעם מיך!

ער זעט די פור האט זיך אפגעשטעלט, די מאמע קריכט פון פור. און ער לויפט נאך אנגעשטרענגטער צו איר. זי לויפט אים אנטקעגן. ער ליגט שוין בא איר אין די הענט און פון האלדז רייסט זיך נאך: מאמע, נעם מיך...

די מאמע ווישט אים זיין פארשוויצטן פנים, טוליעט אים צו זיך און רעדט:

— דו ביסט א שלעכט אינגל, האסט דאך עפעס צוגעזאגט צו זיין גוט און פאלגן... מיכאלקע, פאר צוריק צום פעטער...

צוריק באם פעטער, האבן אים אלע געמוסרט, אי דער פעטער, אי די מומע, נאר די קינדער האבן אנדערש געקוקט אויף אים און קיין זאך ניט געשטערט. אים האט קיין זאך ניט געארט. ער האט זיך נאר ווי א שעפסל געבונדן צו דער מאמען, געהאלטן פארן קלייד און פון איר ניט אפגעטראטן. זי האט שוין גארניט געפרובירט פון אים אוועקגיין. ווען זי האט אים איינגעלייגט שלאפן, האט זי זיך געמוזט זעצן לעבן אים און ער האט זי צוגעהאלטן פארן האנט.

מיט אמאל האט ער זיך אויפגעכאפט, זיך פארזשמורעט פון דער זון, ווילד זיך ארומגעקוקט און אנגעהייבן פארצווייפלט רופן: מאמע, וואו איז מאמע? קיין ענטפער האט ער ניט געקראגן, נאר דער פעטער איז אריין און א זאג געטאן:

שא, שא, די מאמע וועט באלד קומען.

האט ער שוין גארניט געפרעגט. שטיל ארונטערגעלאזט דעם קאפ. עס זיינען אים פארלאפן די אויגן. די שטוב מיט אלץ האט זיך אנגעהויבן אפרוקן פון אים און באקומען א קרום געשטאלט. און דאס ערשטע מאל האט ער דערזען די וועלט דורך אמת׳ע טרערן.

אין עטלעכע טעג ארום איז שוין הערשעלע געגאנגען אין חדר. דער מלאך האט אים געווארפן קאפיקעס, ער האט זיך געגרויסט מיט זיינע נייע הויזן מיט די קעשענעס און געשפילט אין קנעפלעך.

עלינו לשבח

געווידמעט א. ליעסין

נאכט. פון געלעגער הויבט זיך שטיל אויף דער זיבן-יעריקער אברהמל. קוקט מיט שארפע אויגן צו דער טאטע באם זייט שלאפט שוין. שפרייזט אריבער איבער אים און שלייכט זיך דורך אין דער צווייטער קאמער.

די גאנצע שטוב איז פארהילט אין חושך. נאר ווי א רונדער, רויט-געלער פלעק שיינט דאס קליינע קעראסין לעמפל אויפן ווייסן טיש.

שטיל קומט אברהמל צו צום טאטנס שאפע ספרים. באקומט ארויס דעם „שארית ישראל", קריכט ארויף אויף א שטול, נעמט די פיס אונטער זיך, צעעפנט דעם ספר אויפן טיש און הויבט אן בלע־טערן אין שיין פון לעמפל.

ער מישט די פארגעלטע בלעטער מיטן רש"י כתב ביז ער בלעטערט אויף: דער ערשטער בלוט בילבול אין בלוא. ער שפארט זיך אונטער דעם קאפ מיט ביידע הענט און ער לייענט: „א קריסט האט עדות געזאגט, אז ער האט געזען, ווי א באנאכט האט א איד אריינגעווארפן א קינד אין טייך אריין. און כאטש עס האט גאר אין שטאט נים געפעלט קיין קריסטלעך קינד, און כאטש מען האט אין טייך געניששטערט און מען האט גאר קיין גוף פון קיין קינד נים געפונען, דאך האט מען אויף די איינציקע בייזע עדות פון דעם קריסט, פארמשפט און פארברענט ניין-און-דרייסיק אידן.

„ווען מע האט די אידן געברענט לעבעדיקערהייט, האבן זיי פון די פלאמען ארויסגעזונגען „עלינו לשבח"... און זייער קול איז געווען דורכגעזאפט מיט זיסקייט און מיט פרייד..."

אַ שוידער נעמט דורך דעם קליינעם אברהמלען. דער שפּיציקער, צעדרייטער רש"י כתב צעשווימט זיך פאַר די אויגן:

„אַ בילבול געמאַכט. לעבעדיקערהייד פאַרברענט און זיי האָבן געזונגען „עלינו לשבח". ווי קען מען דאָס זינגען, אַזוי זיס זינגען, ווען מען ברענט לעבעדיקערהייט?"

„גוט, וואָס זיי האָבן געזונגען", פאַרקלעמט זיך דאָס האַרץ בּאַ דעם קליינעם אברהמלען — „דווקא זינגען, זיי אויף צו להכעיס — ער וואָלט אויך אַזוי געטאָן"...

ער וואָלט אויך געוואָלט זיין אַזאַ... אָבער וואָלט ער געקענט ברענען לעבעדיקערהייט און זינגען „עלינו לשבח?"...

געוויס. ער וואָלט זיך געלאָזט בראָטן לעבעדיקערהייט... און גלייך צווייפלט ער: „אפשר וואָלט איך ניט געקענט. איך וועל פּרובירן."

דער קליינער אברהמל רירט זיך צו מיט אַ פינגער צו דער אָנגע־גליטער גלאָז, ווי ער וואָלט דעם פינגער אין פייער אריינרוקן. ס'טוט אים אַזאַ ברי, אַז ער כאַפּט צו דעם פינגער. עפּעס דערפילט ער אַ האַרטע פרעמדע זאַך אויפן שפּיץ פינגער...

„צוגעכאַפּט. אָבער קיין געשריי ניט געטאָן" — טראַכט ער — ער וועט פּרובירן נאָך אַמאָל.

אברהמל קוקט שוין מער ניט אין ספר. ער האָט זיך איינגע־שפּאַרט מיטן בליק אינם גליענדיקן שיין פון לעמפּל.

דער שטאָלץ וואַקסט בּאַ דעם קליינעם אברהמל. ער זאָגט אַלע טאָג דאָס איינגע, וואָס די נייַן־און־דרייסיק אידן האָבן געזאָגט. פאַרוואָס האָט ער צוגעכאַפּט דעם פינגער?

אים פאַרדריסט. ער האָט ניט געדאַרפט צוכאַפּן דעם פינגער. און ער וועט פּרובירן נאָך אַמאָל, און טאַקע אויפן הוילן פייער. ער וועט מיט דער הוילער האַנט אַרונטערנעמען דאָס גלעזל און פּרובירן דעם פינגער אין דעם פייער. זיי האָבן אין גאַנצן געברענט, מוז ער קענען כאָטש אַ פינגער זיך לאָזן ברענען.

אברהמל קוקט און קוקט אויף דעם צעגליטן קנויט. דאָס קליינע

פלעמל צעוואקסט זיך אין א גרויסן פלאם. מענטשן געשטאלטן שיי־נען אין פייער. רויטע, הונגעריקע פייער־צונגען שפרינגען אונטער, לעקן, וויקלען ארום די מענטשן געשטאלטן. אלץ ארום שפרינגט, זידט, שרפה'ט. נאר די מענטשן געשטאלטן שטייען אין א הייליקן שיין און זינגען...

אברהמל הערט זיך צו מיט אנגעשטרענגטע אויערן... „עלינו לשבח" — טראגט זיך בא אים דורך דער ניגון פון דער תפילה. אים דוכט זיך, אז ער הערט עפעס א געזאנג, געוויס א געזאנג... א באקאנ־טער ניגון „עלינו לשבח" הערט זיך אין דער נאכט, און מיט צעעפנטע אויגן קוקט ער אין פייער אריין...

זשעף און מאַרקיז

אויף ברוסעלער גאַסן, אין אַ שווערן לאַסטיקן וועגל מיט שטיינ־קוילן, זענען געגאַנגען איינגעשפּאַנט: אַ הונט און אַ מענטש.

דער הונט איז געווען „מאַרקיז" — אַ שוואַרצער גרויסער הונט מיט בייז־רויטע אויגן.

דער מענטש איז געווען „זשעף דער נידעריקער", אויך אַ שוואַר־צער מיט ווייס־רויטלעך־אָנגעצונדענע אויגן און מיט אַ פאַרשמירט אויסגעמאַטערט פּנים.

איינגעשפּאַנט אין וועגל, אָנגעשטרענגט שלעפּנדיק אים, פלעגן זיי גיין גלייך — האַרט איינער לעבן אַנדערן, זייט בײַ זייט, טריט אין טריט. פון דערווייטנס און אַפילו נענטער וואָלט מען אין קיין פאַל ניט געקאָנט דערקענען, צי דאָס איז אַ הונט מיט אַ מענטשן, אָדער אַ מענטש מיט אַ הונט, נאָר צוויי הינט, אָדער צוויי מענטשן, ווי איר ווילט רעכנט...

וואָרום ווי בײַ מאַרקיזן די פעל, אַזוי איז אויך בײַ זשעפן געווען אויסגעריבן און צעטרעמפּלט די קליידער און דאָס לייב. זיין באַוואַק־סענער, ניט געשאָרענער קאָפּ, די לאַנגע צעשויבערטע האָר מיטן טעמפּן אויסדרוק אויפן פּנים, זיין אויסגעקרימטער און דרייען־געבויגענער קערפּער האָט אויסגעקוקט אַזוי הינטיש און ענלעך צו מאַרקיזן, ווי מאַרקיזס פיגור — אויף זשעפן.

ביידע שוואַרצע, ביידע פאַרמאַטערטע, שמוציקע און מידע, זענען זיי געקראָכן איבער די שיינע זויבערע אויסגעצירטע גאַסן, געשלעפּט דעם וואָגן שטיינקוילן, זיך צונויפגיסנדיק מיט אים אין אַ שוואַרצן מרה־שחורה׳דיקן פלעק.

פונם לאַנגן שלעפּן דיזעלביקע לאַסט זענען זיי איינער צום

אנדערן צוגעװיינט געװאָרן. דער בייזער צאָרנדיקער מאַרקיז האָט נאָר שטענדיק געזוכט אַ געלעגנהייט פון װעמען־עס־איז נקמה נעמען, געגלוסט אַריינשטעכן די שאַרפע ציין און איז צעקריגט געװען מיט דער גאַנצער װעלט. פלעגט אָבער אַ פריילעכער װערן, דערזעענדיק זשעפן, נאָר פון איין זשעפן האָט ער זיך געלאָזט אַנטאָן און אויסטאָן דאָס מויל־ציימל און אַפילו אַריינשטעקן די האַנט אין זיין געפערלעכן מויל אַריין.

זשעף פלעגט אים איינשפאַנען און זיך אַליין איינשפאַנען. אַ צװייטן װאָלט דאָס מאַרקיז פאַר קיין פאַל ניט געלאָזן. הינט, זיינס־גלייכן אַפילו, האָט מאַרקיז פיינט געהאַט. און גאָר אין אַ װילדן צאָרן פלעגט ער אַריינקומען און זיך רייסן פון קייט, דערזעענדיק הינט און הינטלעך פוסט־און־פּאַסניקעס, װאָס לויפן אַרום פראַנק און פריי און װייסן פון קיין יאָך ניט.

אַלעמען האָט ער פיינט געהאַט, אויסער זשעפן, זיין איינציקן חבר. זשעף איז געװען דערזעלבער עלנטער, װי ער, און דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט מיט מאַרקיזן.

אַלע באַגינען פאָרן צעפירן די קוילן צו זייער באַלעבאָס קונדן, האָט זשעף געגעבן מאַרקיזן דאָס אָנגעגרייטע עסן, געשפּילט זיך מיט אים, געראַנגלט זיך, געהייסן אים זיך שטעלן אויף די הינטערשטע פיס און געװאָרפן שטיקלעך ברויט פון אייגענעם פרישטיק אין דער לופט, אַז מאַרקיז מיט אַן אָפן מויל זאָל אונטערשפּרינגען און כאַפּן. אַמאָל, אַז זשעף פלעגט געפינען עפּעס „רעכטס" אין מאַרקיז'ס עסן, װי געפּרעגלטע פיש, פלעגט ער אויך פאַרזוכן... אָפטמאָל האָבן זיי זיך פשוט געטיילט מיט זייער מאָלצייט. און געשלאָפן זענען זיי אויך איינער לעבן צװייטן: זשעף אין שטאָל פון קוילן און מאַרקיז — אין זיין ביידל דערביי.

זשעף איז אַ רואיקער מענטש געװען. אים האָט װייניק געאַרט, װען ער איז געבליבן אָן כוחות. ער פלעגט קיינמאָל ניט אַריינקומען אין צאָרן. ער האָט אַפילו קיינמאָל ניט געקלערט װעגן דעם... און װען ס'האָט אים שוין שטאַרק װיי געטאָן דער רוקן, און אַלע גלידער

זענען ווי אפגענומענע געווען פון מידקייט, פלעגט ער זיך נאר אפ־שטעלן אויף א ווײַלע אין מיטן גאס, איבערכאפן דעם אטעם און שלעפן ווייטער.

אבער מארקיז, ווען ער איז פארמאטערט געווארן, האט ער מיט א שווער אטעמדיק אפן מויל זיך אוועקגעלייגט, זיך אויסגעצויגן אויף די פאדערשטע לאפעס און געברומט יאמערלעך, בייז און הארץ־רייסנדיק. דעמאלט האט קיין זאך ניט געהאלפן. ניט זשעפס גע־שרייען, ניט קיין קלעפ אפילו, ס'פלעגט אים אנקומען גענוג שווער ביז וואנען ער פלעגט איינריידן זיין חבר, אז מ'זאל שלעפן ווייטער דעם יאך צוזאמען.

זשעף האט ניט געוואוסט פון מארקיזס חלומות און ניט פון זיין קנאה און צארן. ווען מארקיז האט זיך געווארפן אויף אנדערע האט ער זיך באמיט אים איינצושטילן און דערביי אים דערקלערט „שוויג, האסט ניט פארוואס צו בילן".

זשעף האט נאך קיינמאל ניט געפרואווט זיך צוגלייכן צו א צווייטן מענטשן. פון קליינערהייט אן האט ער געשלעפט דעם וואגן און קיינמאל ניט א קלער געגעבן ס'ארא הינטיש לעבן דאס איז!

פון זיין גאנצער פארגאנגנהייט געדענקט ער נאר איינס: זיין געבורטס־טאג. דעם טאג האלט ער שטענדיק פאר א יום־טוב און טרינקט זיך דאן אן. און שוין מיט א צייט פריער הייבט ער אן צו זאמלען סאנטים צו סאנטים כדי ער זאל זיך קאנען דעם טאג אנ־שיכורן — כאטש א גאנץ יאר טרינקט זשעף קיינמאל ניט.

און פון יאר צו יאר ווען ער שיכור'ט זיך דעם טאג אן, ווערט ער צערייצטער און צערייצטער. דעמאלט קריכט ער א שיכורער מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס צו יעדערן וועמען ער טרעפט נאר אין שענק. בעט, מע זאל מיט אים טרינקען: אזא טאג... אזא טאג — מורמלט ער מיט שיכורע טרערן אויף די אויגן, נאר מען קערט זיך פון אים אפ מיט אן עקל, ראלט ער צונויף די פויסטן און שרייט:

— איך בין אויך א מענטש!... אויך א מענטש... איך בין היינט געבארן געווארן...

נאָר גענוג איז אַ שטרענגער בליק פֿון וועמען־עס־איז, אַ חויך געשריי פֿון באַלאַבאָס, אַז זיין אויפֿרעגונג און כעס זאָל פֿאַרשווינדן. מיט צעשראָקענע שיכורע אויגן קוקט ער זיך דעמאָלט אַרום און קריכט אוועק ערגעץ אין אַ ווינקל.

ווי אַלע יאָר, האָט ער זיך דאָס מאָל אויך צוגעגרייט צו דעם פֿייערלעכן טאָג. באַלד באַגינען, גלייך מיט דער זון איז ער אויפֿגעשטאַנען, פֿאַמעלעך אַרויסגעשלעפּט מאַרקיזן פֿאַר דער קיים פֿוןביידל, אים ליבלעך אַ קלאַפּ געגעבן איבערן רוקן, אַ גלעט געטאָן איבערן האַלדז. מאַרקיז האָט זיך געצויגן און געגעניצט. זשעף האָט שטאָלץ און פֿייערלעך אויסגערעדט:

— ווייסט, מאַרקיז, היינט איז מיין געבורטסטאָג!..

מאַרקיז, ווי ער וואָלט פֿאַרשטאַנען, האָט מיט אַ פֿריילעכן מרוק אים באַגריסט און שטעלנדיק זיך אויף די הינטערשטע פֿיס, האָט ער די פֿעדערשטע אַרויפֿגעלייגט אויף זשעפֿס אַקסלען און אים אָנגעהויבן לעקן דאָס פּנים...

— גענוג, מאַרקיז, — זאָגט זשעף, —— ס'איז ניטאָ קיין ציים. היינט מוז מען פֿריער צעפֿירן די קוילן. מיר וועלן גלייך אַרויספֿאָרן... דערפֿאַר וועלן מיר שפּעטער זיין אַ גאַנצן טאָג פֿריי.

מאַרקיז האָט זיך דורכגעדרונגען מיט זשעפֿס שטימונג, און יעדן סימן פֿון אומצופֿרידנקייט האָט ער זיך געלאָזט איינשפּאַנען ניט געגעסענערהייט און מיט גרעסערע שנעלערע טריט ווי געוויינטלעך, האָבן זיי זיך געלאָזט איבערן שטאָט.

די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ הויך. מאַרקיז, אַ הונגעריקער און אַ מידער, האָט געברומט פֿאַר פֿרייד, דערשפּירנדיק אַז דאָס וועגל איז שוין באַלד ליידיק און מען וועט אין גיכן זיך פֿאַרנעמען אַהיים. פֿון צופֿרידנקייט האָט ער אַפֿילו דורכגעלאָזט אַ פּאָר גראָבע אויסגעפּאַשעטע מאַפּסן מיט ווייסע, זילבער־אויסגעשטיקטע העמדלעך, מיט רויטע ברעגן און ניט אָנגעפֿאַלן אויף זיי.

נאָר אַט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט באַם לעצטן קונה, פּונקט

באַם שענק. זשעף האָט אַריינגעטראָגן די קוילן און איז שוין מער ניט אַרויס...

אומזיסט האָט מארקיז געוואַרט שעה׳ן לאַנג, געקוקט מיט הונ־געריקע בעטנדיקע אויגן אויף דער טיר, וואו זשעף איז פאַרשוואונדן; אומזיסט האָט ער אום׳ברחמנות׳דיק געבולן און געריפן — זשעף איז ניט אַרויסגעקומען... ערשט שפּעט פאַרנאַכט האָט זיך ברייט אויפ־געעפנט די טיר און זשעף, אַ שיכור׳ער, פאַלנדיק פון די פיס, מיט אַ גלאָז ביר אין האַנט, האָט זיך אַרויסגעשלעפּט אויפן גאַס.

ער איז צוגעקראָכן, וואַקלענדיק, צו מאַרקיזן, זיך געשאָקלט ווי אַן איינזאַמער זאַנג פון ווינט און געפּלאַפּלט שיכורערהייט:

— מיין געבורטס־טאָג, מאַרקיז!... אַ גליקלעכער טאָג... נאַ טייערער ברודער, טרינק!.. טרינק!..

מאַרקיז האָט האַלב־צאַרנדיק געברומט, זיך אויפגעהויבן פון אָרט מיט ציטערדיקע פיס, אָפּגעדרייט דעם קאָפּ פונם אויסגעגאָסענעם גלאָז ביר און זיך אָנגעהויבן רירן פון אָרט..

— אַ!!! — האָט זשעף אָנגעהויבן צו שרייען און געוואָרן אַלץ ווילדער — דו ווילסט ניט טרינקען... אַזאַ חבר ביסטו מיר... ביסט ניט מיינער קיין חבר... דו ביסט אַ הונט, איך בין אַ מענטש... יאָ.. אַ מענטש.... כ׳וועל אויף דיר פאַרן... כ׳וועל מער ניט שלעפּן, — ער האָט הייזעריק געשריען. זיך אַריינגעקייקלט אין וואָגן און גע־פּאַטשט מיטן היטל — כ׳פאַר... קיינער איז ניט גלייך צו מיר... פאָראויס! פאָראויס!

מאַרקיז איז געלאָפן מיטן וואָגן אַ צעטומלטער פון די געשרייען, קלעפּ און הונגער; מיט די לעצטע כחות איז ער געפלויגן אַלץ שנעלער און געשווינטער. מיט אַ שווערן אָטעם און צונויפגע־פּרעסטער ברוסט, מיט אַ ברייט געעפנט מויל, וואָס האָט דאָך ניט געקאָנט שלינגען גענוג לופט פון שרעקלעכער מידקייט און אויסגע־מאַטערטקייט, איז מאַרקיז, פּלוצלונג, ווען זיי האָבן זיך אומדער־וואַרט געפונען אונטערן שטאָט, אַ פאַל געטאָן, זיך אויסגעצויגן, אַרויסגעאָטעמט אַ שווערן קרעכץ, קאָנוואולסיוו אַ ציטער געטאָן און געבליבן טויט.

אַ לאַנגע צייט האָט נאָך זשעף געשריען, ליגנדיק אויפן וואָגן אין מיטן וועג, פאָכענדיק מיטן היטל.

די נאַכט, די שטילקייט אַרום, האָט אים אויסגעניכטערט אַביסל און פאַרשלעפערט. שפּעטער, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן פאַרשטיין און זיך עפּעס דערמאָנען, איז ער אַ צעטומלטער, מיט צעמישטע געדאַנקען אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן, זיך איבערגעבויגן איבער מאַרקיזס טויטן קערפּער, טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַרויפגעלייגט אים אויפן וועגל, זיך איינגעשפּאַנט און שטום זיך געלאָזט אַהיים...

דער פאַרלאָזענער פויגל

(אַ מלחמה בילד)

טרילל...

ס'שפּראָצט אויף טאָג.

דער קאַנאַריק „פּיט" קוקט פון זיין שטייגל באַם פענצטער אין דרויסן אַרויס. פעלדער און ביימער, ווי שטענדיק, און דאָך עפּעס אַנדערש . . .

טריילל, טריילל... ס'שפּראָצט אויף טאָג, דער געבענטשטער פרי־מאָרגן קומט. דער פויגל פילט אַ גרויסע אומרואיקייט, מיט די ערשטע שטראַלן ווערט וואָס געבוירן אין זיין ברוסט, — עס רייסט זיך באַ אים פון האַלדז און עס ווילט זיך אים טרילען, זינגען אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון.

ס'שפּריצט מיט גאַנצע פאָנטאַנען לויטער ליכט. — יונגע שטראַלן שטיפן אויף די דרעטלעך פון זיין שטייגל:

טריילל, טריילל, טריילל...

„פּיט" האַקט אָפּ. אַ פאַלשן קלאַנג האָט ער דערהערט. ער ווייס אַליין ניט, האָט ער דאָס שלעכט געזונגען, אָדער עס קומט פון דער פרעמד?

ער בייגט דאָס קעפּל אויף אַ זייט, הערט זיך צו...

עס שטראָמט אַרום די מונטערע ליכטיקייט. ער וועט פּרואוון נאָכאַמאָל:

טריילל...

אין גאַנצן פאַלש.

ער ציט דאָס העלדזל איין, נורעט איין דאָס קעפּל, גנבה'דיק כאַפּט ער אַ קוק. אין ביידע זייטן, צי קיינער האָט ניט געהערט זיין פאַלש זינגען?

אין שטוב איז שטיל, מע הערט קיינעם ניט — און ער האָט קיין כח ניט צום זינגען, ער איז אזוי הונגעריק, אזוי הונגעריק...

ער שפּרינגט אַראָפּ צום הונדערטסטן מאָל פון שעדעלע, פּיקט אין דעם ליידיקן טעצעלע — ניטאָ מער קיין עסן... דאָך בליצט אַ האָפענונג: אפשר, טאָמער האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ קערנדל ארום שעלכעלע, — ער שאַרט מיט די פיסלעך, פּיק־פּיק מיטן שנאָבעלע — ניין, ניטאָ...

ער וואַרפט זיך צום וואַסער. נאָך אַ ביסל בלאָטיקע פאַרבליבן אויפן דעק.

ער טרינקט. ער פאַררייסט דאָס קעפּל, מאַכט צו די אויגלעך: ווי גוט, ווי עס דערפרישט! אָבער עס פילט זיך נאָך שטאַרקער דער הונגער.. ער זוכט אַרום נאָכאַמאָל דאָס שטייגל. ניין, שוין אַלץ צונויפגעקליבן.

וואָס פאַר אַ בלאַנקנדיקע זון! און ס'ווילט זיך אים ווידער טרילען, זינגען:

טריל, טריל...

פאַלש. אָבער ער מוז טרילען, רופן, וואו זיינען זיי אַלע? פאַר־וואָס גיט מען אים ניט עסן? פאַרוואָס קלעטערט ניט דער קליינער פיער אויפן פענצטער אַרויף, אים דאָס שטייגעלע עפענען?

טריל, טריל, טריל...

דער „וואַסערשלאַק" איז ריין און ריכטיק. די זון האָט זיך צעשפּילט. ער האָט אויף אַ רגע דעם הונגער פאַרגעסן. ער קוקט דורכן פענצטער. ווי דיביימער און פעלדער קוועלן אָן פון פרייד. פרייע פייגלען באַווייזן זיך אויף אַ רגע און פאַרשווינדן גלייך. נאָר אין שטוב איז שטיל, ניטאָ קיין אָפּקלאַנג. טויט... וואו זיינען זיי אַלע?

דזין, דזין... עפּעס האָבן ווידער אָנגעהויבן ציטערן די שויבן ריכטיק ווי אין יענער נאַכט. דזשין, דזשין... האָבן די שויבן גע־קלונגען און אַ מהומה איז געוואָרן אין שטוב. ער האָט זיך געהאָט איבערגעשראָקן, פון שלאָף האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, געקוקט און ניט פאַרשטאַנען. ער האָט נאָר געזען, אַז דאָס איז ניט דער פריי־

מארגנדיקער טומל, ווען די שטוביקע האבן זיך געוויינטלעך געאיילט אין פעלד און אין גארטן. ער האט געזען, אז די מענטשן לויפן איבער דער שטוב—ווילן עפעס נעמען, כאפן און ווייסן ניט וואס, זוכן וואס און לויפן ארויס. דעם קליינעם פיער האט מען געטראגן א שלאפנדיקן. „פיט׳ן" האט געדוכט, אז ער שטרעקט צו אים די הענטלעך אויס.

דזין, דזין... האבן די שויבן געקלונגען, ווי איצט. ער האט געוואלט א טריל טאן: נעמט מיך אייך... נאר די שויבן האבן אזוי מאדנע געציטערט, ווי א רויב-פויגל וואלט אן זיי מיט די פליגל גע־קלאפט, און ער האט פון אנגסט קיין איין קלאנג ניט געקענט ארויס־ברענגען, נאר שטום זיך פארשלאגן אין א ווינקל פון שטייגל.

דזין, דזין... ווי שרעקלעך די שויבן ציטערן ווידער... פונקט ווי ס׳וואלט געדונערט. נאר עס איז דאך אנדערש. פארן דונער, האט ער גאר קיין מורא ניט געהאט. נאכ׳ן דונער קומט עפעס א ווילדער זשומענדיקער געשריי און אלץ העכער, נעענטער, שטארקער. די פענצטער שפרינגען אין די ראמען, זיין שטייגל וויגט זיך. ער וואלט שוין בעסער געהונגערט, אבי דעם רעש ניט הערן, עס שרעקט אים אזוי.

זשוזש — טראך!... די שויבן האבן אין צווייטן פענצטער גע־פלאצט. ער וויגט זיך מיטן גאנצן הויז צוזאמען. שטיקלעך גלאז פארפליען צו אים.

טריל... שרייט ער פון שרעק. אימיצער א שרעקלעכער האט אויף אים א קוק געטאן, דאס איז יענער נאכטיקער פויגל...

ער וויל אים ניט זען, ניין. ער וויל ניט...

ער באהאלט דאס קעפל אונטערן פליגעלע... נאר דארטן קוקט אויך ארונטער דער שרעקלעכער פויגל. ער שטרעקט נאך אים זיינע נעגל אויס. ניין, ער וועט זיך ניט לאזן, ער וועט די ווענטלעך צע־טראגן, ער וועט זיך ניט לאזן כאפן...

„פיט" ווארפט זיך מיט זיין גאנצער קראפט אויף די ווענטלעך פון שטייגל, דאס שטייגל וויגט זיך. אבער צו שטארק זיינען די דראטן — ער שליידערט זיך נאך א מאל — שטארקער, צארנדיקער.

דער רויב־פויגל קוקט אויף אים... „פיט" שניידט זיך איין אין די דראָטן.

זשזשזש... שיפּעט ווער. די ביימער קרעכצן און ברעכן זיך ווי אין אַ שטורעם. עס גליווערט אים דאָס בלוט. ער וועט נאָך פּרובירן דורך די שפּאַרונעס דורכקריכן — און ער שניידט זיך איין דאָס פליייש, שטיקט דאָס קעפּל.

דער שטורעם שפּילט שוין באַם שוועל פון הויז. רויטע, דורשטיקע פייער־צונגען לעקן די ווענט, קריכן צום סופיט...

„פיט" שליידערט זיך אַ פאַרלאָרענער איבערן שטייגל. זשזש... טראַך! יענער גרויזאַמער פויגל האָט אים שוין מיט אַ נאָגל פאַר־טשעפּעט און קוקט אויף אים אַזוי עקשנות'דיק שטאַר.

„פיט" צאַפּלט אין גאַנצן, ער פּאַכעט מיט די פליגעלעך: אוועק, אוועק... זשזשזש... טראַך!

טרילל, טרילל... צו הילף, מענטשן!...

טרילל...

שטיל.

מלחמה

.1

די אידיליע פון דעם קליינעם גליקלעכן לאנד

אויף דעם וואנדער-וועג פון פעלקער זיינען געלעגן דריי לענדער. צוויי זענען געווען גרויסע, שטארקע, מעכטיקע מדינות; מיט ריזיקע פעסטונגען און מאסן סאלדאטן.

דאס דריטע לאנד, דאס קלענסטע, איז געלעגן צווישן זיי, עפעס מיט אן איין-איינציקער, אלטער פעסטונג, מיט ווינציק סאלדאטן, אבער גליקלעכער פון זיי ביידן.

די שענסטע צייט פון יאר איז געקומען, הייסע טעג און דופטיקע לינדע נעכט. די ערד האט געקוואלן פון ווארעמקייט און גליק. די ערד האט פרוכט געבראכט און אלין האט געלעבט און געזונגען. אויף די פעלדער זיינען די זאנגען פול געווארן. די אויבסן אין די סעדער האבן זיך אנגעגאסן, און די אפגעקאשעטע לאנקעס האבן זיך אויף-דאס-ניי מיט בלומען פארפוצט.

זעטיקע פייגל האבן זיך אומעטום גענעסט, געסוויטשערט, געשפילט. פון צווישן דיביימער, פון צווישן די גראזן האט זיך א געזאנג געטראגן, און געדוכט האט זיך, אז א זילבערנע סטרונע איז אנגעצויגן אין דער לופט און זי וויברירט, זינגט אן אן אויפהער.

מיט די טייכן האט די זון א שטראלן-שפיל געפירט; אין זייערע וואסערן האבן פארביקע פיש געשטיפט, רויגן געווארפן און זיך געמערט.

דער פויער האט אין זיינע שייערן שוין א פלאץ פארן נייעם שניט געמאכט. ער איז אויפן וועג ארום און זיין הויז באטראכט — א ירושה פון זיינע עלטערן. עס איז נאך אבער שטארק און פעסט, און עס איז זיך צעוואקסן זיין הויז, עס איז גרעסער און

שענער געוואָרן. אויף די גערטנער פול גרינס — האָט ער זיך פאַר־קוקט, און ס'האָט געקוואָלן זיין האַרץ. אויף די פעטע לאַנקעס — פול רינדער און שאָף: גאָט, ווי זיי פּרוכפּערן זיך! און ווען ער איז צו די פעלדער צוגעקומען, האָט אַ שטילע פרייד באַ אים אין האַרץ געפלאָסן: זיינע עלטערן, ער, זיינע קינדער האָבן די זעלביקע ערד געאַקערט, מיט שווערער, שווייסיקער אַרבעט האָבן זיי זי פאַר־זייט, אָבער זי איז אַ טרייע. זי באַצאָלט זיי איצט כפל־כפלים.

און דער ים, דער גרויסער אומענדלעכער ים, האָט פון דער ווייטער פרעמד די היימישע ברעגעס גרוסן געבראַכט. שיפן און פעלקער האָבן זיך פון אַלע עקן וועלט אין די פאָרטן געצויגן און האָבן דאָס לאַנד רייך געמאַכט.

די בערג האָבן קוילן און אייזן אַרויסגעשפּיגן. דימענטן און טייערע שטיינער האָט מען אומעטום אין די שטעט און דערפער געשליפן. זאַטע, געזונטע קינדער האָבן זיך אין די שולן געלערנט, געשטיפט און געשפּילט זיך אויף די גאַסן און אין די פּאַרקן. בחורים מיט מיידלעך האָבן אויף די גאַסן, אין די פּאַרקן קאַראַהאָדן געמאַכט, געזונגען און געטאַנצט.

שיין און גליקלעך איז געווען דאָס לעבן אין דעם קליינעם לאַנד. און די שאַפנדיקע אַרבעטער פון לאַנד האָבן מיט אָנשטרענגונג און ווירדע געאַרבעט און געקעמפט פאַר נאָך אַ שענערן, נאָך אַ גליק־לעכערן לעבן.

נאָר דער טויט האָט פון אַ ווינקל שוין געלויערט. די נאַטור האָט געשאַפן, מענטשן האָבן געבויט... אָבער דער טויט האָט זיך פאַר'גנב'עט און שטיל מיט זיין עגבער שוין געבויערט אַ לאָך אין דער נאָך נים פאַרטיקער מענטשלעכער געביידע...

.2

ד י מ ה ו מ ה

דאָס איז דער טויט, אָנגעטאָן אין אַ מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ, מיט אַ קאָקאַרדע אויפן שאַרבן, מיט לאַקירטע שטיוול אויף די

קנאַכיקע פּיס, מיט אַ בלאַנקער שווערד אויף די לענדן, אַרויסגע־קראָכן אין די צוויי מעכטיקע מדינות פון די פעסטונגס־לעכער, פון די שטאָלענע מיילער פון די האַרמאַטן, און געגאַנגען צווישן די איינוואוינער און גערעדט:

— „איר זעט, אַריבער דעם קליינעם לאַנד די צווייטע שטאַרקע מדינה? זי ווערט שטאַרקער פון אונדז, זי וועט פאַרכאַפּן דעם וואַנדער־וועג..." און ווי אַ וואָרעם איז דער טויט אַריינגעקראָכן יעדן איינ־וואוינער אין האַרצן און געזויגן די נשמה: „האַלט מלחמה, דאָרט איז רויב אָן אַ שיר..."

און אויך אין דער צווייטער מעכטיקער מדינה אַריבער דעם קליינעם לאַנד איז דער טויט געגאַנגען פאַרפּוצט אין אַ מונדיר, און געטייט מיטן ביינערדיקן פינגער און געוואונקען מיט די פּוסטע לעכער־אויגן צו די מענטשן:

„איר זעט אַריבער דעם קליינעם לאַנד די צווייטע שטאַרקע מדינה, זי וועט פאַרכאַפּן דעם וואַנדער־וועג... בײַ איר איז רויב אָן אַ שיר..."

און באַלד האָט זיך געשאַרט דער טויט צווישן די איינוואוינער פון די ביידע מדינות און צעשאָטן אַ דריבנעם, ביינערדיקן גערויש, ווי פון אַ פּויק:

„דער שונא קומט!"

די איינוואוינער פון ביידע שטאַרקע מדינות האָט אַרומגעכאַפּט אַ מורא: דער שונא קומט, דער שונא קומט! ער מוז אַדורך דעם קליינעם לאַנד — וועלן מיר עס פריער פאַרכאַפּן!

און די מענטשן פון די צוויי גרויסע מלוכות האָבן זיך פאַרברי־דערט מיטן טויט. און ער האָט אַרומגעשפּאַצירט צווישן די מענטשן, פאַרפּוצט אין אַ מונדיר און צעשאָטן דעם דריבנעם ביינערדיקן גערויש, ווי דאָס דריבנע קלאַפּן פון אַ פּויק: „דער שונא קומט! דער שונא קומט!..."

אויפן קליינעם גליקלעכן לאַנד איז אָנגעפאַלן אַ פּחד. גלייך האָט

די ארבעט פון באפעסטיקונג געקאכט. פון פריען באגינען ביז שפעט אין דער נאכט, האט איבער די פעלדער טויב געקלונגען דער רידל, און אין די וועלדער, פארקן, אלייען האט פארביסן געגרילצט די זעג; אויפן ארט פון אויסגעוואָרצלטעביימער האט מען זארגפול מינעס פארפלאנצט, און געווארט האט מען אויף מענטשן־שונאים וואס זאלן די מינעס מיט זייער בלוט באפייכטן, אז דער טויט זאל קענען שפראצן און געדייען.

3.

דער חורבן

פוןביידע זייטן האבן זיך איצט גערוקט די ארמייען פון די מעכטיקע מדינות אויף דעם קליינעם גליקלעכן לאנד. די שטעט האבן שוין איצט אויסגעזען דערשלאגן, דערשטיקט פון ליידן. גאנצע גאסן זיינען געשטאנען פאר׳יתום׳ט; די מויערן פוסט און איינוואוינער — אמת׳ע קברים־ביידלעך. יונגע מענטשן האט מען ניט געזען; זיי האט מען אוועקגענומען אויף די שלאכטפעלדער. די איבעריקע האבן אוועקגעווארפן די ארבעט, זייער טאג־טעגלעכע באשעפטיקונג און אן ציל ארומגעבלאנדזשעט איבער די גאסן. מענטשן האבן ווי אין חלום געלעבט: געטראכט, געגאנגען, און יעדן האט זיך געדוכט, אז מען רעדט ניט דאס, וואס מען קלערט, און געקלערט האט מען און געטראכט וועגן טויט.

באנאכט איז געווען חושך־שטיל. מענטשן זיינען געשלאפן אין די קעלערס; אין מיטן דער נאכט פלעגן זיי מיט שרעק זיך צוהערן צום ברומאלן, בויערנדיקן גערויש פון די צעפעלינס. אט באלד וועט פלאצן א באמבע און ווער ווייס וואו די שטיקער וועלן פארפליען?

ביי טאג פלעגן פארפאלגן עראפלאנען. ווי רויב־פייגל פלעגן זיי זיך טראגן אין הימל און זייערע פראפעלערס פלעגן זינגען א ליד פון טויט.

אויסגעהונגערטע, פארלאזענע קעץ זיינען איבער די גאסן ארום־

געקראַכן; מיט אַ רחמנות'דיק מיאוקען זיינען זיי נאָכגעלאָפן די מענטשן טריט באַ טריט — ווי הינטלעך, און שטום געבעטן עסן...

און גרויסע מענטשן-פּראָצעסיעס האָבן זיך באַוויזן. דאָס זיינען די אַנטלאָפענע פויערים געווען, וואָס דער טויט האָט געיאָגט ווי איבערגעשראָקענע פייגל פון די פעלדער; ער האָט זיי געטריבן פון דער סאָכע, פון דער בראָנע; און גיין פלעגן זיי אין זייערע בעסטע בגדים, יום-טוב'דיג געקליידט פון דעם גרויסן יום-טוב פון טויט, נאָר מיט קליינע אָרעמע פעקלעך אין די הענט, אַלץ וואָס זיי האָבן באַוויזן מיטצונעמען, און מיט שטייגלעך געראַטעוועטע פייגעלעך. קיין איין קרעכץ, קיין איין טרער, נאָר גאָטס קללה האָט באַ זיי אין די אויגן געברענט...

און מענטשן-סאָלדאָטן פלעגן אַלץ אַוועקשטראָמען, אַלץ אַוועקשטראָמען. מאָדנע ערנסט פלעגן זיי גיין, אומעטיקע ווי צו אַ לויה. מיליטער-אַרקעסטערס פלעגן מיט רעש פאַרבייפליען און אָן אימה אַנטלאָפן. אַ ווייטיק האָט אַרויסגעשריען פון זייער ברומען, אַ פאַרלאָרנקייט האָט זיך געפילט אין זייער אַרומלויפן הין און צוריק. זיי פלעגן מיטברענגען מיט זיך דעם שטויב און דעם ריח פון די שלאַכטפעלדער און אַוועקפירן צום טויט.

גרופּעס סאָלדאָטן פלעגן זיך ציען צוריק מיט בלוט דורכגעזאַפּטע באַנדאַזשן, מיט צעקרימטע פּנים'ער, מיט פיבער אין די אויגן, געאָרעמט און געפלאַכטן פון דעם גרויסן יום-טוב פון טויט...

4.

די שלאַכט

געל-שוואַרץ איז דער הימל איבער דער באַפעסטיקטער שטאָט. אין דער רויכיקער, שטיקענדיקער לופט טראָגט זיך פאַר'שרפ'עט פּאַפּיר, שפּענדלעך, שטיקלעך גלאָז. די הייזער האַלטן אין איין ציטערן: דזין, דזין, דזין... דער האָריזאָנט ברענט פון אַלע זייטן, זוילן רויך הייבן זיך צום הימל, קייקלען זיך איבערן ברוק. אין דער

לופט טראָגט זיך מיט דונער דער רייטוואָגן פון טויט. אימיצער פאַסעוועט אומ׳רחמנות׳דיק דעם הימל מיט אַ שטאָלענער בייטש.

מחנות, מחנות טראָגן זיך אין ווילדן געלויף איבער די וואָלן איינע אויף די אַנדערע...

„צום זיג! שרייען די מחנות פון דער צווייטער מעכטיקער מדינה.

„צום זיג!“ שרייען די מחנות פון דער צווייטער מעכטיקער מדינה.

און מען האָט זיי צוויען געפונען אויפן וואָל, איינעם לעבן אַנדערן. איינער איז געלעגן קאָנוואולסיוו איינגעגראָבן מיטן פּנים אַראָפּ, מיט אַ פול מויל געביסענער ערד און מיט אַ שפּיז אין רוקן — דאָס איז געווען דער באַזיגטער.

דער צווייטער, מיטן פּנים צום הימל, מיט אַ דורכגעשאָסענעם האַלדז, מיט אַרויסגעשפּאַרט בלוט פון מויל, פון נאָז, פון די אייגן... דאָס איז געווען דער זיגער!

און אַזוי זיינען זיי געלעגן איינער לעבן אַנדערן, דער מיטן פּנים אַרויף און דער מיטן פּנים אַראָפּ... דער זיגער און באַזיגטער.



א מאַמע

אין זונען־שײַן באָדט זיך דאָס שטעטל אין טאָל. ארומגערינגלט מיט בערג, זענען די שפּיצן באוואַקסן מיט וואַלד. די משופּע׳דיקע זײַטן אויסגעפּוצט אין תבואה־פּעלדער און לאַנקעס.

אונטן, צופוסנס שפּילט זיך דער טײַך אַרום.

פּאַר יום טוב בין איך פרײַ פון חדר. ווי שטענדיק, האָב איך קײנעם אין שטוב ניט דערציילט און בין זיך אַוועק אין סאָסנע־וואַלד קלײַבן בעטקעס (שוועמלעך).

כ׳ווײס, איך האָב זיך שוין פאַרשפּעטיקט. די מאַמע קוקט שוין די אויגן אויס. אָבער איך האָב נאָך אַ סך צו טאָן: איך מוז נאָך אָנקלײַבן שוואַרצע יאַגעדעס, וואָס נאָר איך אַליין ווײס אַן „ערטל" וואו זײ וואַקסן; איך מוז נאָך אַרויפקלעטערן אַ קוק טאָן צו מײַן נעסט פון וועווערקעס — זעקס קלײנינקע, געלינקע זענען זײ דאָרטן; איך האָף נאָך צו געפינען אויך האָזענע ניסלעך אונטן אין נאָסן וואַלד.

צווישן די אָלשענע און ניסן־בוימלעך, אײַנגעפּלאָנטערט אין ווילדע האָפּן און קראָפּיווע, דאַרפן שוין זײַן צײַטיקע ווינטערדיקע מאַלינעס, קלער איך, כ׳וועל זײ אויך אָנקלײַבן. אפשר וועל איך קענען זיך פאַרענטפערן פאַר דער מאַמען — זע, וואָס כ׳האָב אָנגע־בראַכט: בעטקעס, שוואַרצע יאַגעדעס, האָזענע ניסלעך און אפשר נאָך ווינטערדיקע־מאַלינעס אויך...

און ווײַטער טראַכט איך, אַז מען וועט זיך נאָך דאַרפן אויף גיך אַ באָד טאָן אויך, אַז די מאַמע זאָל ניט וויסן... ווײַל פאַרנאַכט איז דאָס וואַסער וואַרים — מחיה׳דיק! אַ חוץ אין „קעסל־גרוב", וואו פון פאַר׳כישופט׳ן זומפּ אין וואַלד, פון אונטערן תהום, קומט אַרויס דער „וואַסער מענטש" און שלעפּט אַראָפּ צום גרונט אַ זעלכע

קליינע אינגלעך ווי איך און וואו מיר ווארפן אריין אלע יאר א קאץ פאר א כפרה... און „קעסל־גרוב“ איז דאס וואסער שטענדיק קאלט.

אבער חלוואי טרעף איך נאר דעם באלאגאלעס זון מיט דער פאר פערד, איין פערד וועט ער מיר שוין געבן צום אויסבאדן. דעם באלע־גאלעס זון וויים, אז איך קען. אויב ניט, וועל איך זיך ווידער אנטשעפען אן ווידל, א דאגה מיר — אבי אריבערשווימען די „קעסל־גרוב“ און אויפן צווייטן ברעג איז א מחיה זיך צו קייקלען נאקע־טערהייד איבערן לאנקע!

דער פארנאכט קומט אן און איך אייל זיך. פון א פאליאנע זע איך, די זון האט זיך ווי א רויטער טייך צעשוואומען איבערן הימל. איין זייט איז באדעקט מיט געדיכטע וואלקנס און ס׳ווערט טונקעלער. איצט וועט שוין בא מיר לאנג ניט דויערן. די פאדעשוועלעך זענען בא מיר גליטשיק פון די פעכינע נאדלען. איך גיי און גליטש זיך — איך גיב זיך א גליטש. און אט בין איך אין נאסן־וואלד.

ס׳ארא מאלינעס! איך האב זיך גארניט געריכט — גרויסע און אנגעשאטן! זיי זענען אזש שווארץ פון אנגעגאסענעם זאפט. די שטעכיקע שטעקלעך בויגן זיך ארונטער.

איך ווארף זיך אין די צוניפגעפלאנטערטע האפן, ברעך איבער און טאפטשע איין די בריאיקע קראפיווע, א, א, איך וועל זיי אנ־קלייבן א סך...

פלוצלונג איז עפעס פארביי מיר דורכגעפלויגן און זיך אוועק־געשטעלט אנטקעגן אויף אן אויסגעפוילטן פיען. איך האב זיך איינגאנצן אנגעצונדן און פארהאלטן דעם אטעם. איך זע א וואסער־פויגל שפרינגט פארזיכטיק ארום און פלאטערט מיטן געשטרייפטן ווייןדעלע.

„כ׳קען זיך שווערן, ס׳איז א נעסט...“ — גיט מיר א קלאפ אין הערצל. „כ׳וועל האבן מיט וואס זיך גרויס צו האלטן אין חדר: א נעסט פון וועווערקעס האב איך שוין, איצט — פון וואסער־פייגעלעך.“

נאר דאס פייגעלע האט מיך דערשפירט, און קרום פון דער זייט אויף מיר א קוק געטאן, אפגעפלויגן א שטיקל און זיך געשטעלט אויף

א צווייטן בוים. באַהאַלטנדיק זיך אונטער צווייגן, ווי דאָרטן וואָלט געווען דער נעסט.

„ניין, וועסט מיך ניט אָפּנאַרן. כ׳וועל אַזוי לאַנג וואַרטן, ביז דו וועסט מוזן אַריינפליען“, טראַכט איך.

א צווייט פייגעלע איז באַלד צוגעפלויגן און זיך אָפּגעשטעלט אויפן זעלבן פּיען. דאָס ערשטע האָט פאַרצווייפלט א צווישער געטאָן, ווי אַנזאָגנדיק, אַז דאָ לויערט א שונא.

זיי האָבן זיך געדרייט און אַרומגעפלויגן. איך בין די גאַנצע צייט געלעגן צוגעפּגעקאַרטשעט אין די קוסטעס און געטשאַטעוועט. ס׳איז מיר מיט אַמאָל היימ געוואָרן... איך זע איין פויגל האָט זיך שטיל אַריינגע׳גנב׳עט, און גאָר עפּעס אונטער א וואָרצל.

„אָט גאָר, אַבי איך האָב געמיינט אין פּיען...“

ווי אַזוי דאָס צווייטע פייגעלע איז אַריין, האָב איך שוין גאָר ניט באַמערקט. נאָר איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס איז אינווייניק. שטילינקערהייט האָב איך זיך גענומען שאַרן צו דער נעסט.

מיט האַרצקלאַפּעניש האָב איך אַריינגערוקט די האַנט אונטערן פּיען... א געשריי געטאָן און באַלד אַרויסגעכאַפּט די האַנט צוריק. פון ווייטיק האָב איך אָנגעהויבן שפּרינגען אויף איין פיסל און בלאָזן אויפן צעבלוטיקטן פינגער. א שטיק הויט האָט דאָס פייגעלע מיר אויסגעפּיקט מיטן שאַרפן, דינעם שנאָבל. און מיט אַמאָל — באַץ! ביידע פייגעלעך זענען פאַר מיינע אויגן אַרויסגעפלויגן, און פאַרפאַלן!

פּלוצלונג קוק איך זיך אַרום — שמאַק-פינצטער, און איך בין איינינקער אַליין, באַנאַכט אין וואַלד. איך צאַפּל פון שרעק. איך ווייס: וועלף נישטערן באַ נאַכט, און ערגעץ אין מיטן וואַלד — דער פאַר׳כישוף׳טער זומפּ מיטן וואַסער-מענטש, וואָס פאַרנאַרט אַלעמען און פון וואַנען קיינער קערט זיך ניט אום. און דער וואַלד איז שטיל. — דער וואַלד שווייגט.

פּלוצלונג האָט א בייזער פייף זיך דורכגעטראָגן דורכן וואַלד. די בוימער האָבן צעצאָרנטע אָנגעהויבן הודזשען, ווי א בייזע האַנט וואָלט זיי געשויבערט די צעוואַקסענע קעפּ. א שלאַקס-רעגן האָט

אַ גאַס געטאָן און מיט גערויש אַנגעהויבן פּויקן איבער די בלעטער.
פון שרעק לאָז איך זיך לויפן פון וואַלד אַרויס. נאָר די פינצ־טערניש באַגעגנט מיר פון אַלע זייטן און איך ווייס ניט, וואוהין צו לויפן. איך פּלאָנטער זיך אין די ווילדע האָפּן, ווי משונה׳דיקע לאַפּעס ציִען זיך נאָך מיר די אַרויסשטאַרצנדיקע וואָרצלען. איך פאַל איבער זיי, הייב זיך אויף און פאַל ווידער און ברי זיך אָפּ אָן די שטעכעדיקע קראָפּיווע. קאַלטע שטראָמען וואַסער נעצן מיך דורך און רינען מיר איבערן לייב. איך פאַרזשמורע די אויגן פון די בלענדיקע בליצן, קנוילן־ווייז פליִקן זיי דעם הימל; דוכט מיר, אַט לעבן מיר טויבן די דונערן, שפּאַלטן זיך בוימער, און וועלן פאַלן אויף מיר. איך וויל זיך צוטוליען צו אַ בוים, נאָר עמעצער טרייסלט מיך עפּעס אין גאַנצן. פייערדיקע קייקן דרייען זיך מיר פאַר די אויגן. מיר דוכט, אַז איך הייב אָן זינקען — פאַרזינקען אין פאַר׳כישופ׳טן זומפּ און איך צאַפּל אין גאַנצן. שטרעק אויס די הענטלעך און מיט די לעצטע כוחות רוף איך:

— מאַמע, מאַמעלע מיינע!

ווי דורכן חלום הער איך דער מאַמע׳ס קול. איך פיל נאָר, ווי זי נעמט מיך אויף די הענט. איך קלאַמער אַרום איר נאַסן האַלדז. און זי טראָגט מיך אין מיטן שטורם, טוליעט מיך צו זיך און רעדט שטיל: אויסגעמאַטערט קינד מיינס, אינגעלע מיינער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָכדעם איז דער וואַסער־מענטש פון זומפּ געקומען און האָט מיך געמוטשעט און ערגעץ וואו געשלעפּט. איך האָב זיך געוואָרפן, געצאַפּלט און געוויינט, אָבער צווישן די משונה׳דיקע מענטשן, וואָס פלעגן מיט מאָדנע גרימאַסן אַרומשפּרינגען אַרום מיר, האָב איך מיין מאַמען ניט געזען, אַליין בין איך געווען. און דער וואַסער־מענטש, איז ווידער געקומען, האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן, צוגעשטיקט און זיך גענומען מיט מיר אַרונטערלאָזן טיף־טיף אין פאַר׳כישופ׳טן זומפּ...

פּלוצלונג פיל איך ווי די מאַמע רייסט מיך אַרויס און איך שווים, שווים אַרויס פון אָפּגרונט, און ס׳ווערט מיר אַזוי גוט, לייכט — איך

עפן די אויגן און פארוואונדער זיך. איך ליג גאר אין דער מאמעס בעט און עפעס אזוי שטיל איז אין שטוב. נאכט. דער לאמפ מיט דער טונקעלער שיין ברענט אויפן טיש. א סך רפואה-פלעשלעך שטייען אנגעשטעלט לעבן דעם בעט אויף א שטול. איינס געפעלט מיר, א שמאלינקע, א רויטינקע. איך גיב באלד א קלער: מען וועט קענען מיט איר ארויפשלעפן גרונט-וואסער פון ברונעם. איך קוק זיך ארום און פארוואונדער זיך נאך מער. די מאמע טוט עפעס גאר ניט אין שטוב, נאר זיצט איינע אליין באם טיש, דאס פנים באהאלטן אין די הענט און איך קען ניט וויסן צי זי שלאפט, אדער זי טראכט, נאר דעם אפענעם „זיידנ'ס תהילים" מיטן לעדערנעם רוקן דערזע איך אונטער אירע עלענבויגנס און איך קלער: וואס זיצט עפעס די מאמע אזוי? און איך רוף זי:

— מאמע!

איך פארוואונדער זיך, ווי פארענדערט מיין קול איז, און מיר דוכט, אז די מאמע האט מיך ניט דערהערט; מער ניט אירע עלענבויגנס האבן עפעס א ציטער געטאן און איך רוף נאך אמאל:

— מאמע!

— איך קען ניט פארשטיין, וואס די מאמע האט זיך אזוי צעמישט אויפגעהויבן און פאלט צו מיט א געוויין צו מיר. אבער פון אירע טרערן ווערט מיר אזוי גוט און ליבלעך אויפן הארצן. זי קוקט מיר אין די אויגן, ווי זי וואלט זיך ניט געגלויבט, און פון איר בליק צאפל איך פריידיק אין גאנצן. אבער אירע אויגן קוקן מיר מאדנע אויס, אזעלכע רויטע, אנגעצונדענע. איך קוק און וואונדער זיך: פון וואנען זענען בא דער מאמען אזעלכע אויגן געווארן מיט אמאל? נאר איך פיל אז ס'טויג ניט צו פרעגן און קוק זי שטום אן.

זי גלעט מיר צארט דעם שטערן און רעדט שטיל:

— אינגעלע מיינער...

דער פויגל כאַפּער

זומער־לעב פלעגט שואל'קע אַ רגע אין שטוב ניט זיצן. האָט ער נאָר געקענט, פלעגט ער זיך שוין אַרויסדרייען פון הויז און זיך פאַר־גראָבן אין סאָד, אַז קיינער זאָל אים ניט געפינען.

אין שטוב איז אים געווען אומעטיק — דער טאַטע פאַרטאָן אין געשעפט. די מאַמע, ווען ער קומט איר אויף די אויגן, שטראָפט אים שטענדיק, אַז ער איז אַ גרויסער „ניט וועלער". „באַ לייטן אַזעלכע אינגלעך לערנען שוין גמרא..." און דער עיקר, מען קען אים נאָך שיקן אַ גאַנג אויך...

געענג האָט ער פיינט. ער ליידט ניט, אַז מען זאָל זיך מיט אים שאַפן. אין סאָד איז ער פריי, טוט וואָס ער וויל, ליגט אַפּ שעה'ן אין קילן גראָז. וואָס האָט זיך אַזוי געדיכט צעוואַקסן צווישן די בוימער, באַם הויכן פּאַרקאַן: זיך צונויפגעמישט מיט „פויגל־קאַשע". מיט די בעכערלעך „משוגענעם מאָן" און זיך איבערגעפּלאָנטערט מיט „בערשטלעך" פון תשעה־באב.

איז ער אַליין, טרעפט ער ניט אסתר'קען, דער שכנ'ישער מיידעלע, וועלכע שפּילט זיך אויך שטענדיק באַ זיי אין סאָד, פאַרבאַהאַלט ער זיך אין גאַנצן אין גראָז און קוקט דורך די גראָזן אויף די גע־פינטלטע, קאָלירטע „משה רבנו'ס קיעלעך", ווי זיי קריכן איבער די שטרויעלעך, אַרויף־אַראָפּ, קומען צום שפּיץ, בלייבן שטיין, ווי דאָ וואָלט געווען דער ברעג פון דער וועלט. נעמט ער אַ שטרויעלע און שטורכעט זיי אַזוי לאַנג, ביז זיי צעעפענען די צוויי פּאָר פליגלען און פליען איבער, אָדער פאַלן אַרונטער כלמרשט טויט.

דערהערט ער אַ גריל, גנב'עט ער זיך צו, קוקט אים אָן אַ ווײַלע אין די גרינע אויגן, און כאַפּט אים פאַרביידע פיסלעך און שפּילט זיך מיט אים אין קאַץ און מויז, האַלט אים אין פויסטל, צעעפנט די

האָט ער זאָל קענען אַ שפּרונג טאָן און האַלט גלייך אָנגעגרייט די צווייטע, ער זאָל קענען אַ כאַפּ טאָן.

גיט זיך איין דעם גריל צו אַנטלויפן, לויפט ער נאָך יעדן שפּרונג זיינעם, ציט זיך אויס און הויבט זיך אויף, ווי אויף גרינע כוואַליעס, און פּאַקט ער אים, רייסט ער אים אויס אַ פיסל, ווי אַ זעגעלע: „גיי, דו קאַליקע, לאָמיך זען ווי דו וועסט איצטער קענען זעגן."

ווערט ער מיד, ציט ער זיך גאָר אויס טשאַטעווען דעם הימל, צי פויגלען פליען נים. ער וואָלט אַלע פויגלען געכאַפּט, און אַפילו אין די וואָלקנס זעט ער טייכן, בערג, פייגלען, משונה׳דיקע גרויסע גרילן.

פאַרנאַכט יאָגט ער זיך נאָך נאָך שוואַלבן. שוואַלבן איז אַ מצווה די קעפּלעך אָראָפּצודרייען, זיי האָבן דאָך געטראָגן פייער פאַרן בית המקדש. נים אומזיסט איז נאָך פאַרבליבן אַ רויטער צייכן אונטערן העלדזעלע און אין גאַנצן זענען זיי שוואַרץ פאַר׳שרפה׳ט.

אַז אסתר׳קע איז פאַראַן אין סאָד שפּילט ער זיך מיט איר. באַהאַלט ער זיך אויס אין גראָז און שפּרינגט פּלוצלונג אַרויס און שרעקט זי איבער. פאַר אַלע באַשעפענישן און ברואים, וואָס שואל׳קע האַלט אין האַנט, האָט זי מורא. און קומט ער צו איר צו מיט אַ גריל, אָדער אַ בין, מאַכט זי גוואַלדן, קוקט מיט צעשראָקענע אויגן און באַהאַלט די הענטלעך אויף הינטן.

אָבער שואל׳קען גייט זי נאָך ווי אַ קעלבל, און קוקט נאָך אַלץ וואָס ער טוט.

* * *

אסתר׳קע איז איצט געשטאַנען און געקוקט, ווי שואל׳קע לייגט צוזאַמען אין סאָד פינף ציגל און מאַכט אַ פּאַסטקע פאַר פייגעלעך.

— כ׳וועל דיר כאַפּן פייגעלעך וויפיל דו ווילסט נאָר אַליין — האָט ער זיך פאַר איר באַרימט. אויף גיך געמאַכט פון פיר ציגל אַ קעסטעלע, דעם אויבערשטן ציגל אונטערגעשפּאַרט מיט אַ העלצל, אונטערן העלצל אַ ברעטעלע און אָנגעשאָטן חלה־ברעקלעך.

— איצט לאָמיר זיך באַהאַלטן — האָט ער אָוועקגעשלעפּט אסתר׳קען אָן אַ זייט.

אַ מחנה שפּערלעך האָט זיך מיט אַ קינדערשער פּלאַפּלעריי אַרונטערגעלאָזט און זיך צעשאָטן אַרום פּאַסטקע. אַ כּאַפּטע יונג־וואַרג האָט גענומען שפּרינגען אויף די ציגל און אַרום די ציגל.

אַן עלטערער שפּערל, אַ געזעצטער און אַ פּעטער, האָט זיך געהאַלטן פון דער ווייטן, קרום געקוקט אויף די יונגע פּערלעך און ווי געוואָרנט: זייט ניט אַזוי פריילעך, און לאָזט אייך ניט פאַרנאַרן...

די פּערלעך האָבן אָבער געשפּרונגען, געשפּרונגען און געפּיקט.

שואל׳קע מיט אסתר׳קען האָבן געשמועסט:

וויפיל וועסטו כאַפּן? — האָט אסתר׳קע געפרעגט.

— אַן „ער" מיט אַ „זי" — האָט שואל׳קע געענטפערט.

— מיר וועסטו געבן?

— וויפל דו ווילסט אַליין.

— אייך אַן „ער" מיט אַ „זי".

— געוויס.

— ט־ס־ס... — האָבן זיך פּלוצלונג בײַ אים די אויגלעך אָנגעצונדן, — איינער גייט שוין...

— אַן „ער" צי אַ „זי" — האָט אסתר׳קע געפרעגט.

— אַן „ער".

— פון וואַנען דערקענסטו?

— כ׳דערקען. ער האָט אַ דזשוב אויפן קעפּל — האָט שואל׳קע געענטפערט.

— כ׳זע גאָר ניט — האָט אסתר׳קע אָפּגעענטפערט.

— מען זעט אים ניט, דעם דזשוב... — האָט שואל׳קע וואָזשנע געענטפערט.

— קוק, קוק... — האָט ער ניט דערוויזן אַרויסצורײדן, ווי דער איבערשטער ציגל — באַץ! איז מיט אַ קלאַפּ צוגעפאַלן.

אַ רחמנות׳דיקער פּישטש, ווי אַ קליין קינד וואָלט פון פּלוצלונדיקן ווייטיק אַ קוויטש געטאָן, האָט אַ שניט געטאָן די לופט און פאַרשטאָרבן.

די גאַנצע מחנה שפּערלעך האָט מיט גערויש זיך אַ הויב געטאָן

און זיך צעפלויגן. שואל'קע האט זיך אַ ווארף געטאָן פון זיין באהעל־טעניש. אסתר'קע איז נאָך פארבליבן, אַ צעשראָקענע פון קלאפּ.

— צוויי, צוויי מיט אַמאָל ! — האט ער געשריען צו איר אין פריידיקער אויפרעגונג. — קום אַהער, וועסטו זען — אַן „ער" און אַ „זי" !

ער האט ווי אַ געניטער גענומען דעם רעקל און געוואָלט איבער־דעקן די ציגל, האט ער דערזען, ווי פון איין זיים שטעקט ארויס אַ האַלבער פויגל, צוגעקלעמט פון ציגל. דער שפערל רירט זיך אפילו ניט, נאָר אַן אָפן אויגל מיט אַ רויט רונד פּאסיקל ארום, פינטלט, פינטלט אַזוי מאָדנע צו אים, ווי עס וואָלט זיך געמאַטערט ווייגען...

— וואָס איז מיט דעם פויגעלע, — איז אסתר'קע צוגעקומען.

— זיך דער'הרג'עט — האט שואל'קע גלייכגילטיק געענטפערט.

— גיי, קענסט ניט כאפּן — האט אסתר'קע אנגעשטעלט די ליפּלעך. — אַ רחמנות אַ פייגעלע...

— אַ גרויסע ווערדע מיר. כ'קען כאפּן וויפיל דו ווילסט. איינס האסטו דאָך !

ער האט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, פארקוקט אין אַ שפּאַרע אין די ציגל אריין און דערזען, ווי אַ שפערל זיצט אַ צונויפגעקאָר־טשעטער מיט אויפגעשטעלטע פעדערן פון שרעק.

— ווילסט אַ קוק טאָן ווי ער זיצט דאָרט, דער אורח ? — האט זיך שואל'קע אויפגעשטעלט.

— כ'האָב מורא פאר אַ טויט פייגעלע... — האט אסתר'קע געקוקט צעשראָקן.

שואל'קע האט זיך צעלאַכט :

— דו ביסט אַ אידענע ! — האט ער אַ זאָג געטאָן מיט דער־זעלבער מינע ווי זיין טאַטע פלעגט דאָס זאָגן צו דער מאַמען : — אַ מענטש איז דאָס. וואָס ? ס'איז דאָך אַ פויגל...

* * *

אין מיטן שלאָף האט שואל'קע דערפילט, אַז אימעצער פיקט אים אַזוי לייכט, ווי מיט אַ שנאָבעלע. טוט ער זיך אַ כאַפּ, זעט ער

אין דער פינצטער, ווי אַן אָפן אויגל מיט אַ רויט פּאַסיקל אַרום, פינטלט צו אים און פינטלט, ווי עס וואָלט זיך געמאַטערט ווייגען...

אַ צעשראָקענער האָט ער שוין געוואָלט נעמען שרייען: מאַמע... נאָר אַרום דעם אויגל האָט זיך גענומען לייכטן און ער זעט שוין אַ גאַנץ פייגעלע, וואָס קוקט אַזוי פריינטלעך אויף אים. און עפּעס דוכט אים, אַז ער קען גאָר דאָס פויגעלע. „דאָס איז דאָך אסתר'קע", וואונדערט ער זיך, „אויף מיין וואָרט, אסתר'קע, נאָר עפּעס מאָדנע, ווי זי קוקט אויס, אַן אמת'ער שפּערל, — מיט פעדערלעך, מיט אַ שייניגקן ווידעלע, מיט פאַרפּוצטע פליגעלעך, אַ מיילעכל ווי אַ שנאָבעלע..."

גייט אים אָפּ פון האַרצן, קען ער זיך שוין ניט איינהאַלטן און לאַכט זיך פאַנאַנדער:

— אסתר'קע, וואָס האָסטו זיך עפּעס פאַרשטעלט פאַר אַ פייגעלע?

— וואָס פאַרשטעלט? — צווויטשערט עפּעס אַזוי מאָדנע אסתר'קע און רייבט אַן אים מיט ליבשאַפט דעם שנאָבעלע. — דו ביסט דאָך אויך אַ פייגעלע...

— איך?

— יע!

ערשט ער גיט אַ קוק, מיט אַן אמת, ער איז אויך אַ שפּערל, אַן אמת'ער „ער". ער וויל אויסשטרעקן אַ האַנט, אַ טאָפּ טאָן צי ער האָט אַ דזשוב אויפן קאָפּ — וואָס פאַר אַ הענטל, ער האָט גאָר אַ פליגעלע.

— נו. כ'האָב אַ ליגן געזאָגט? — פרעגט זיך אסתר'קע.

— אויף מיין וואָרט אַן אמת — דערקענט שוין ניט שואל'קע זיין קול, נאָר ווי אַ פייגעלע וואָלט געצווויטשערט.

— קענען מיר פליען אויך?

— אוואַדע!

און שואל'קע דערפילט זיך אַזוי גרינג און לופטיק, ווי ער וואָלט גאָר קיין בייכל ניט געהאַט, נאָר אין גאַנצן באַשטייט ער פון פליגלען.

— לאָמיר פליען!

— לאָמיר.

שואל׳קע גיט זיך א הויב: „אויף מיין וואָרט עס פליט זיך“, וואונ־דערט ער זיך נאָך אלץ אביסל.

אסתר׳קע פליט אים נאָך. זיי צירקלען ארום די שטוב און שואל׳קע, האָט אזא געפיל, אז ער קען זיך אראָפּלאָזן אויפן הענג־לאָמפּ, אויפן געזימס פון דער שאַפע ספרים, וואו ער וויל נאָר.

— וואָס וועלן מיר דאָ פליען? — ווענדט זיך שוין שואל׳קע. — מיר קענען נאָך טאַטע־מאַמע אויפוועקן. לאָמיר גאָר ארויספליען אין דרויסן.

— לאָמיר.

— דורך וואַנען?

— דורך וואַנען איך בין געקומען, דורכ דער צעבראָכענער שויב.

— וואוהין זאָלן מיר פליען, צו אונדז אין סאָד, אָדער צו דער מומען אויפן פּלאַץ?

— וואו דו ווילסט.

— לאָמיר גאָר פליען ווייט, ווייט.

— לאָמיר פליען.

שואל׳קע האָט זיך א הויב געטאָן אין הימל, זיך צעפלויגן אין א קאַראַהאָד, איבערגעפלויגן די שינדל־דעכער פון זייער שטעטל, דעם שפּיץ קלויסטער, און זיך אוועקטראָגן אין פעלד אריין. שואל׳קע קוקט אראָנטער, זעט ווי זייער טייכל שנירלט זיך אונטן, ווי די געקרייזלטע קעפּ פון די בוימער שווינדלען.

א מחנה טויבן, ווי א קאָלירטער וואָלקענדל, האָט זיך באַוויזן אין הימל. שואל׳קען האָט פאַרוואָלט פאַרמעסטן זיך מיט זיי אין געשווינדקייט, איז ער ווי א געוואָרפן שטיינדל מיט אימפּעט דורך־געפלויגן דורך די טויבן און מיט גאוה א פרעג געטאָן אסתר׳קען:

— ווער איז פלינקער?

אסתר׳קע האָט אים אָבער ניט געענטפערט, נאָר פאַרצווייפלט א געשריי געטאָן. און באלד האָט שואל׳קע דערזען ווי א יאַסטרעב שרויפט זיך אין הימל, ווי ער זאָל אויסקלייבן אויף וועמען זאָל ער זיך א לאָז טאָן, צי אויף זיי, צי אויף די טויבן.

— געשווינדער, אסתר׳קע! — שרייט ער מיט אלע כחות. — פלי! ער פליט אויף אונדז...

אסתר׳קע ענטפערט ניט. נאר זיי טראגן זיך ארויף־אראפ, אראפ־ארויף, פארנעמען זיך רעכטס אוןווארפן זיך לינקס און דער יאסטרעב אלץ נאך זיי און נאך זיי.

שואל׳קע קוקט, ווי ווייט דאס אויג כאפט, אלץ א פרייער הימל און פלאכע ערד, נאר אויפן האריזאנט טונקלט עפעס...

— פלי, פלי! — שרייט ער אלץ צו אסתר׳קען.

אסתר׳קע ענטפערט אים ניט. נאר ער פילט אין וואס פאר אן אנגסט זי פליט...

— פלי, פלי!... — מונטערט ער זי אלץ אויף, — נאך א ווײַלע און מיר זענען אין וואלד.

דער יאסטרעב איז אנגעפלויגן ווי א ווינט, האבן זיי זיך אווארף געטאן אן א זייט, ער נאך זיי, זיי ווידער צוריק. אזוי האבן זיי זיך ארומגעדרייט, ביז זיי זענען אריין אין וואלד און זיך פארקליבן אונטער צווייגן.

— אסתר׳קע! ניטא וואס מורא צו האבן — האט שואל׳קע געקוקט ווי אסתר׳קע האט זיך צו אים צוגעטוליעט.

— כ׳בין מיד און כ׳וויל עסן — האט זיך אסתר׳קע געקלאגט.

— מירן זיך אראפלאזן אויף דער ערד, וועלן מיר קריגן עסן אײך — האט שואל׳קע פארזיכערט.

— לאמיר.

— גערעדט־געטאן. שואל׳קע מיט אסתר׳קען שפרינגען אונטער און פיקן — זוכן מיט די שנאבעלעך — ניין, גארנישט ניטא, נאר הוילער מאך ארום און צעקראכענע שוואמען.

— איך וויל עסן... — צעוויינט זיך פלוצלונג אסתר׳קע.

— מיר׳ן מוזן פליען אהיים — פארטראכט זיך שואל׳קע.

— ווייט אהיים? — פרעגט זיך נאך אסתר׳קע.

— כ׳ווייס ניט. כ׳וועל פרעגן בא „א זעגער“, וועט ער מיר זאגן. שואל׳קע האט אפגעזוכט א גריל.

— וואו איז מיין היים? — פרעגט ער.

— ווער ביסטו? — פרעגט דער גריל און קוקט אים אָן מיט די גרינע אויגן.

— איך בין שואל׳קע.

— אַה, שואל׳קע דער „פּיסל רייסער“, כ׳וועל דיר ניט זאָגן.

שואל׳קע גיט זיך אַ וואָרף אַ פּיק טאָן, אָבער דער גריל שפּרינגט אָפּ און גרילצט פון לאַכן: שואל׳קע דער פּיסל רייסער וועט דאָ אויסגיין פון הונגער.

— כ׳שטאַרב עסן — וויינט אסתר׳קע.

— כ׳וועל מער ניט רייסן, זאָג — רופט שואל׳קע.

— שווערסט זיך? — הערט אויף דער גריל צו לאַכן.

— כ׳שווער זיך.

— פלי אַרויס פון וואַלד, פאַרנעם זיך רעכטס, דערנאָך לינקס, וועסטו זיין בא זיך אין סאָד.

— אָן אמת?

— געוויס!

— אַבי איך האָב געמיינט, ווי ווייט מיר זענען.

— דאָס האָט דער יאַסטרעב אייך געטריבן אין קאָראָד — האָט אָפּגעגרילצט דער „זעגער“.

— זיי געזונט!

— האַלט וואָרט!

שואל׳קע קוקט זיך אַרום, טאַקע, אָט איז דער סאָד! אָט זענען נאָך די אויפגעשטעלטע ציגל און די שטיקלעך חלה אַרום.

לאָמיר זיך טאַקע אַראָפּלאָזן אין סאָד — שלאָגט פאָר שואל׳קע.

— לאָמיר.

— איך חלש עסן... — קוקט אסתר׳קע מיט גיריקע אויגלעך אויף די צעשאָטענע ברעקלעך. — ווי מיינסטו, קען איך עסן די חלה?

— קענסט עסן, ריינע חלה, אויף מיין וואָרט, כ׳האָב אַליין צע־שאָטן, פאַרזיכערט שואל׳קע, — און וואָס אַרט אונדז, מיר זענען דאָך סיי ווי פויגעלעך.

און זיי שפּרינגען איבער די ציגל און פּיקן מיט די שנעבעלעך.
און פּלוצלונג — באַץ! דער אויבערשטער ציגל איז איינגעפאַלן.

אַ ווייטיקלעכער פּישטש האָט דורכגעשניטן די לופט. שואל'קע זיצט אויף די ציגל מיט אויפגעשטעלטע פּעדערן פון שרעק און אסתר'קע ליגט אַ צוגעקלעמטע און איין אויג פינטלט באַ איר און פינטלט, ווי ס'וואָלט זיך געמאַטערט וויינען...

פון שרעק האָט זיך שואל'קע אויפגעכאַפּט.

אַ געשלעג

באַ די אינגלעך איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה.

נאָך מיט די חומשים אונטער די אָרעמס האָבן די קלענערע כיתות פאַרנאַכט גלייך נאָכן חדר, געשפּילט זיך אין „באַרג סיני“.

דער „באַרג סיני“ — אַ לאַנגער, פלאַטשיקער שטיין, האַלב אַ פאַרגראָבענער אין מיטן ניט ברוקירטן, זאַמדיקן שול־הויף, איז פון די אינגלעך פאַרנומען און אָפּגעליידיקט געוואָרן:

— מיין באַרג סיני!

— אַראָפּ! מיין באַרג סיני!

און איין פלאַנטער האָבן זיי זיך, ווי שפּערלעך געוואַלגערט אין שטויביקן זאַמד, געשטופּט זיך און געדראַפּעט זיך אויפן שטיין:

— איך בין משה רבינו!

— ניין, איך שטיי שוין, איך בין משה רבינו!

דער פאַרנאַכט איז געווען אַ זומערדיקער, אַ גאָלדענער. צונטער־רויט איז ערגעץ ווייט הינטערן דאַך פון דער הויכער שול מיט אַ ראַנד די זון פאַרגאַנגען. איבער די אינגלעכ׳ס קעפּ איז דער דינער טרוקענער שטויב צוזאַמען מיטן געטומל געהאַנגען ווי אומבאַוועגלעך אין דער לופט, דאָ און דאָרטן האָבן וואָלקנדלעך קאָמאַרעס ריטמיש געוויגט זיך צווישן הימל און ערד. זשוקעס האָבן נאָכאַנאַנד אין מיטן פליען בלינד זיך אָנגעקלאַפּט אָן די אַלטע ווענט פון שול. פלעגן אומגעריכט אַרונטערפאַלן און ניט באַווייזן צוזאַמענצונעמען די אונ־טערשטע דורכזיכטיקע פליגלען.

ווי פון העלער הויט פלעגן שוואַלבן פלינק אַרויספליען פון אונטער די שינדל דעכער פון די בתי מדרשים און פון אונטער דעם הויכן שול־דאַך און זיך צעפליען מיט אַ צאַרטער צוויטשעריי. אַרונטערפאַלן

ווי געוואָרפענע שטיינדלעך, צו דער סאַמער ערד און באַלד פייל פון בויגן זיך הויבן אין הימל.

פאַררייסט וואו א אינגל דעם קאָפּ און דערזעט אַ פלעדער־מויז פלאַטערט אין דער לופט, ווי אַן אָפּגעקלאַפּט בלעטל פון ווינט, און, דוכט זיך, ווייס אַליין נים וואו צו פליען, פלעגט ער זיך צעשרייען:

— אַ ווייסע זאַך אהער! גיכער, אַ ווייסע זאַך, וועט עס זי צוציען!

די עברי־אינגלעך האָבן זיך געשפּילט אין קנעפּלעך אָדער גאָר געטשאַטעוועט דעם הימל און האָבן זיי נאָר דערזען אַ מחנה פויגלען ציענדיק איבערן הימל אויף נאַכט־לעגער, פלעגן זיי זיך צעזינגען אין כאָר:

. . . סקאַרעי, סקאַרעי, די שטיבעלע ברענט.
וואַרף אַראָפּ אַ בייטעלע געלט...

אַלץ האָט גערוישט, געזשומעט, ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע וואָלט די גאַנצע צייט וויברירט אין דער לופט. נאָר די פאַרהאַרע־וועטע אידן פון שטעטל האָבן זיך געאיילט דורכן שול־הויף צו מעריב אין די בתי־מדרשים אַריין, געוווּשט זיך דעם שוויס פון די פּנימער און קיין אַכט נים געלייגט אויפן קינדישן טומל. איבער זיי האָט זיך דער הימל מיט טונקעלע פאַסן באַצויגן, ווי קנייטשן וואָלטן זיך אויסגעלייגט און אים צוגעגעבן אַ פאַרטראַכטן פאַרנאַכטיקן אויסזען.

באַם „באַרג סיני" האָט אין מיטן טומל אַ שניידיק, קוויטשיק קול'כל זיך שיר צעוויינט:

— אוי, אוי, אוי... דער הויז מיינער! מיין הויז! „בויטע", וואָס שלעפּסטו זיך?! דו צערייסט מיר דעם הויז, צע־רייסטו!...

צאַלקעלע „בויטע", אַן אָפּגעפּאַשעט, אָנגעבלאָזן אינגל, ווי אַ פּענכער, האָט זיך איינגעקרעמפּט אין יאַנקעלע'ס פּיסל, זיך איינ־געשפּאַרט אין שטיין און מיטן גאַנצן כח אים געשלעפּט אַרונטער פון „באַרג סיני".

— „בויטע" לאָז אָפּ בעסער... — האָט דאָס קול'כל געסטראַשעט.

— ניין „פרעגעלע“ איך ניט אפּלאזן, דו רופּסט זיך איבער...

יענקעלע „פרעגעלע“, אַן אויסגעצויגענער אויפן בייכל האָט מיט איין האַנט געהאַלטן אין דער הויך דעם חומש און מיט דער צווייטער זיך געדראַפּעט אַן שטיין; געשריען, אַז מען צערייסט אים דעם הויז, דערפילט, אַז אָט-אָט שלעפּט מען אים אַרונטער — האָט ער זיך פּרובירט אָנכאַפּן מיט דער צווייטער האַנט, זיך פאַרגעסן און אַרויסגעלאָזט דעם חומש.

— דער חומש! דער חומש פאַלט! — האָט יענקעלע „פרעגעלע“ מיט פּחד אויסגעשריען, און גלייך דערזען, ווי דער חומש האָט צע-עפנט די טאָוולען, ווי אַ פויגל די פליגלען, זיך איבערגעקוליעט איבערן שטיין און אַ צעעפנטער אַרונטערגעפאַלן אין זאַמד.

— „בויטע“ לאָז אָפּ! היט זיך, טרעט ניט! האָבן אָנגעהויבן שרייען די אינגלעך און איין קנויל זיך אַ וואָרף געטאָן אויפהייבן דעם חומש.

— כ'האָב דער ערשטער אויפגעהויבן, מיר קומט אַ קוש טאָן דעם חומש, — האָט אַ אינגל פאַרסאַפּעט אַרויסגערעדט.

— ניט דו, „בויטע“, — האָט זיך אַריינגעמישט אַ אינגל מיט שטעכעדיקע אויגלעך און מיט זומער שפּרענקלעך.

— אוועק, דו „געלער רמאי“ — ווייסט אַליין ניט, „פרעגעלע“ דאַרף אַ קוש טאָן — האָט אַ מורזעוואַטער אינגל ניט געהערט, וואָס מען רעדט און זיך אַריינגעמישט. — „פרעגעלע“ האָט דאָך דעם חומש אַרונטערגעוואָרפן...

— „בויטע“ אויך, האָבן אַנדערע זיך אָנגעכאַפּט, — ביידע זענען שולדיק, ביידע דאַרפן אַ קוש טאָן, האָבן די אינגלעך גע'פּסקנ'ט.

„יענקעלע“ „פרעגעלע“ האָט זיך איצט, אַן דעם חומש געהאַלטן פעסטער ווי אַן שטיין, און שניידיק געקוויטשעט.

— „בויטע“ „בויטרוק“, די עברה אויף דיין קאָפּ, לאָז אָפּ!

צאַלקעלע „בויטע“ האָט אָבער מיט אַן אָנגעגאָסן רויטיק פּנים עקשנות'דיק און תמעוואַטע ווי אַן עקסל, נאָך אַלץ אים ניט אָפּגעלאָזן.

— בויטע לאָז אָפּ! — האָבן די איבעריקע זיך צו אים אַ וואָרף געטאָן, — מירן דיר די זייטן צעקיילן...

יענקעלע „פּרעגעלע“ האָט זיך דערפילט פריי, האָט ער זיך היציק אַ ריס געטאָן פון שטיין, פאַרלאָרן דאָס היטל, אַרויפגעלאָפן אויף צאַל־קעלע „בויטע“, זיך אַנגעצילט מיט די שוואַרצע אויגלעך און אָנגע־הויבן זיך קלאַפּן אין האַרצן און שווערן, ווי אַ גרויסער:

— ווי איך בין אַ איד, כ׳וועל דיר צעממיתן...

— טו אַ קוש דעם חומש, — האָט אים אַ אינגל צוגעטראָגן זיין חומש.

— אַ קונץ ווייזט ער! פּאַר אַ פּוס שלעפּט ער זיך גאָר, דער „בויטע“, — האָט זיך יענקעלע געקאָכט — דעם חומש צוליב אים אַראָפּגעוואָרפן.

צאַלקעלע איז נאָך רויטער געוואָרן, געפילט, אַז די אינגלעך זענען ניט אויף זיין צד, האָט ער זיך אָנגעדרודלט און אַ בורטשע געטאָן:

— וואָס רופסטו זיך איבער, וואָס?

— אַט רוף איך דיך טאַקע איבער, — האָט יענקעלע געפילט זיך פאַרן גערעכטן:

— בויטע!

— פּרעגעלע!

— וואָס רופסטו זיך איבער, וואָס? — האָט יענקעלע זיך אָנגעצונדן און אָנגעהויבן די סדרה אויף דאָס ניי, — מיינסט כ׳וועל דיר שווייגן.. מיינסט, כ׳האָב מורא פאַר ד י ר? — איז אים יענקעלע נעענטער אין די אויגן געקראָכן. געפילט אַז די אינגלעך קוועלן אַן פון אים, און זיך נאָך מער געהיצט. — מיינסט כ׳האָב מורא פאַר דיר, ווייל דו ביסט מיט אַ קאָפּ העכער, כ׳גיי מיט דיר „איינס אויף איינס“.

באַ די אינגלעך האָבן זיך די אויגלעך צעפינקלט:

— איינס אויף איינס, — האָט זיך באַ אַ סך אַרויסגעכאַפּט, — „פּרעגעלע“ איז גערעכט... מאַך אַ „קאַראַד“.

— נו, גיב זיך נאָר אַ טשעפּע, — האָט יענקעלע פּרעגעלע

העלדיש זיך געשטעלט מיט א זייט און מיט די לויפיקע אויגלעך נאכגעקוקט צאלקעלע „בויטע".

— דערלאנג ד ו זיך פריער א טשעפע!... — האט פאוואליע געדרייט מיטן צינגל צאלקעלע „בויטע".

— „פרעגעלע" הויב אן! — האבן אונטערגעמינטערט די אומגעדולדיקע.

— מיש זיך ניט. ס'איז איינס אויף איינס... — האבן זיך איינגעשטעלט אנדערע.

— כ'האב דיך שוין אנגערירט... — האט יענקעלע זיך צוגערירט מיט א פינגער צו צאלקעלע'ס רעקל.

צאלקעלע איז שוין איצט געווען רויט ווי א בוראק. פאוואליע א דריי געטאן מיטן קאפ און עקשנות'דיק געזאגט:

— דאס איז ניט אנגערירט...

— דאס איז יע אנגערירט, יע אנגערירט! — האבן אויפגעהויבן א געשריי די אינגלעך.

צאלקעלע „בויטע" האט אלץ געשאקלט מיטן קאפ און זיך גע־האלטן בא זיינס:

— דאס איז ניט אנגערירט.

גיב איב א שטארקערן טשעפע! — האבן אויפגעהעצט יענ־קעלע'ן די איבעריקע אינגלעך.

— כ'וויים אליין... — האט זיך שוין יענקעלע געפילט גאר תקיף און אביסל שטארקער זיך צוגערירט מיטן פינגער.

— אנגערירט, אנגערירט, מיר זענען עדות! — האבן די אינגלעך ווידער אויפגעהויבן א געשריי.

— נא דיר אפ, — האט שוין צאלקעלע געזען, אז ער קען זיך ניט העלפן — און זיך אויף דעם זעלביקן אופן פאוואליע צוגערירט מיטן פינגער צו יענקעלע'ס רעקל.

— וואס שלאגסטו זיך, וואס? — האט יענקעלע מיט א געמאכטן געוויין זיך פלוצלונג א ווארף געטאן אויף צאלקעלע'ן.ביידע האבן

זיך אַרומגעכאַפּט און זיך געגומען קוליען אין זאַמד. ווי אין אַ ווייכער פערינע, אויפהויבנדיק אַ וואָלקן שטויב.

אַלע אינגלעך האָבן זיך איבער זיי איבערגעבויגן און נייגעריק נאָכגעפאָלגט. געצויגן דעם קאַראַד וואו זיי האָבן זיך געקייקלט. האָבן אויפגעפּאַסט און געוואָרנט:

— אויפן שטיין, אויפן שטיין קייקלט איר זיך אַרויף! אַן דער זייט, אַן דער זייט!...

— מאַמעס מיינע, שקצים, וואָס הרג׳עט איר זיך? — האָט זיך פּלוצלונג דערהערט לאה דער שמש׳טעס קול, — אַ הויכע, טרוקענע אידענע, מיט בראָדעוווקעס האָר אויפן פּנים. פאַר וועלכער די אינגלעך האָבן מורא געהאַט און זענען געווען זיכער, אַז זי קען אָפּטאָן כּישוף.

— גזלנים, וואָס לאָזט איר אידישע קינדער זיך שלאָגן, וואַרט איך וועל דערציילן אייערע טאַטעס...

זי האָט אָנגעכאַפּט יענקעלע׳ן מיט צאַלקעלע׳ן און זיי אויפגעהויבן פון זאַמד.

נאָך צעהיצט פון געשלעג האָבן זיי צום אָנהייב גאָר ניט געזען ווער עס האָט זיי אויפגעהויבן, און ביידע האָבן אויף אַמאָל אַרויסגעפּלאַצט:

— אַ, ווער האָט בעסער געגעבן?...

באַלד אָבער האָבן זיי זיך אַ ריס געטאָן און אָפּגעלאָפן צו די איבעריקע אינגלעך, וואָס האָבן זיך צעזייט איבערן שול הויף.

— די היטלען נאָט אייך אייערע, — האָט מען זיי מיט אַ באַזונדער פריינטשאַפט אָנטקעגן געטראָגן די היטלען. — לאָז, כ׳וועל דיר אָפּפילען פון הינטן, — האָבן נאָך אַנדערע געהאָלפן.

— פאַרגעסט נאָר ניט, ביידע דעם חומש אַ קוש טאָן — האָט דערמאָנט דאָס אינגל מיט די זומער שפּרינקלעך.

שטערנס האָבן זיך אויסגעשאָטן איבערן זאַמדיקן הימל. אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיך די טאַטעס אַרויסגעשאָטן פון די בתי מדרשים און די אינגלעך האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים.

לעגענדעס

דאָס אייביקע לעבן

1.

אויפֿן מאַרק פֿון כּאַנאַן

גאַנצע זיבעציק יאָר האָט די מוטער לאַאָ־טצעען געטראָגן אונטערן האַרצן, און ווען ער איז געבאָרן געוואָרן איז ער שוין געווען גרייז־גראָ פֿון יאָרן און פֿון חכמה . . .

ער איז געווען ניט נאָר דאָס וואונדער פֿון זיין געבורטס־שטאָט כּאַנאַן, נאָר פֿון גאַנצן לאַנד. ער האָט פֿאַרשטאַנען אַלע לשונות, אפילו פֿון חיות און פֿייגל, פֿון ווינט און פֿון שטערן, און ער האָט גע׳שמ׳ט פֿאַר „דעם חכם פֿון כּאַנאַן".

פֿון גאַנצן לאַנד האָט מען זיך געצויגן צו אים. ס׳איז ניט אַוועק דער טאָג, ווען ריקשאָוס זאָלן ניט צוטראָגן, צופֿירן אַלץ נייע און נייע מענטשן. פֿון דער ווייטסטער ווייטקייט האָבן זיך קאַראַוואַנען דורך דעם מדבר געצויגן, ווער נאָך זיין קלוג וואָרט, און ווער אויסצודריקן זיין דרך־ארץ פֿאַרן גרויסן לאַאָ־טצע.

אַזוי האָט געלעבט לאַאָ־טצע אין כּבוד און אין רום. נאָר ווען זיין לאַנגער צאָפּ אויפֿן שפּיץ פֿונם פּאַרמעטענעם שאַרבן איז שוין אין גאַנצן ווייס געוואָרן, און זיין הויכער, דאַרער קערפּער האָט זיך אַלץ מער געבויגן אונטערן לאַסט פֿון יאָרן און אַליין זיך געצויגן צו דער ערד, האָט ער אַלץ און אַלעמען פֿאַרלאָזן און איז פֿאַרשוואונדן הינטער די גרענעצן פֿון כּאַנאַן אין מדבר אַריין.

ווען די כּאַנאַנער האָבן זיך געכאַפּט, אַז לאַאָ־טצע איז ניטאָ, האָט קיינער ניט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. דאָך האָט מען איבערגעגעבן פֿון מויל צו מויל:

„דער אַלטער איז זיכער אַוועק אין מדבר צו שטאַרבן . . ."

באַלד האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אַ קאַראַוואַן, וואָס האָט

זיך געצויגן דורכ'ן מדבר, האָט איינמאָל אַרום האַלבער נאַכט דערזען אַ מאָדנע געשטאַלט אין מדבר, אין גאַנצן ענלעך צו לאָא־טצע'ן.

מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ צום נאַכטיקן אויסגעשטערנטן הימל, איז דאָס געשטאַלט געשטאַנען; און דעם קאַראַוואַן האָט זיך אויסגע־דוכט, אַז זיי הערן דייטלעך, ווי דאָס מאָדנע געשטאַלט פון לאָא־טצען שרייט צום הימל נאָכאַנאַנד:

„און אייביק לעבן!"

מען האָט דערציילט, אַז אין שטומער שרעק האָט דער קאַ־ראַוואַן געצויגן פאַרביי. די קעמלען האָבן די ערשטע דערשפּירט די זעאונג, האָבן זיך דערשראָקן און געוואָלט זיך אויסקניען. די מענטשן זיינען פאַרביי ווי געליימטע, און ווען זיי האָבן זיך אָנגע־נומען מיט מוט אומצוקוקן זיך איז שוין אַלץ פאַרשוואונדן. אָט נאָר־וואָס געזען מיט די אויגן, און ניטאָ.

יאָרן זענען געקומען און יאָרן זענען פאַרגעסן געוואָרן, אָבער דער נאָמען לאָא־טצע האָט אַלץ געלעבט צווישן די כינאַנער.

ס'איז אָנגעקומען אַ שוואַרץ מגפה־יאָר. דער טויט האָט זיך געיאָגט נאָך די מענטשלעכע טריט און טויזנטער לעבענס פאַרלאָפן דעם וועג. אַ פחד איז אַלעמען באַפאַלן. מענטשן האָבן אַפילו גע־האַנדלט און געוואַנדלט, געטאָן זייערע קליינע אַלטעגלעכע נויטווענ־דיקייטן, אָבער די מורא איז געווען אָנגעשריבן אויף די פּנימער, די אַנגסט האָט אַרויסגעקוקט דורך די אויגן. פלעגט ווער זיין צווישן מענטשן, פלעגט ער זיך מיט שרעק אָפּזונדערן. איז מען געבליבן אַליין, פלעגט מען לויפן פון אַנגסט וואו מענטשן זיינען, נאָר ניט צו פאַרבלייבן אַליין מיט די אייגענע געדאַנקען.

און אַזוי איז דער מאַרק פון כינאַן געווען שטענדיק פול מיט מענטשן — צעשראָקענע, סודות'דיקע.

און פּלוצלונג, אין מיטן העלן טאָג, האָט זיך אויפ'ן מאַרק באַ־וויזן לאָא־טצע.

מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלעמען, אַן אויסגעגלייכטער, מיט

טראנטעס אויפ׳ן ברוין-דארן לייב. דער ווייסער צאפ צעשויבערט, אין האנט א שטעקן מיט אן אויסגעברענטן דראקאן, האט לאא-טצע זיך געלאסן געשניטן דורך דער פארוואונדערטער מאסע כינעזער און געבליבן שטיין אן אומבאוועגלעכער אין מיטן מארק.

דער המון ארום אים האט אנגעהויבן וואקסן. ס׳איז געווארן א בלינדער געלויף צום מיטן מארק. אפילו די סוחרים האבן ווי בגנבה אנגעהויבן צונויפבינדן זייערע טיכער סחורה פון דער ערד און זיך געלאזן צו לאא-טצע.

א משוגע׳נער, וואס פלעגט ארומבלאנדזשען שטענדיק איבערן מארק און פון צייט צו צייט צופאלען צו דער ערד און פארצווייפלט קלאפן אין איר מיט די פויסטן, האט זיך צוגעזעצט צו לאא-טצע׳ס פיס און הינטיש צו אים ארויפגעקוקט.

לאא-טצע האט אים אנגערירט מיט׳ן שטעקן, און דער משוגע׳נער האט זיך געשווינט אויפגעהויבן פון דער ערד, געבראכט צו-שלעפן א שטיין און אוועקגעלייגט פאר לאא-טצע׳ס פיס.

לאא-טצע איז ארויף אויפ׳ן שטיין און לאנג און שטום געקוקט אין דער וועלט אריין.

און וואס לענגער ער איז געשטאנען און געקוקט איבער די קעפ, אלץ אומרואיקער איז געווארן דער המון. דער משוגענער האט מיט די פויסטן גענומען פארצווייפלט קלאפן אן דער ערד און געמאכט א יללה.

לאא-טצע האט אויפגעהויבן דעם שטעקן מיט׳ן דראקאן אין דער הויך . . .

און פון מויל צו מויל, פון אויער צו אויער איז אדורך א מורמל: „עפעס וועט געשען“. און אויג צו אויג האט גערעדט און געצוואונגען איינע די אנדערע צו בלייבן שטיין און ווארטן אויפ׳ן מאדנעם גרייז.

לאא-טצע האט נאך העכער אויפגעהויבן דעם דראקאן איבער זיין קאפ. דער גאנצער ים מענטשן האט זיך א וויג געטאן.

— איך בין לאא-טצע . . . — האט ער אויסגערופן און דערזען ווי מיילער עפענען זיך און ווי אויגן בלייבן אומבאוועגלעך.

— שטערבלעכע! — האָט לאָאָ־טצע באַלד ווייטער גערופן. — פון מדבר בין איך צו אייך געקומען מיט אַ האַרץ פול פרייד. אין אַ גרויסער שליחות האָב איך זיך אומגעקערט צו אייך. אין אָט דעם שוואַרצן מגפה־יאָר האָב איך אַ בשורה פאַר אייך, פון וועלכער אייער בלוט וועט נעמען רוישן, ווי אָנגעטרונקען פון ווייַן.

צווישן דעם ים מענטשן איז געוואָרן שטילער פון שטיל.

— הערט שטערבלעכע! אין מדבר האָט זיך צו מיר אַנטפּלעקט דער גרויסער אַלמעכטיקער גאָט — דער גאָט פון אַלע געטער: שאַנג־טי. און ער האָט מיך געשיקט ברענגען אייך די בשורה פון אָן אייביקן לעבן . . .

„וואָס האָט ער געזאָגט? וואָס זאָגט ער?" — האָט דער גאַנ־צער ים מענטשן זיך אַ וויג געטאָן נאָך דער ערשטער רגע פון טויטער דערשטוינונג.

לאָאָ־טצע האָט ווי געלייענט די געדאַנקען פון די מענטשן און זיין קול האָט געהילכט איבערן גאַנצן מאַרק:

— אָן אייביק לעבן:

„הערט, הערט" . . . — האָט אויג צו אויג גערעדט אין המון, כאָטש די ליפּן האָבן געשוויגן און דעם אָטעם האָט אָפּגעהאַקט.

און לאָאָ־טצע האָט צעפלאַקערט די הערצער:

— שטערבלעכע! איר קאָנט לעבן אייביק, איר דאַרפט זיך נאָר צוהערן צו די רייד פון גרויסן שאַנג־טי!

דער שטומער ים מענטשן האָט זיך שוין איצט צעגאָסן אין אַ מורמל:

— „וואָס זאָגט ער?"

„שטילער!"

„לאָזט הערן!"

„וואָס האָט ער געזאָגט?"

— איך שווער אייך, — האָט אין גרעסטן עקסטאַז גערופן לאָאָ־טצע, געטרייסלט מיט׳ן משונה׳דיקן דראַקאָן אין דער הויך, און, דוכט

זיך, באקערט די לעצטע צווייפלער, — הערט זיך נאר צו צו די רייד פון גרויסן שאנג־טי און איר האט זיך געוואונען אן אייביקן לעבן.

„איז דאס אמת?" — האט זיך דער עולם גערעגט.

„אוים מגפות!" — האט איינער אין ווילדער פרייד געשריען. — „געבענטשט זאל זיין לאא־טצע!"

„אוים טויט!" — האבן אלע אונטערגעכאפט. — „געבענטשט זאל זיין לאא־טצע!"

„מסתמא ווייס ער וואס ער רעדט" — האבן אפילו די צווייפלער גע'טענה'ט צווישן זיך!

צווישן המון האבן זיך פלוצלונג דערהערט אויסרופן:

„לאזט אים דורך! לאזט אים דורך!"

דורכ'ן המון האט זיך דורכגעשטופט א יונגער כינעזער מיט אן איבערגעדעקטער משא אויף די הענט. ער האט די משא זארגפול ארונטערגעלאזט פאר לאא־טצע'ס פים און זי אפגעדעקט.

מיט שרעק האט דער עולם זיך גענומען שטופן הינטער זיך...

פאר לאא־טצע'ס פים איז געלעגן דער קערפער פון א יונגער כינעזערין, אין אירע אויסגעהעפטע זיידענע הויזן, אין די אויסגע־צאצקעטע שיכלעך, מיט א פארפוצטער פריזור און ברעמען־בויגן.

— גרויסער לאא־טצע! — האט דער יונגער כינעזער מיט די הענט אויפ'ן הארצן זיך טיף פארנייגט. — זעסט, זי איז געווען די שענסטע פון כאנאן. דער טויט האט זי ביי מיר אוועקגענומען... זעסט איצט, אונטער דער באפוצונג, איר מיאוס, טויט פנים, די שרעקלעכע, פארגלייסטע אויגן... די פארשטשירעטע ציין?... דאס האט דער טויט געטאן!

— גרויסער לאא־טצע! אז איר . ווי וועל איך לעבן? כ'הער דו רעדסט פון אן אייביקן לעבן! העלף מיר! מאך זי לע־בעדיק און איך וועל דער טרייעסטער דינער פון שאנג־טי.

„הערט, הערט!" איז דער עולם צוגעטראטן נענטער אין דער־ווארטונג.

לאא־טצע האט געקוקט דא אויפ'ן יונגען כינעזער, דא אויפ'ן

טויטן קערפּער פון דעם מיידל בײַ זײַנע פיס. ער האָט שאַרף דער־פילט די דערוואַרטונג פון המון און זיך אַרומגעקוקט.

„הערט, קוקט!" און באַלד האָט מען איבערגעגעבן: „איר האָט געהערט ווי ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זי לעבעדיק מאַכן?" און נאָך ווייטער: „ער זאָגט, אַז ער וועט זיי אַלע לעבעדיק מאַכן. וועמען מע וועט אים נאָר ברענגען, וועט ער לעבעדיק מאַכן. לאַאָ־טצע ווייס דעם סוד פון טויט און לעבן. שאַנג־טי האָט אים געשיקט צו אַנטפּלעקן אים"...

„אוים טויט! געבענטשט זאָל זײַן לאַאָ־טצע!" — האָט ווידער אָפּגעקלונגען דאָס פרייִדיקע געשריי.

„קוקט! קוקט! ער גייט זי מאַכן לעבעדיק!" — האָט דער עולם אויפגעצאַפּלט און זיך אײַנגעגעסן מיט די אויגן אין דער הויכער, אומבאַוועגלעכער פיגור פון לאַאָ־טצע אויפ'ן שטיין.

מיט קומער האָט לאַאָ־טצע געקוקט אויפ'ן עולם, ווי ער וואָלט געלייענט זייערע געדאַנקען, און איבער די קעפּ פון המון האָט זיך דערהערט זײַן שאַרף קול:

— הערט מיך אוים, איר מענטשן פון כאַנאַן. ניט פאַר אײַערע גופים האָב איך געבראַכט די בשורה פון אַן אייביקן לעבן, נאָר פאַר אײַערע נשמות! הערט זיך צו און פאָלגט אוים די רייד פון אַלמעכ־טיקן שאַנג־טי, און איר וועט זיך געווינען אַן אייביקן לעבן...

„וואָס זאָגט ער? וואָס האָט ער געזאָגט?" האָט דער המון זיך צעוויגט. „ער וועט זי לעבעדיק מאַכן?"...

„שווייג, עפּעס אַנדערש"...

„מע שרײַט: שווייגט, לאָזט הערען!"

„ער רעדט פאַלש, ער איז פאַלש!" האָט זיך געטראָגן אַ בייזער מורמל.

„וואָס? שווייג! ער וויל נאָך עפּעס ריידן"...

„קוקט, דער משוגענער רייסט עפּעס פון אונטער זײַנע פיס"...

דער המון האָט שוין איצט געברויזט ווי אַ שטורעמדיק וואַסער. רעדלעך מענטשן ווי קעסל־גריבער זענען געוואָרן און זיך צעשוואָומען.

איין סוחר האָט גערופן דעם אַנדערן: „געמיינט טאַקע עפּעס“...
„מיר האָבן געזאָגט“... האָבן די צווייפלער גערעדט און נאָך צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ.

אין אַ פאַררוקטן ווינקל פון מאַרק איז געשטאַנען לאַאָ-טצע און געקוקט, ווי ער וואָלט קיינעם ניט געזען. אַרום האָט זיך גע־דרייט דער משוגענער, מיט יללה געקלאַפּט מיט די פויסטן און גערופן צו לאַאָ-טצע און געטייט אויף די פאַרבייגייער מיט׳ן פינגער:
„דאָס גייען זיי צום טויט...
„דאָס גייען זיי צום טויט...

.2

א י ן מ ד ב ר

די אויפגייענדיקע זון האָט געטראָפן לאַאָ-טצען אין דער ווילדעניש פון טאַקלאַ-מאַקאַן.

פאַרשטויבט, איינגעהויקערט, האָט לאַאָ-טצע אַרויסגעשטאַרצט פון זאַמדיקן שטח, ווי אַ שטיק פונם שטיין, אויף וועלכן ער איז געזעסן.

אומבאַוועגלעך, מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, די הענט אויפן האַרצן, האָט לאַאָ-טצע אויסגעזען ווי אַ טויטער מדבר-גוף, וואָס אַ זאַמד שטורעם האָט פאַרשאָטן און ווידער אַנטפּלעקט פאַר דער שיין פון דער זון.

פון אים האָט זיך אויסגעצויגן אַ צעקרימטער שאָטן אין בלוילעכן פרימאָרגן, זיך צעלייגט אויפן ווייסטן זאַמד, ווי אַ שוואַרצע משונהדיקע חיה, און עפּעס געוואַכט בא דער זייט און אָפּגעוואַרט...

שעה׳ן זיינען געלאָפן — פאַרלאָפן. די זון האָט שוין לאַנג צעשמאָלצן די פרימאָרגנדיקע מדבר-שאָטנס און בריאיק אָנגעגליט די שטיינער און דאָס זאַמד. לאַאָ-טצע איז אַלץ געזעסן אויסגעטאָן פון דער וועלט, געקוקט מיטן האַלב אָפענעם בליק אין מדבר אַריין און געזען פאַר זיך נאָר דעם מאַרק פון כאַנאַן, דעם אויפגערעגטן

חמון, דער יונגער טויטער באַ זיינע פּיס; אין די אויערן האָט נאָך אַלץ געריסן די יללה פון משוגענעם.

געקומען איז ער צו שאַנג־טי דערצייִלן ווי זינדיק, ווי שלעכט די מענטשן זיינען... ער איז אַוועק פון כאַנאַן מיט אַ שנאה, מיט אַ געפיל פון נקמה; זיי האָבן אין אים גאָטס וואָרט געלעסטערט, זיין הייליקע שליחות פאַרלאַכט און פאַרשפּאָט.

און ער איז געגאַנגען צו שאַנג־טי בעטן, אַז ער זאָל זיי שטראָפן; ער זאָל אין פולער מאָס אויסגיסן זיין צאָרן אויף זיי... ער זאָל זיי באַווייזן זיין אַלמעכטיקן אָרעם...

אָבער וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט צום מדבר, אַלץ מער איז זיין כעס שטילער געוואָרן. אים האָט עפּעס אַ גרויסע אומרואיִקייט באַהערשט, און איצט פילט ער נאָר אַ צער, אַזאַ טיפן פיינלעכן צער.

ער ווייס אַז דער אַלמעכטיקער שאַנג־טי וואַרט, ער קוקט אַראָפּ צו אים... אָבער עס עפענען זיך אים די ליפּן ניט, די צונג איז צוגע־פאַלן צום גומען, אין הארצן איז פּוסט, ס׳האָט אויסגעברענט דאָס פייער פון האַס און מער איז גאָר ניט געבליבן, נאָר אַן אומרואיִקייט, אַ גרויסע אומרואיִקייט...

לאַאָ־טצע האָט פּלוצלונג ברייט צעעפנט די אויגן און דערזען אַז דער שאָטן זיינער האָט זיך גענומען איינשרומפּן, קלענער ווערן, ביז ער איז געבליבן כמעט אַן אומבאַמערקטער פלעק.

לאַאָ־טצע האָט אין זיך דערפילט אַ קאַלטן ציטער, ווי זיין גאַנ־צע עלטער וואָלט זיך מיט אַמאָל באַוויזן אין אים באַהערשט. גלייך האָט אים פייערדיק דורכגעבליצט אַ געדאַנק:

„דאָס איז מיין סוף...״

און אַ פאַרבלענדטער און צעמישטער איז ער געבליבן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און דערפילט אַז יעדעס טיילכל פון זיין אַלטן קערפּער ציט זיך איין, שרומפּט זיך איין פון שרעק; ווי יעדעס קעמערל אין אים עפנט אַ מויל און שרייט: „איך וויל לעבן,״ און מיט טויזנטער קולות שרייט עס אַרויס פון אים: „איך וויל לעבן, אייביק

לעבן". און דורשטיק עפענען זיך מיילעכלעך און זוכן בלינה, און ווילן זיך צוזייגן צום לעבן...

„זינדיקער וואס איך בין", האט זיך לאא־טצע געכאפט מיט וויטיק. די זינד פון כאנאן האט מיך אויך פארשלעפט. זייער מורא פארן טויט האט מיך אויך פארסמט. איך, וואס האב נאך אין מיין מוטערס טראכט געלעבט אזוי לאנג; איך, וואס לעב אזוי לאנג מיט שאנג־טיס גנאד, שרעק זיך אויך פארן טויט צוגלייך מיט זיי... זינדיקער וואס איך בין!"

הילפלאז האט ער זיך ארומגעקוקט. איז זיין בליק געפאלן אויפן זאמד, האט זיך אים אויסגעדוכט, אז דאס זאמד שיט זיך איבער אין א שטילן מורמל: דו וועסט זיך צעשיטן אין שטויב... האט ער אפגעדרייט דעם קאפ און דערזען זיין שאטן, האט אים אויסגעדוכט, אז זיין שאטן פאכעט, ווינקט צו אים: דו וועסט פארשווינדן ווי א שאטן...

און ער מיט זיין גאנצער חכמה האט זיך דערפילט אזוי קליין, נישטיק, ווי א יאשטשערקע, וואס ווערט צעטראטן אין דער מדבר אונטערן טראט פון קעמל.

מיט פארלייגטע הענט אויפן הארצן האט זיך לאא־טצע אויפגעהויבן און זיך געבוקט צום קלארן מדבר־הימל, פארן לויטערן געצעלט פון שאנג־טי.

— גרויסער שאנג־טי! — האט ער זיך געווענדט מיט געבעט. — די מענטשן הערן מיך ניט, דער טויט שטערט זיי צו פארשטיין דיין גרויסקייט און דיין אייביקייט...

נאר רואיק האט אראפגעקוקט דער הימל און אין וויסטער שטילקייט איז געלעגן דער מדבר.

— דו שווייגסט, גרויסער שאנג־טי, אבער די מענטשן האבן זיך ניט געוואלט צוהערן צו די רייד, מיט וועלכע דו האסט מיך געשיקט צו זיי. דיין אייביק לעבן פארשטייען זיי ניט... — גרויסער שאנג־טי! — האט לאא־טצע זיך געבעטן. — די מענטשן דורשטן

נאָך אַן אמת אייביק לעבן! דו אַליין האָסט דאָס איינגעוועבט אין זייער לעבנס-געוועב. זיי ווילן לעבן אייביק, אייביק. דער פאַרלאַנג איז בלינד און שטאַרקער פון אַלע זייערע געדאַנקען; ער איז שטאַרקער פון אַלע זייערע געפילן; ער איז שטאַרקער פון זייער ווילן... גרויסער שאַנג-טי! כ'האָב דאָס דערפילט, ווען כ'האָב גערעדט צו די מענטשן פון כאַנאַן, ווען כ'האָב נאָר דערמאָנט וועגן אַן אייביק לעבן. כ'האָב דערהערט די זודיקע שטים פון זייער בלוט, די גאַנצע בענקעניש און צאַפּלעניש נאָך אַן אייביק לעבן... גרויסער שאַנג-טי! ווען עס איז ווען דאָך מענטשן לעבן אייביק, ניט אומזיסט האָסטו דעם באַגער דורכגעזאַפּט זייער גוף און אָנגעפילט די נשמה... דערנענטער דעם סוד, אַנטפּלעק דעם קוואַל פון אייביקן לעבן, און אייביק וועלן מענטשן לויבן און בענטשן דיין נאָמען!...

נאָר רואיק האָט אַראָפּגעקוקט דער הימל און אין ווייטער שטילקייט איז געלעגן דער מדבר...

ס'איז געווען טאָג און ס'איז געוואָרן נאַכט. האָט לאָאָ-טצע ווי צום ערשטן מאָל דערזען די שטערן, זיך פאַרקוקט און זיי געפרעגט:

— שטערן, אפשר ווייסט איר וועגן קוואַל פון אייביקן לעבן?

און די שטערן האָבן צוריק ערנסט שטרענג געשימערט:

— מיר ווייסן ניט!

ס'איז געווען נאַכט און ס'איז געוואָרן טאָג. האָט לאָאָ-טצע ווי צום ערשטן מאָל דערזען די זון און זיך געווענדט:

— זון, אפשר ווייסטו וועגן קוואַל פון אייביקן לעבן?

און די זון האָט ווי שטענדיק געשמייכלט צו לאָאָ-טצע:

— אויב איך בין דאָס ניט, ווייס איך ניט.

איז אַנגעלאָפן אַ ווינט און געהויבן דאָס זאַמד פונם מדבר. האָט לאָאָ-טצע זיך צו אים געווענדט:

— ווינט! דו פליסט אומעטום, ווייסטו וועגן קוואַל פון אייביקן לעבן?

האט זיך דער ווינט ארומגעדרייט ארום לאא-טצע און געסודעט אויפן אויער:

— גרויסער לאא־טצע! אליין ווייס איך ניט. נאר יארן לאנג צוריק, ווען איך בין נאך א יונג ווינטל געווען, האב איך זיך אין מיטן נאכט אין א געדיכטן וואלד פארקליבן און שטיל זיך געצויגן דורך די צווייגן און געגריסט זיך מיט זיי. פלוצלונג האב איך דערהערט, ווי צוויי „אייביקע פייגל“ פירן א שמועס. איך בין ניי-געריק געווארן, וואס די אייביקע פייגל רעדן צווישן זיך, האב איך פארהאלטן דעם אטעם און זיך איינגעהערט.

איין פויגל האט געזאגט: „ס'ווערט מיר שוין נייע טויזנט יאר, איך דארף שוין ווידער פליען זיך אנטרינקען פונם קוואל פון אייביקן לעבן.“

„און איך קום איצט פון דארטן...“ האט דער צווייטער פויגל געענטפערט. „ווייסט, אז דער קוואל האט זיך איבערגעטראגן אויפן וועג...“

פאר גרויס פרייד, וואס איך וועל זיך דערוויסן וואו דער קוואל פון אייביקן לעבן איז, האב איך געמאכט א גרויס גערויש, ווייל דער צווייטער פויגל האט גלייך אפגעהאקט:

„דוכט זיך אימיצער רוישט צווישן די צווייגן...“ביידע האבן זיך צוגעהערט און געגלאצט זייערע בליציקע אויגן אין דער פינצ-טערניש. — „געווים א מענטש...“

און פלוצלונג האבן ביידע פייגל א לאך געטאן מיט א מאדנעם וויסטן געלעכטער:

„דער מענטש, לאכט איין פויגל, וואס יאגט זיך אזוי נאך אים, וויים גארניט ווי נאענט ער איז פון קוואל פונם אייביקן לעבן, ווען עס געפינט זיך איינער צווישן זיי, וואס זאל נאר זוכן — זוכן, געפינט ער אים, דעם קוואל...“

לאכט דער צווייטער פויגל: „צום גליק איז ניטא אזא מענטש, ווייל דער מענטש איז פארנומען מיט עפעס אנדערש, שטענדיק מיט עפעס אנדערש“...

גלייך זענען זיי פארפאלן געווארן אין דער נאכט אריין. באלד האט שוין דער ווינט גערעדט פון דער ווייטן.

— געדענק, לאא-טצע, אז דו וועסט אים געפינען, פארגעס ניט אן מיר . . .

לאא-טצע האט זיך אויפגעהויבן אין זיין גאנצער הויך, מיט אויסגעשטרעקטע הענט האט ער זיך געווענדט צום הימל:

— גרויסער שאנג-טי, זאל איך גיין זוכן דעם קוואל פון לעבן?

נאר רואיק האט אראפגעקוקט דער הימל. און אין ווייסטער שטילקייט איז געלעגן דער מדבר. . .

.3

Fata Morgana

פון די העכסטע בערג פון טינג-נאן צום טאל פון די געלע שטורמישע וואסערן האט לאא-טצע גענידערט. און ווידער צו די העכסטע שפיצן זיך געהויבן. און אלץ געזוכט דעם קוואל פון אייביקן לעבן.

אויפן רוקן פון א פארבלאנדזשעטן קעמל, וואס ער האט צוגע-וואוינט צו זיך, האט ער טעג און נעכט געוואנדערט אין דער מדבר. ער האט זיך אפגעשלאגן פון קאראוואנען-וועגן. אין די ווייטסטע ווינקלען איז ער פארקראכן און אלץ ניט געפונען דעם קוואל פון אייביקן לעבן. . .

די מדבר-זון און די הייסע ווינטן האבן אים פארוואנדלט אין אן אויסגעטריקנטן סקעלעט, אין וועלכן ס'האט נאר איין פארלאנג געגלייט: געפינען דעם קוואל. און איין געדאנק: די רייד פון ווינט — „זוכן — זוכן"...

ס'זיינען אוועק חדשים, יארן. ניט איינמאל איז אים שוין אויסגעקומען, מיטן הייליקן דראקאן אין האנט, פארטרייבן פון זיך דעם טויט. אבער די גאנצע צייט האט זיך צו אים שאנג-טי ניט באוויזן, האט אים אפילו קיין צייכן ניט געצייגט. ווער ווייס ווי לאנג נאך דער הייליקער כח וועט רוען אויפן דראקאן? דענסטמאל איז א סוף... און דעם קוואל האט ער נאך אלץ ניט געפונען.

און איינמאל, ווען דאס וואסער איז שוין לאנג אויסגעגאנגען פון די לאגלען, די טייטלען — פון זאק, איז ער א מידער אראפ פון קעמל און זיך צוגעזעצט אויף א ווילע. לאא־טצע האט זיך פארקוקט אויפן נאכטיקן הימל — אפשר וועט ער דערזען עפעס א צייכן פון שאנג־טי. און פלוצלונג האט ער דערפילט אויף זיך א שטארן אנגע־שטרענקטן בליק.

ער כאפט זיך: ער זעט זיין קעמל קוקט אויף אים אזוי מאדנע, אזוי פארשטענדלעך... ווי ער וואלט געוואלט עפעס זאגן.

איז לאא־טצע צו אים צו און אים אנגערירט מיטן שטעקן. דער קעמל האט זיך גלייך אויסגעקניט פאר זיינע פיס, אז ער זאל זיך זעצן.

לאא־טצע האט געטראכט א ווילע און זיך געזעצט אויפן קעמל. דער קעמל האט זיך אויפגעשטעלט און אוועק אין וועג.

באלד האט לאא־טצע דערפילט אז א טויטע מידקייט באהערשט אים. ער האט זיך מאדנע אויסגעקרימט אין זיין. עפעס אלע אברים האבן זיך ווי פאנאנדערגעבונדן, די אויגן האבן זיך אים פון זיך אליין פארמאכט. און מאכטלאז האט זיך דער קאפ מיטן ווייסן צאפ פארווארפן אהינטער...

אויפגעכאפט האט ער זיך בא א מאדנער שיין, ס'איז ניט געווען טאג און ס'איז ניט געווען נאכט, ניט קיין זון־שיין און ניט קיין לבנה־שיין, נאר א געל־טונקעלע שיין האט געהערשט, ווי א פינצ־טערע זאך וואלט די זון פארשטעלט. ער זעט, דער קעמל שטייט פאר א שייד־וועג מיט אן אומגעדרייטן קאפ צו אים אוןווארט אויף זיין אויפכאפן זיך.

לאא־טצע קוקט זיך ארום. ער זעט: לינקס, בא איין זייט האריזאנט א בערגיקע קייט, וואס שטעכט דורך מיט די שפיצן דעם הימל. רעכטס, א פלאכער ווייסטער מדבר, און צוויי וועגן פארנעמען זיך, איינער רעכטס און דער צווייטער לינקס.

קוקט ער זיך ארום וואו ער איז און ער דערזעט אן אויפשריפט אויסגעהאקט אין א שטיין:

„דער וועג רעכטס פירט צום טויט,
דער וועג לינקס פירט צום לעבן.“

לאָ-טצע האָט זיך אויפגעשטעלט אויפן רוקן פונם קעמל און, ווי ווייט זיין אויג האָט גענומען, האָט ער געזען רעכטס אַ וויסטע פלאַך, אויף וועלכער עס האָט זיך אויסגעדרייט, ווי אַ שלאַנג, דער וועג פון טויט.

דער וועג אויף לינקס, זעט ער, שניידט זיך אריין אין בערגיקן פּאָס, ציט זיך איבער שפּיצן, ווערט פאַרפאַלן אין טאָלן און דער-גרייכט, דוכט אים, די אַנדערע זייט פון בארג-פּאָס. פון ביידע זייטן וועג הייבן זיך די בערג ווי שטיינערנע ווענט. ערגעץ אין דער ווייטקייט אויפן האָריזאָנט לייכט דורכן שניט אין באַרג-פּאָס דער לויטערער הימל און צוויבערט און ציט...

לאַנג איז לאָ-טצע געשטאַנען און באַטראַכט ביידע וועגן און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געלייענט דעם אויסגעהאַקטן אויפשריפט. ער האָט אַ טרייב געטאָן דעם קעמל מיטן שטעקן און זיך פאַרנומען אויפן וועג לינקס.

לאַנגזאַם און צופרידן איז לאָ-טצע געריטן איבערן „וועג פון לעבן“. באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ, ווי אַ סאַמעטענע סטענגע האָט זיך געצויגן דער וועג און ער האָט גענאָשאַלעוועט יעדן טריט. פּלוצלונג האָט דער קעמל אָנגעהויבן אומרואיק צו באַוועגן מיט די אויערן, מיט אַ קרעכץ ציען די לופט און צעשראָקן קוקן אויף די זייטן.

לאָ-טצע האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז דער באַרג-פּאָס צו רעכטס האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. באַלד האָט ער זיך אויסגעגלייכט מיטן וויסטן מדבר, און דער וועג פון טויט האָט זיך פון רעכטס פאַרנומען אויף לינקס און לויפט שוין צוגלייך מיטן וועג פון לעבן, אַזוי נאָענט מיטן האַנט צו דערגרייכן...

לאָ-טצען איז אַ קעלט אַדורך, ער גייט און דער טויט-וועג דערנענטערט זיך, ער קאָן שוין זען איצט צעשאָטענע ביינער בײַ די זייטן פון טויטן וועג; ער שפּירט, דוכט אים, דעם ריח פון נבלה...

און באַלד נאָך אַ שאַרפּערער בייג פון טויט-וועג, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אין גאַנצן דורכצושניידן דעם וועג פון לעבן.

דער קעמל האָט זיך אַלץ אַפּטער אָנגעהויבן וואַרפן אָן אַ זייט און זיך צופּרעסן צו דער שטיינערנער וואַנט. לאַאָ-טצע איז אַראָפּ פון קעמל און גענומען אים אונטערן צוים.

נאָר אַ שטיקל וועג זײַנען זיי אָפּ. און לאַאָ-טצע האָט מיט שרעק דערזען, אַז אין דער ווייטקייט גייט דער וועג פון טויט אַרויף אויפן וועג פון לעבן און גיסן זיך צוזאַמען. און ער קען שוין ניט זען וואו דער וועג פון לעבן איז און וואו דער וועג פון טויט.

לאַאָ-טצע האָט פּרובירט טאָן נאָך אַ פּאָר טריט. דער קעמל האָט זיך אָבער פאַרעקשנט און זיך ניט געוואָלט רירן פון אָרט.

לאַאָ-טצע האָט פּרובירט מאַכן נאָך אַ פּאָר טריט. דער קעמל מוז זיך אומקערן צוריק. ער האָט געוואָלט אויסקירעווען דעם קעמל. און פּלוצלונג האָט ער מיט שטוינונג דערזען, אַז דער וועג לויפט, ציט זיך פון זיך אַליין, באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ. און אַלץ אויף דעם וועג באַוועגט זיך און ציט זיך אין דער זעלבער ריכטונג.

ער זעט אַפילו די שטיינער בײַ די זייטן שאַרן זיך, קייקלען זיך אין דער זעלבער ריכטונג, באַרג אַרויף, מיטן גרעסטן אימפּעט, ווי זיי וואָלטן זיך געגליטשט באַרג אַראָפּ... און ער אַליין און זײַן פאַרעקשנטער קעמל טראָגן זיך גיך-גיך אַרויף צום הימל צו...

בײַ דער העכסטער הויך האָט זיך דער וועג איבערגעבויגן, זיך אָפּגעריסן, און ווי אַ וואַסער-פאַל פאַרשווינדט ער אין אָפּגרונט. בײַ לאַאָ-טצען האָט זיך דער קעמל אַרויסגעגליטשט פון האַנט. עפּעס האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן מאָרדע. בײַם סאַמען ראַנד פון אָפּגרונט האָט ער זיך פאַרעקשנט אײַנגעשפּאַרט מיט די צעשפּרייטע הינטערשטע פיס. די אויסגעשטאַרצטע אויגן האָבן מיט טויט-שרעק און מיט האַס געקוקט אויף אים, און געדוכט האָט לאַאָ-טצען, אַז זיי שילטן אים...

נאָר אַ רגע האָט ער אַזוי געזען זײַן קעמל. ער האָט דערהערט אַן אויסגעצויגענעם קרעכץ, אַ טויט-קרעכץ... און באַלד האָט זיך

דער קעמל א גליטש געטאָן מיט די איינגעשפּאַרטע הינטערשטע פיס און פאַרשוואונדן אין אָפּגרונט.

און דאָ שטייט שוין לאָא-טצע באַם סאַמען אָפּגרונט. אַנגסטן באַפאַלן אים. ער שפּאַרט זיך נאָר איין מיט זיין שטעקן, מיט זיין גאַנצן כח שפּאַרט ער זיך איין, און דער וועג גליטשט זיך אונטער זיינע פיס, גליטשט זיך און פאַלט אין אָפּגרונט אַריין...

לאָא-טצע האָט דערזען אַ מאָדנע געשטאַלט שוועבט איבערן אָפּגרונט: האַלב מענטש, האַלב דראַקאָן, און די געשטאַלט וויקלט זיך און שרייט:

„איך בין דער טויט, לאָא-טצע!"

— איך בין צו דיר ניט געגאַנגען... — האָט לאָא-טצע געצאַפּלט.

דאָס משונהדיקע געשטאַלט האָט זיך צעשיפּעט און צעלאַכט:

„דו ביסט געגאַנגען צו מיר... נאָך איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן, ביסטו געגאַנגען צו מיר מיט די טריט פון דיינע עלטערן... זעסט, ס'פליען דאָ איבערן אָפּגרונט אַזעלכע שיינע קאָלירטע זומער-פייגעלעך, דאָס פליען זיי צו מיר; דו מיינסט: ס'שפּראָצט אַ גרעזל אונטער דער זון, — דאָס ציט ער זיך צו מיר. לאָא-טצע, דו קומסט, דו לויפסט אויך צו מיר!..."

און מיט אַ מאָל איז פון לאָא-טצעס אויגן אַלץ פאַרשוואונדן. ער זעט נאָר, דער וויסטער מדבר ציט זיך אין דער ווייטקייט, די זון ברענט איבערן קאָפּ דורך אַ מאָדנעם שוואַרץ-געלן וואָלקן; לעבן אים ליגט נאָר דער טויטער קעמל, פאַרזונקען אין זאַמד, און אין די אויערן קלינגט נאָך: „דו קומסט, דו לויפסט צו מיר..."

לאָא-טצע האָט פון זיך אָפּגעטרייסלט דאָס זאַמד און זיך געלאָזן ווייטער אין וועג.

דער מדבר האָט נאָך אין גאַנצן גאָלדיק-זאַמדיק געשטראַלט. אָבער ווייט אין הימל האָט דער געלער וואָלקן אַלץ מער זיך פאַר-שפּרייט. באַלד האָט דער ווינט זיך אָנגעהייבן שפּילן מיטן זאַמד,

אים געפֿורעמט און געזייט. כוואַליעס-ווייז, ווי אַ וואַסער, האָט ער אים געטריבן, דעם זאַמדיקן ים.

אַ דורשטיקער, אַ צעגליטער האָט דאָס זאַמד זיך באַוועגט, גע־צויגן און געזוכט, און אויסגעזויגן יעדע פֿייכטקייט.

ס'האָט געזויגן די לופֿט, געניִשטערט איבער דער ערד און זיך איבערגעשאָטן מיטן גערויש פֿון אויסגעטריקנטע ביינער.

מיט פֿאַרטריקנטע, דורשטיקע ליפּן האָט זיך לאַ־טצע געצויגן דורכן זאַמד. דאָס זאַמד האָט אויסגעטריקנט דעם האַלדז, אויסגע־זייגט דאָס לעצטע ביסל פֿייכטקייט און געגרילצט אונטער די ציין. כוואַליעס היץ האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע און געטריקנט און געטריקנט...

זעט לאַ-טצע: די „בערג פֿון הימל" שיינען אויפֿן האָריזאָנט אין אַלע קאָלירן פֿון רעגנבויגן, און אַזאַ פֿרישקייט ציט פֿון דאָרטן, און די בערג דערנענטערן זיך צו אים, קומען צו, קומען צו... ער דאַרף זיך נאָר אָנשטרענגען, וועט ער זיי דערגרייכן. אָט זענען זיי שוין אַזוי נאָענט! ער זעט שוין די גאָלדענע קרוינען פֿון די פּאַלמעס. אָט זעט ער זיי אין גאַנצן... און אונטן, צופֿוסנס, שלאָגט דער קוואַל פֿון אייביקן לעבן. ער זעט שוין אַפֿילו דעם שטיין פֿון וואַנען ער שלאָגט... עס שנירלט זיך אַרויס אַזאַ פֿרישער, לויטערער, דער־קוויקנדיקער... ער וועט צופֿאַלן צו אים נאָך אַ פּאָר טריט, נאָך אַ פּאָר טריט...

ער פֿילט די כוחות פֿאַרלאָזן אים און ער שאַרט זיך אויף אַלע פֿיר צום קוואַל. ער קען שוין זען די קאָלירטע שטיינדעלעך אויפֿן גרונט, וואָס, ס'דוכט זיך, הייבן זיך, קוועלן מיטן לויטערן וואַסער... די כוחות פֿאַרלאָזן אים. מיטן מויל וועט ער שוין ניט דערגרייכן, כאָטש ער ציט זיך אין גאַנצן, מיטן גאַנצן קערפּער, מיט די הויפֿנס וועט ער אָנשעפּן...

לאַ-טצעס אויסגעטריקנטע הענט ציִען זיך טרייסלענדיק צום קוואַל... די אויסגעדאַרטע פֿינגער קאַרטשען זיך אין הויפֿנס און

גראַבלען קאָנוואולסיווו נאָך דער לעבעדיקער פייכטקייט... און ער גראַבלט אָן הויפנס זאַמד און טראָגט עס צום מויל...

לאַא-טצע האָט דערפילט דעם טעם פון פאַרקאַכט בלוט און מיטן לעצטן אָטעם דאָס אויסגעשפּיגן.

פאַרן פאַרשטאַרטן בליק האָט ער נאָך צוגעטראָגן די הויפנס זאַמד...

און פּלוצלונג אין אַן אוממענטשלעכן קראַמף איז ער אויפגעשפּרונגען, זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער הויך און מיט אויפגעדריקטע פויסטן זיך צעשריען אַנטקעגן הימל:

„שאַנג-טי, דער מענטש וועט דאָך לעבן אייביק!“

אין דער רגע איז פון לאַא-טצען געוואָרן אַ שטיין.

דער שטיין שטייט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין דעם מדבר, און קאַראַוואַן-רייזנדע דערציילן, אַז צו האַלבער נאַכט, ווען מע לייגט צו דאָס אויער צום שטיין, הערט מען ווי דער שטיין שרייט:

„דער מענטש וועט דאָך לעבן אייביק...“



משיח'ס קרוין

ש. ניגערן.

א.

טראַכט ער ווידער, שלאָגט זיך מיט דער דעה: זאָל ער דערציילן זיין סוד פאַרן בלינדן יהודה, ווען מען קיינער גלויבט ניט, אַז אין מיטן העלן טאָג האָבן אים, יהודה'ן, מלאכים אוועקגענומען אין הימל און נאָכדעם אים געבראַכט אַ בלינדן צוריק?

ע ר גלויבט אָבער דעם בלינדן יהודה, מיטן גאַנצן האַרצן גלויבט ער; אַ בלינדער, און קוקט מיט אָפענע ליכטיקע אויגן, גלייך ער זעט!

און דער באַגער צו דערציילן דעם בלינדן יהודה'ן לאָזט אים ניט רוען, ווען ער כאַפּט זיך, אַז ער האַלט זיך גרויס. ער ווייס, אַז מיט אַזאַ הייליקן סוד — טאָר מען זיך ניט גרויס האַלטן... אָבער אָפט דוכט אים, אַז ער איז ניט אַ אינגל פון עלף יאָר, נאָר אַ גרויסער, אַ גרויסער, אַן אויסגעוואַקסענער וואָס קוקט מיט גאוה אַרום.

און ער שרעקט זיך דאַריבער, מיט אַזאַ הייליקן סוד אין האַרצן דאַרף מען זיין דער פּשוטסטער, דער קלענסטער און מען טאָר זיך ניט גרויס־האַלטן.

אים דוכט זיך, אַז ער טוט אַלץ צו זיין פרומער, בעסער און שטילער. די מאַמע אַפילו איז שוין צוליב דעם אומרואיק. ניט ווילנדיק האָט ער שוין געהערט אירס אַ שמועס מיטן טאַטן.

טענה'ט די מאַמע:

— געוואָרן אַזאַ שטיפער, פלעגט איבערקערן די שטוב, די גאַס, געהאַט צרות פון חדר, און איצט ווערט ער אַלץ שטילער פאַרטראַכטער...

און דער טאַטע:

— נו, איז דיר שלעכט? איז דאָך בעסער, ער ווערט עלטער. ווערט ער „סטאַטעטשנער"...

— גאָט איז מיט דיר, אַ עלף־יאָריק קינד איז בא דיר עלטער? מיט'ן קינד איז עפּעס...

און אים אַליין פרעגט זי אָפּטער:

— יאָסעלע, פאַרוואָס שפּילסטו זיך ניט? דיר טוט עפּעס וויי?

געווים זאָגט ער איר: ניין. ער קען דאָך איר זיין סוד ניט אַנטפּלעקן, ער טאָר עס גאָרניט.

אָבער דאָך כאַפּט ער זיך, אַז ער האַלט זיך גרויס און הויבט אָן צווייפלען, צו האָט ער ניט אין גאַנצען אַ טעות?

אָבער קיין טעות קען עס ניט זיין, ער האָט דאָך פאַרט עס אַליין געהערט אין אַלטן בית המדרש אין די שבתדיקע ווינטערדיקע פאַר־טאָגן פון ר' אַלי־דיינס מויל.

אמת, ר' אַלי דיין ווייס גאָר אַליין ניט, וואָס פאַר אַ גרויסן סוד ער האָט אים ניט ווילנדיק אַנטפּלעקט, אָבער איז דאָס אַליין ניט אַ ראיה, אַז עס איז אים אַזוי באַשערט?...

און אים דוכט, אַז ער איז ניט קיין עלף־יאָריק אינגל, נאָר אַ גרויסער, אַ גרויסער אָן אויסגעוואַקסענער און קוקט מיט גאוה אַרום.

און ער כאַפּט זיך ווידער באַם געדאַנק און ווידער קומט דער באַגער צו פרעגן דעם בלינדן יהודה, וואָס קוקט מיט ליכטיקע, אָפענע אויגן — גלייך ער זעט!

יהודה'ן וועט ער דערציילן, ווי עס איז געווען. און געווען איז עס אַזוי:

.2

ער ווייס ניט פאַרוואָס, עפּעס האָט אים דאָס הארץ געזאָגט, ער זאָל צושטיין צום טאַטן, אַז ער זאָל אים אַמאָל לאָזן שבת צום „ערשטן דאַוונען". ער וויל זיין ביי דעם ערשטן דאַוונען.

האָט אים דער טאַטע אָפּגערעדט:

— וואָז ווועסטו דאָרטן גיין צווישן בעל־עגלות און שוסטער?

עס פאסט גארניט! איז ער אבער פארט צוגעשטאנען ביז דער טאטע האט אים צוגעזאגט, אז מארגן פרי וועט ער אים לאזן גיין — ער זאל אבער אויפשטיין...

יענעם פרייטיק נאכט איז ער שוין גוט ניט געשלאפן. אלץ געווארט אויפן מארגן, און ווען ער איז איינגעשלאפן, האט ער דער־זען לעבן זיך שטיין אן אלטן, וואס גלעט אים איבערן קאפ און זאגט:

— דו טוסט גוט, מיין קינד.

אויפגעכאפט האט ער זיך זייער פרי.

געקומען אין בית מדרש ווען ר׳ אלי דיין דרשנט נאך פון באגינען אן פארן דאווגען, האט ער צום אנהייב געמיינט, אז אלע קוקן אויף אים, ווי קומט עפעס ר׳ נחומס אינגל צום ערשטן מנין?

ער האט אבער גלייך דערזען אז מען זיצט. מען שטייט ווי געליימטע, און אלע קוקן צום בעלעמער, וואו עס שטייט ר׳ אלי דער דיין און דרשנ׳ט.

און דערזען האט ער עפעס גאר אן אנדער ר׳ אלי, ניט וועלכן ער קען פון גאס.

דאס פנים ווילד־באוואקסן און נאך ווילדערע גרויסע שווארצע אויגן און דאס מויל זיינס איז פלאם פייער.

און ער דערציילט וואונדערלעכע זאכן, ווי די צדיקים וועלן באלוינט ווערן, און די רשעים וועלן באשטראפט ווערן און ער שטעלט פאר דעם גן־עדן און דעם גיהינום.

האט ער געהערט, געהערט און זיך אויפגעכאפט ווי פון שלאף.

זעט ער, ר׳ אלי האט שוין געענדיקט און געפינט זיך צווישן פראסטע, פשוטע מענטשן, אלץ שוסטער, שניידער, באלעגאלעס וואס שטייען ווי ער און שלינגען די וואונדערלעכע רייד פון ר׳ אלי דעם דיין. און די גאנצע פרעמדקייט איז פון אים אוועק און ער האט זיך דערפילט ווי ער וואלט זיך געפונען צווישן די שטוביקע.

פון דענסטמאל אן, האט אים שוין קיינער ניט געקענט אפ־האלטן, אז ער זאל אין די שבתדיקע פארטאגן ניט לויפן שבת איין, שבת אוים, הערן די וואונדערלעכע רייד פון ר׳ אלי׳ן.

און איינמאָל איז עס געשען:

יענעם פרייטיק באַנאַכט איז דער גרייזער אַלטער ווידער אים געקומען צו חלום, ווידער אים געגלעט איבערן קאָפּ און אים געזאָגט:

דו טוסט גוט, מיין קינד.

און ר' אלי האָט אין דעם באַגינען דערציילט פון משיח־צייטן, פון תחית המתים, פון משיחן דעם געזאַלבטן פון גאָט.

און ער האָט גערעדט:

„קיינער ווייס ניט ווען משיח וועט געבוירן ווערן. משיח אליין וועט ניט וויסן, אַז ער איז משיח. אַ קינד ווי אַלע קינדער — נאָר געבוירן וועט ער ווערן מיטן איין־איינציקן סימן: אַ שפּאַן פון שטערן וועט ער האָבן אַ פאַרטיפונג אין קאָפּ. וואו די משיח־קרוין זאָל זיך אַריינפּאַסן".

און אומגעריכט איז עס געשען:

ער, יאָסעלע, האָט אַנגערירט מיט די פינגער זיין קאָפּ און האָט דערפילט די פאַרטיפונג. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָט ער אָפּגע־מאָסטן: ריכטיק אַ שפּאַן פון שטערן...

.3

אין אַלטן בית מדרש, אַ פרייטיק צונאַכט בײַ דער שיין פון ברענענדיקע ליכט, האָט אים דער בלינדער יהודה געהערט און געקוקט מיט די אָפענע אויגן.

און דער בלינדער יהודה האָט אים געזאָגט:

— הער אויס אינגעלע, וואָס איך וועל דיר דערציילן:

— האָסט דאָך געהערט, אַז איך בין געווען אַ יואוועליר, בין איך אַזוי אין מיטן העלן טאָג געזעסן בײַ מיין וואַרשטאַטל צוגערוקט צום פענצטער און געהאַלטן אין איינפּאַסן אַ דימענט אין אַ פינגערל. די זון האָט געשיינט אין פענצטער אַריין. פּלוצלונג, איך ווייס ניט פאַרוואָס, האָב איך אויפגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף דער זון.

איך זע, די זון איז עפּעס ניט ווי אַלע מאָל. זי שיינט גאָר אַ

גאָלדיק-גרינע, אַן אויסערגעוויינלעכע און פון איר ציט זיך אַ פּאַס ליכט גלייך צו מיר און אַלץ אַרום מיר ווערט גאָלדיק-גרין, ווי איך וואָלט פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ גאָלדיק-גרינעם וואַסער.

קוק איך אויף דער זון און וואונדער זיך אויף דער ניט-געזעענער ליכטיקייט. דערזע איך, אַז פון דער זון רוקט זיך אַרויס אַ האַנט, און טײַטלט אויף מיר מיטן פינגער.

איך האָב זיך גאַרניט דערשראָקן. פאַרקערט — ס'איז מיר געוואָרן גוט אויפן האַרצן. איך האָב גלייך דערזען און דערפילט, אַז דאָס איז ניט קיין בייזע האַנט. דער פינגער וואָס האָט אָנגעוויזן אויף מיר איז געווען ווי אַ שטראַל און די גאַנצע האַנט האָט זיך געלויכטן און געשיינט ווי אַ פּנים מיט פיל גוטסקייט.

און באַלד האָב איך דערהערט אַ קול ווי אויסגעשפּילט אויף אַ פידל:

יהודה...

און אין דער רגע באַווייזט זיך אין הימל אַ פייערדיקער רייט-וואָגן, געשפּאַנט מיט פייערדיקע פערד. איך זע דער רייטוואָגן לאָזט זיך אַראָנטער פון הימל, שוועבט, שוועבט אַלץ נענטער צו דער ערד. אין האַרץ האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן, איך פיל דער רייטוואָגן שוועבט צו מיר, לאָזט זיך אַראָפּ צו מיר, און איך הער שוין טאַקע דעם שטילן גערויש פון די רעדער אין דער לופטן לעבן מיין פענצטער...

איך קוק, דאָס פענצטער איז שוין קיין פענצטער ניט, נאָר אַ טיר פון אַ פּאַלאַץ. דער אויסגעשטער טייל פון מאַרמאָרנע טרעפּ אויסגעזעצט אין מאָזאַאיק פון איידלשטיינער און צוויי ליכטיקע מלאכים הייבן זיך אויף אויף די טרעפּ, גייען אַריין אין דער טיר, בוקן זיך פאַר מיר און פירן מיך אַראָנטער צום פייערדיקן רייטוואָגן.

איך בין זיך מודה, אין האַרצן איז מיר געוואָרן קיל — אַ מענטש ווי איך, אין אַ פייערדיקן רייטוואָגן...

האָט דאָס פרייערדיקע קול גערופן:

— שרעק זיך ניט, יהודה!

איז מיר אויפן האַרצן געוואָרן פריילעך און פול מיט בטחון.

די צוויי ליכטיקע מלאכים האָבן מיך געכאַפּט אונטער די אָרעמס, אַריינגעזעצט אין רייטוואָגן און אַוועקגעשוועבט.

זע איך, פון ביידע זייטן הילט מיך איין די גאָלדיק-גרינע ליכטיקייט, און איך טראַכט בא זיך אין האַרצן: וואוהין פליט מען מיט מיר?

און באַלד דערהער איך דאָס פריערדיקע קול:

— מען פירט דיך אין הימל צו ווייזן וואָס עס וועט געשען אויף דער ערד.

.4

אַז משיח האָט באַדאַרפט קומען, האָט זיך דער ערשטער באַוויזן אליהו הנביא אין זיין האָריקן מאַנטל מיט אַנגעגורטע לענדן. און ער האָט געבלאָזן אין זיין גרויסן שופר און זיין שאַלן האָט מען געהערט אין אַלע פיר עקן וועלט.

דערהערט דאָס שאַלן, האָבן אַלע פעלקער זיך אויפגעהויבן מיט זייערע ווייבער און קינדער, אַלט און יונג, און געגאַנגען זיך פאַרזאַמלען אויף איין פּלאַץ.

און אויף דער יבשה איז גאָר אַזאַ פּלאַץ ניט געווען, וואָס זאָל קענען פאַרזאַמלען אַלע פעלקער פון דער וועלט.

האָט דער ים געזאָגט: פאַרזאַמלט זיך אויף מיין אויבער-פלאַך! און אַזוי איז עס געשען: מען איז געשטאַנען אויפן ים ווי אויף דער יבשה.

און דאָ איז אליהו הנביא אַרויסגעטראָטן אין זיין האָריקן מאַנטל פאַר די אַלע פעלקער פון דער וועלט און גערופן:

— מענטשן-קינדער, פרייט זיך, גאָט האָט אייך אַלעמען פאַרזאַמלט אונטער זיין פליגל, און ער שיקט צו אייך דעם געזאַלבטן פון גאָט, ער זאָל געוועלטיקן איבער אייך מיט חכמה און גנאָד, אַז איר זאָלט אייביק גליקלעך זיין! מענטשן-קינדער, גאָטס אויערן זיינען אָפן פאַר אייך און זיין האַרץ איז פול מיט רחמנות. בעט, טוט תפילה צו אים און איר וועט געהאָלפן ווערן.

זיינען פֿון דער גרויסער מחנה מענטשן אַרויסגעטראָטן יונגע קינדער און זיך געווענדט צום הימל:

— ווי קענען מיר זיין גליקלעך, אַז מיר זיינען יתומים, אַז מיר ווייסן ניט די ליבשאַפֿט פֿון טאַטע־מאַמע, דער טויט האָט זיי בײַ אונדז אַוועקגענומען?..

זיינען אַרויסגעטראָטן דערוואַקסענע און פֿרויען און פֿאַרבראָכן די הענט פֿאַרן הימל:

— ווי קענען מיר זיין גליקלעך, אַז אונדזערע אומשולדיקע קינדער האָט דער מלאך־המות געשאָכטן אָן רחמנות?...

און ס׳זיינען אַרויסגעטראָטן חתנים און יונגעלייט און האָבן מיט פּיין גערופֿן צום הימל:

— ווי קענען מיר זיין גליקלעך, אַז דער טויט האָט פֿון אונדז אַוועקגערויבט אונדזערע געליבטע און טרייע?

און דאָ זיינען אַרויסגעטראָטן כּלות און יונגע אַלמנות און גערופֿן צום הימל:

— ווי קענען מיר זיין גליקלעך, אַז אונדזערע הערצער פֿאַרגייען פֿון בענקשאַפֿט נאָך די אַוועקגעריסענע פֿון אונדז?

און דאָ זיינען אַרום מענטשן און האָבן אַרויסגעטראָגן זייערע קאַליקעס און קראַנקע. און די קאַליקעס און די קראַנקע האָבן גע־שטרעקט צום הימל זייערע שוואַכע און צעקריפּלטע גלידער און גערופֿן:

ה ע ל ף!

און אַרום האָבן אַלע מענטשן שטום געבעטן מיט אויפגעהוי־בענע הענט צום הימל:

ה ע ל ף!

און באַלד איז אַרויסגעטראָטן אַ פֿרוי — אַ פֿאַרזועניש און געפּרעגט באַם הימל:

— ווי קען איך זיין גליקלעך? די נשמה איז בײַ מיר שיין, ווי פֿון דער שענסטער יונגפֿרוי אויף דער וועלט, האָסטו זי אָבער אָנגעקליידט מיט אַ גוף אַ מיאוסן און איך בין אַ קללה צווישן

מענטשן, מענטשן פארטרייבן מיך פון זיך. אין מיין וויסטן לעבן האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געפילט אויף זיך א בליק פון ליבשאפט; פארוואס האסטו מיר פארשאָלטן?

און פלוצלונג האָט מען דערזען ווי עס דערנענטערט זיך צו דער פארקריפּלטער פרוי און שטעלט זיך בא איר זייט א יונגפרוי פון הימלשער שיינקייט — און רופט צו אליהון:

— וויסטו, אז איך בין די אייביקע שיינקייט פון דער וועלט — אייביק וויל איך זיך באהעפטן מיט די מענטשן-קינדער. פארוואס לאָזט מען מיך ניט?

און דאָ האָט מען דערזען א צווייטע שיינע יונגפרוי. און זי זאָגט צו אליהון:

— איך בין די אייביקע יוגנט פון דער וועלט. איך וויל זיך שטענדיק באהעפטן מיט די מענטשן-קינדער. דער טויט פארטרייבט מיך פון זיי און אָן מיר וועלקן זיי און שטאַרבן.

און אין שטומער שווייגעניש זיינען אַרויסגעטראָטן זקנים און זקנות און מיט געבעט געקוקט אויפן הימל.

און אין שטומער שווייגעניש זיינען אַרויסגעטראָטן אַלע מיאוסע, אַלע צעקריפּלטע און מיט צער געקוקט אויפן הימל.

האָט זיך דערהערט אליהוס קול:

— האָפט און גלויבט — משיח קומט!

און ווי ער האָט דאָס נאָר אויסגערופן האָט זיך דערהערט א קול פון הימל:

— מענטשן-קינדער, איר וועט געהאָלפן ווערן!

און א געשריי פון פרייד האָט זיך אויפגעהויבן צווישן די מענטשן און האָט זיך צעשפרייט איבערן ים און איבער דער יבשה.

און דאָ איז אליהו הנביא אַליין אַרויסגעטראָטן, האָט אויפגע־הויבן די הענט אין דער הויך און געבעטן:

— האר פון דער וועלט. דערמאָן זיך אָן די וואָס האָבן געלעבט אין פיין און פארגאַנגען אין יסורים פון טויט; דערמאָן זיך אָן די,

וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר דיר; דערמאָן זיך אָן די פאַרגאַנגענע דורות, וואָס האָבן דערטראָגן דיין נאָמען ביז היינטיקע ציַיטן און אַליין פאַרשוואונדן ווי אַ שאָטן — — —

און אַלע האָבן אויסגעשטרעקט מיט געבעט די הענט צום הימל:

— העלף, העלף!

און דאָס קול פון הימל האָט גערופן:

— מענטשן־קינדער, איר וועט געהאָלפן ווערן!

עס האָט גענומען דונערן אין די הימלען, די ערד האָט גענומען ציטערן. און אַ געשריי האָט זיך געהערט — אַ פירכטערלעכער געשריי; פון דעם גרעסטן שטערן ביזן קלענסטן זעמדעלע האָט געשריען. עס איז געווען אַ געשריי פון פרייד און ווייטיק. און אַ טוי — אַ שוואַרצער טוי האָט זיך פון אַלץ אָפּגעטיילט, זיך אויפגעהויבן צום הימל און דאָרט זיך צונויפגעזאַמלט און געבליבן הענגען אין אַ שוואַרצן וואָלקן.

מיט אַמאָל האָט דער שוואַרצער וואָלקן געקראָגן אַ פייערדיקן אָפּשיין, און אַ שוואַרץ פאַרזעעניש מיט טויזנטער אויגן האָט זיך איבערן וואָלקן באַוויזן, געשוועבט איבערן ים און אומרואיק געפלאָטערט, געקרייזט און זיך געשליידערט ווי אַ גרויסע שוואַרצע פלעדער־מויז.

און ווידער האָט זיך אַ פרייד־געשריי אויפגעהויבן צום הימל. די גאַנצע מחנה מענטשן האָט געשריען. אַלץ וואָס לעבט האָט געיובלט; אַפילו שטומע פעלזן האָבן זיך אויף דער טריקעניש צעשריען פון פרייד. און מוראדיק איז געווען דאָס געשריי:

— גאָט אַלמעכטיקער, פאַרלענדט דעם טויט אויף אייביק!

און דאָס קול פון הימל האָט גערופן:

— מענטשן־קינדער, און אַלץ וואָס לעבט און האָט אַ קיום! איך האָב אָפּגעטיילט דעם סם פון טויט און דעם מלאך המות גיי איך אומברענגען. און איר וועט געהאָלפן ווערן!

און אַ שרעקלעכער שטורם האָט זיך אָנגעהויבן אין די הימלען, און אַלע האָבן דערזען, ווי דער שטורם הייבט אָן טראָגן דעם שוואַרצן

וואָלקן, ווי דער מלאך־המות פלאַטערט אַרום ווי אַ גרויסע שוואַרצע פלעדער־מויז, פאַלט אַריין אין שוואַרצן וואָלקן פון סם, שווימט אַרויף און טרינקט זיך ווידער. און די פייערדיקע אויגן בליצן אויף און לעשן זיך, בליצן אויף און לעשן זיך.

און פּלוצלונג האָט זיך דער ים געשפּאָלטן. עס האָט זיך געעפנט אַן אָפּגרונט און דער שטורם האָט דעם שוואַרצן וואָלקן מיטן מלאך־המות אַהין פאַרטראָגן אויף אייביק עולמות.

און מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרן, מאָדנע שטיל. און אַלע זעען ווי אויף דער יבשה הייבן זיך אָן עפענען קברים און מענטשן גע־הילט אין ווייסן שטייגן אַרויס ווי אַ נעפּל און בלייבן אויף די קברים.

און עס הויבן אָן מלחמה־פעלדער פאַרבייצוציען. קומט צו אַ פעלד און בלייבט שטיין. שאַלט אליהוס שופר:

— שטייט אויף, איר קריגער!

און די פאַרזאַמלטע פעלקער זעען די אויבערפלאַך פון פעלד הייבט זיך אָן קנייטשן, פאַלדעווען, ווי אַ גרויסע איבערגעוואָרפענע דעק, אונטער וועלכער אויפכאַפּנדיקע, אויפשטייענדיקע נעמען זיך רירן.

און די ערדישע אויבערפלאַך דעקט זיך טאַקע אָפּ, וויקלט זיך אָפּ ווי אַ קאָלדרע און בלייבט ליגן אַ צונויפגעקנייטשטע צופוסנס.

מחנות, גאַנצע מחנות סאָלדאַטן, כאַפּן זיך אויף פון אייביקן שלאָף, הויבן זיך אויף און בלייבן שטיין.

און באַלד זעט מען מיט שטוינונג, ווי אונטער דער ערשטער אָפּ־געדעקטער פלאַך הויבט זיך אָן באַוועגן נאָך אַ פלאַך. און אַנדערע קריגער פון עלטערע צייטן קומען אַרויס. און די פעלדער האַלטן אין איין פאַרבייציען, און איין בלייבן שטיין און אין איין זיך אויסלייזיקן.

און אַלע קוקן און זעען: פון די טיפענישן פון ים שטייגן אַרויף פון אייביק־אַן דערטרונקענע שיפן מיט די מאַטראָזן אויף זיי און וואו מע וואַרפט אַ בליק קומען אַרויס אַלץ טויטע און טויטע.

און אַזוי זענען געשטאַנען ביידע מחנות איינע אַנטקעגן דער אַנדערער. די לעבעדיקע און די אויפגעשטאַנענע.

און די לעבעדיקע זיינען געשטאַנען פאַרגאַפט און פאַרוואונ-דערט און אַלץ מער טויטע זענען אויפגעשטיגן פון די קברים, און אַז די לעבעדיקע האָבן דערזען אַזוי פיל תכריכים-מחנות, האָבן זיי זיך גענומען שרעקן אין האַרצן און זענען פאַר מורא געפאַלן אויף די קני.

און דאַ האָט דאָס קול גערופן:

— מענטשן-קינדער, שרעקט אייך ניט, איר זייט איצט אַלע לע-בעדיק, באַהעפט אייך!

און מיט אַמאָל איז דער ווייסער תכריכים-נעבל פאַרשוואונדן און ביידע מחנות האָבן זיך געלאָזן איינע צו דער אַנדערער און נאָך אַ שטאַרקערע פרייד איז געוואָרן: עלטערן האָבן דערקענט זייערע קינדער, קינדער — עלטערן; אַלמנות — זייערע מאַנען, כלות — זייערע חתנים, ברידער — זייערע שוועסטער. מע האָט זיך גע-האַלדזט, געקושט, געוויינט. און די שמחה איז געווען גרויס, וואָס מע קען עס מיט קיין ווערטער ניט אַרויסגעבן.

און דאַ איז אַרויסגעטראָטן די יוגנט און געבעטן בא גאָט:

— לאָז מיר זיך באַהעפטן מיט די מענטשן אויף אייביק!

און דאָס קול האָט געזאָגט:

— באַהעפט זיך!

און אַלע זיינען געוואָרן יונג.

און דאַ איז אַרויס די שיינקייט און געבעטן בא גאָט:

— לאָז מיר זיך באַהעפטן מיט די מענטשן אויף אייביק!

און אַלע זיינען געוואָרן שיין.

אין דער רגע האָבן זיך באַוויזן פיר ווייסע מלאכים און אין אַ גאָלדן-וויגעלע האָבן זיי געטראָגן דאָס נאָך-ניט-געבוירן קינד, וואָס האָט געהאַט גרויסע אויגן פון אַ אינד. און די מלאכים האָבן אוועק-געשטעלט דאָס וויגעלע און האָבן געקניט פאַר אים.

און דאַ איז צוגעטראָטן די אייביקע-יונגשאַפט, זיך איבערגע-בויגן איבערן וויגעלע און געקושט דאָס ניט-געבוירענע-קינד, אַז עס זאָל אייביק זיין יונג.

און עס איז צוגעטראָטן די אייביקע שיינקייט און זיך איבער־געבויגן איבערן וויגעלע און געקושט דאָס נים־געבוירן קינד, אַז עס זאָל אייביק שיין זיין.

און דאָס קול האָט גערופן:

— אַזוי וועט עס זיין!

און פון די צוגעקומענע האָבן זיך די מענטשן מתנות געמוזט אויסשפּרייטן און האָבן פאַרפולט די אויבערפלאַך פון ים און האָבן פאַרפולט די אויבערפלאַך פון דער ערד.

און ווען אַלע לעבעדיקע האָבן דערזען, אַז די וועלט איז פול — איז ווידער אַ שרעק זיי באַפאַלן.

האָט דאָס קול גערופן:

— שרעקט אייך ניט, זעט די שטערן אין הימל, זיי זיינען מער פון דעם שטויב פון דער ערד, און איך וועל באַזעצן מיט אייך אַלע שטערן אין הימל, און ליכט־וועגן וועלן זיך שפּרייטן פון איין שטערן צום צווייטן, און איר וועט זיך טראָגן פון איין וועלט צו דער אַנדע־רער אין פייערדיקע רייטוואָגנס איבער די אויסגעשפּרייטע וועגן פון ליכט.

און ביזן הימל האָט זיך געשטאַרקט דאָס פריידיקע געשריי, און אַלע מענטשן האָבן גערופן:

— לאָמיר דאַנקען און לויבן דעם שליח פון גאָט, לאָמיר קרוינען דעם שוין־געזאַלבטן פון גאָט! וואו איז משיח?

און אליהו הנביא אין זיין אַרומגעגאַרטלטן האַריקן מאַנטל איז אַרויסגעטראָטן פאָרויס און האָט גערופן:

— משיח איז צווישן אייך, הערט זיך צו צו זיינע רייד און רייסט אויף אייביק אַרויס דאָס שלעכטס פון אייער האַרץ!

און שטיל איז געוואָרן אין די הימלען, שטיל אויף דער ערד. אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט אַרום און געזוכט משיח'ן, און אַלע ליפּן האָבן געפרעגט אויף משיח'ן . . . .

פּלוצלונג האָט יעדער איינער דערפילט ווי די שטים פון משיח'ן רעדט צו זיין האַרצן, רעדט מיט גוטסקייט, שטיל און באַשיידן.

און די שטים פון משיח׳ן האט געריעדט צו יעדן איינעמס הארץ און אים געזאגט:

— דו ביסט גוט!

און דאס גוטע ווארט האט ארויסגעריסן דאס בייז פון הארצן און אראפגעשווענקט דאס שלעכטס פון דער ערד.

און די אלע מענטשן פון די אלע פעלקער האבן פארנומען די שטים פון משיח׳ן, און זיין שטים האט זיך באזעצט בא זיי אין הארצן.

און די מענטשן, ניט זעענדיק משיח׳ן, און הערענדיק זיין קול אזוי נאענט, האבן זיך געוואונדערט און האבן געקוקט מיט יראת הכבוד איינער אויפן אנדערן און יעדער האט געטראכט בא זיך: צו איז דער אנדערער ניט משיח?

און א ליכטיקייט האט אויפגעשיינט אין הימל, קילע בליצן האבן זיך צעשטראלט אין רעגנבויגן. שטראלן פון אלערליי קאלירן האבן זיך צעשפרייט איבערן הימל און געפלאטערט און זיך אויסגעמישט אין א וואונדערלעך ליכט.

און אין הימל, האבן אלע דעריזען: הענגט א קרוין! אויסגעזעצט מיט די טייערסטע דימענטן און מיט די טייערסטע איידלשטיינער. און אלע האבן פארשטאנען, אז דאס איז משיח׳ס קרוין, און אלע האבן געקוקט און געווארט אויף וועמענס קאפ זי וועט זיך ארונטערלאזן.

און דאס קול פון הימל האט גערופן:

— משיח, דו געזאלבטער פון גאט, טו אן די קרוין אויף דיין קאפ! דו ביסט א עניו, ווייסט אליין ניט ווער דו ביסט, פון געבוירן-טאג אן איז שוין די קרוין צוגעפאסט צו דיר, זוך אפ די פארטיפונג אין דיין געקרוינטן קאפ!

און וואונדער! אלע מענטשן האבן מיט די פינגער באריירט איינער באם אנדערן די קעפ און געפונען די פארטיפונג.

און ווידער האבן די מענטשן געקוקט מיט גרויס ערפארכט איינער אויפן אנדערן — געזען די פארטיפונג איינער באם אנדערן און ניט געוואוסט ווער משיח איז, און געקלערט צו דער אנדערער איז ניט משיח?

און פלוצלונג האבן אלע דערזען ווי משיח'ס קרוין ווערט העלער, ליכטיקער, גרעסער, וואקסט, שפרייט זיך אוים ווי דער גאנצער הימל און דעקט צו אלעמענס קעפ.

און דא האט א געוואלדיק ליכט מיר א שיין געטאן אין די אויגן. איך האב דערפילט, אז איך געפין זיך צוריק בא מיין ווארשטאט, נאר בלינד, אין גאנצן א בלינדער, אבער געבענטשט זאלן זיין מיינע בלינדע אויגן, וואס האבן דאס זוכה געווען צו זען.

און יאסל האט באלד אויף מארגן באם שבתדיקן דאווענען, ארוים-גערופן א חבר פון שול, אים אוועקגעפירט אן א זייט.

— נעם אראפ דאס היטל!

— צו וואס?

— כ'וויל עפעס זען בא דיר אויפן קאפ.

— ווערסטו מיר גארניט אפטאן?

— אסור!

— קוק!

אפגעמאסטן א שפאן פון שטערן און געפונען א פארטיפונג.

דאָס אינגל וואָס האָט געהערט סאַראַסאַטען
(ציגיינער ווייזע)

י. קאַמינסקין.

אין סומנעם וואַלד האָבן טאַטע־מאַמע געוואוינט. אין געדיכטן, צעוואַקסענעם וואַלד.

פאַר דער שטוב אַ פּאַליאַנע. אין מיטן פּאַליאַנע — איין איינציקער בוקסן־בוים; אַ צעוואַקסענער, אַ צעצווייגטער; דער שטאַם פון געשפּרינקלטן מאַרמאָר. און דער געזימשטער קאָפּ שפּאַרט אונטער דעם געוועלב פון הימל.

איין־איינציקער אינגעלע. שטייט זיין וויגעלע אונטער׳ן איין־איינציקן בוים אויף דער פּאַליאַנע. זיכער איז זיין מאַמע: דער רעגן וועט דורך די געדיכטע צווייגן ניט אַדורך; בריאיקע זון־שטראַלן וועלן זיך דורך זיי ניט אַדורכשטעכן. זיכער איז זי געווען.

און פייגל נעסטן זיך אין דעם געלאָקטן קאָפּ פון בוקסן־בוים, פאַרנעמען דעם קליינעם אינגעלע מיט געזאַנג, מיט צוויטשעריי, ביז ער שלאָפט איין.

און שלאָפט ער אַזוי גיך ניט איין, העלפט דאָס זומער־ווינטל צו. מורמלען די בלעטער, ווי אַ וואַסערל רוישט, ווי אַ וואַסערל רוישט... גרינען פאַר די יונגע אייגלעך די יונגע צווייגלעך, די יונגע בלעטלעך, וויגן זיך פאַר זיי, און פאַרוויגן, פאַרוויגן — ביז ער שלאָפט איין.

זיכער איז די מאַמע. קיינער וואוינט ניט אַרום, קיינער גייט ניט אַרום. פון שטוב־פענצטער זעט זי די פּאַליאַנע, אונטערן בוים דאָס וויגעלע, אין וויגעלע איר אינגעלע.

2.

ציען זיך בוידן איבערן ווייטן, ברייטן וועג מיט געזאַנג, מיט קלאַנג, אין וואָלקנס שטויב. הירזשען פערד, גלאַנצן פנימ׳ער —

פּנים׳ער ברוינע; ברענען אויגן — אויגן גרויסע, אויגן שוואַרצע. לאַכן ווייסע ציין, שווינדלען פיגורן בײַ די זייטן וועג, אין וואַלד, אין פעלד, צווישן ביימער און זאַנגען. באַרוועסע מיט שטילע טריט גייען פיגורן, אין קאָלירטע קליידער, מיט צעלאָזטע צעפּ, מיט באַמבלדיקע, קלינגענדיקע מטבעות־אויערינגלעך. מיט בלוט־רויטע קרעלן, מיט קאָלירטע פאַטשערקעס אויף די ברוינע הוילע בריסט.

דאָס גייען ציגיינער.

קוקן שאַרפע אויגן אין אַלע זייטן. שלייכט זיך אַ שלאַנקער־קערפּער, דרייט זיך אויס, וויקלט זיך ווי אַ שלאַנג אין די קוסטעס.

אויף אַ פּאַליאַנע שטייט איין איינציקער בוקסן־בוים, אונטערן בוקסן־בוים אַ וויגעלע, אין וויגעלע אַ אינגעלע.

ציט זיך אַ פאַברוינטע מאָגערע האַנט מיט שײַנענדיקע רינגען אויף די ביינערדיקע פינגער, ציט זיך צום שלאָפנדיקן אינגל, ציט זיך רואיק, שטיל, אַ קאָלירט טוך אין די פאַרקוועטשטע פינגער... עפּעס אַ כאַפּ, אַ וויקל, און ווידער רואיק שטיל.

ציען זיך בוידן איבערן וועיטן, ברייטן וועג מיט געזאַנג, מיט קלאַנג און וואַלקנס שטויב.

3.

נאָענט האָט זיך צוגערוקט דער וואַלד צום טייך און זיך פאַר־קוקט אין זײַנע טיפן אויפן אייגענעם שאָטן. נאָענט בײַם ברעג, צווישן טייך און וואַלד ברענט אַ פייער אין דער נאַכט.

פאַלט דער פייערדיקער אָפּשיין אויף זיצנדיקע, ניט־רירעוודיקע סילועטן אַרום און אַרום, שפּרינגט איבער קופּערנע שווייגנדיקע פּנים׳ער. קוקן פאַרגאַפטע די פייערדיקע אויגן אין פייער אַרײַן. אַלץ שווייגט, אַלץ איז פאַר׳כישוף׳ט. עס שווייגן די געפּענטעטע פערד אין דער ווייט, עס שווייגט דער הונט בײַם זייט, עס שווייגט דער וואַלד, נאָר דאָס פייער שפּרינגט אונטער, לעקט, שטעקט אַרױס רויטע הונגעריקע צונגען, בייסט אין די צווייגן און קנאַקט, ווי מיט ציין. שטיל, מיטן אייביקן מורמלען, שווימט דער טייך אין דער נאַכט אַרײַן.

נאָר אָפּגערוקט פון אַלעמען זיצט איינע אויף אַ פּיען און זינגט...

זי האַלט אַ קינד אויפן שויס און זינגט און אַלע הערן איר געזאַנג.

זי זינגט, און איר געזאַנג בענקט, וויינט אין דער פאַרשטומטער זומערדיקער נאַכט, שפּרייט זיך איבערן טייך; און דער ווינט פאַרטראָגט עס טיף אין וואַלד — און דאָרטן ענטפערן אָפּ, רופן זיך אָפּ קולות, — עפּעס ווערט איר געוויין איבערגעקרימט פון אַ בייזן פייפיקן געלעכטער: זי האָט אַ קינד געהאַט, איז עס ניטאָ, אַ וואָלף האָט עס צעריסן. האָט זי אַ צווייט קינד איצט — אָבער עס איז נית אירס. זי האָט אַ געליבטן מאַן געהאַט, איז ער אַוועק וואַנדערן און איז ניטאָ, זי בענקט אַזוי נאָך אים, בענקט, ווען וועט ער קומען? איר האַרץ גייט אויס פון בענקשאַפט און זי זינגט, זינגט. איר געזאַנג שפּרייט זיך איבערן טייך און וואַלד, און דאָרטן ענט־פערן אָפּ, רופן זיך אָפּ קולות. איר געוויין ווערט איבערגעקרימט מיט אַ בייזן, פייפיקן געלעכטער. נאָר די פיגורן זיצן פאַרגאַפט, קוקן מיט פייערדיקע אויגן אין פייער אַריין, און דאָס פייער שפּרינגט אונטער, שטעקט אַרויס רויטע הונגעריקע צונגען, בייסט איין די טרוקענע צווייגן, קנאַקט ווי מיט ציין, און זי זינגט, בענקט, וויינט אין דער פאַרשטומטער זומערדיקער נאַכט.

און פּלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבן אין איר גאַנצער שטאַטנדיקער הויך אַ פיגור, האָט זיך צעשריען ווילד, צעזונגען און אַ טופּ געטאָן מיטן פוס.

באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן הויבן פיגורן — אַלטע, יונגע, פרויען, קינדער: ס׳האָבן זיך פייקלעך צעקלאַפּט מיט קאַסטאַנעטן אין טאַקט. ס׳האָבן זיך גלעקלעך צעקלונגען אין אַ ווילדן, פרייליכן טאַנץ.

שפּרינגען אונטער פייערדיקע צונגען, טאַנצט זייער אָפּשיין... טאַנצן מאָדנע, משונה׳דיקע סילועטן אין דער אויפגעכאַפּטער זומער־דיקער נאַכט.

דרייעוודיקער, ווילדער גייט דער טאַנץ. פון דער טיף פון וואַלד,

פון דער טיף פון וואלד, פון דער טייך־ווייטקייט רופט זיך אפ דער אפגעקלאפטער הילך פון געשמידטע שיך.

4.

שפילן זון און טייך, פירן א שטראלן־שפיל. רייכערט זיך אין גאנצן דער וואלד אונטער דער זון, ציען זיך דופטיקע דורכזיכטיקע וואלקנדלעך צום הימל. רופן זיך איבער פייגל צווישן דיביימער. קלינגט ערגעץ אין דער ווייט א גלאק.

שטייען ווייסע ביידלעך אויסגעשטעלט אויפן ברעג. שווימט א שיפל מיט א ווייסן זעגל אויפן טייך. שווימט. און פון שיפל שפרייט זיך אויס א נעץ איבער די רואיקע צעשטראלטע וואסערן.

בא די ביידלעך איז רואיק, ווי אלץ וואלט איינגעשלאפן. אונטער א בוים, אין א קאלירטן טוך ליגט א פעקל, אין פעקל א אינגל, ליגט און שלאפט.

און מיט אמאל האט זיך הויך איבער אים אין גרינעם הימל צע־זונגען. א דין געזאנג, א זינגענדיק פייפן האט זיך צעצוויטשערט, צעטרעלט און זיך צעגאסן: שטיל איז געווארן. אויפגעהערט האבן די פייגל זיך איבערצורופן. הערן זיך די ביימער צו צום געזאנג.

אין שלאף עפנט דאס אינגל דאס מיילכל. דאס געזאנג גיסט זיך, און דאס אינגל, דוכט זיך, זויגט דאס געזאנג. ער זויגט עס, און דאס פייפנדיק געזאנג גיסט זיך אריין אין אפענעם מיילכל, פון מיילכל אין העלדזל, פון העלדזל אין הערצל — און ער זויגט, זויגט אין שלאף, ווי ער וואלט פון דער מאמעס זיסער ברוסט געזויגן.

פלוצלונג עפנט ער די אויגן, ברייט צעעפנט ער זיי, קוקט אין גרינעם הימל אריין, הערט זיך צו, שטרעקט אויס די הענטלעך מיט פארקוועטשטע פויסטלעך אין דער הויך. שלינגט דאס געזאנג מיט אן אפענעם מיילכל.

פון אויבן גיסט זיך דאס פייפנדיק געזאנג, גיסט זיך, טריפט אין טרעלן און דאס אינגל שפיצט די אויערן... ער זויגט און ס׳דורשט

אים נאָך, נאָך, און ער רייסט אויף אַלץ ברייטער די אויגן, ביז דער לעצטער ברייט...

ווי פון שרעק האָט זיך דאָס געזאַנג מיט אַמאָל איבערגע־בראָכן, זיך איבערגעריסן אין מיטן טרעל. אַ ציגיינערקע האָט זיך באַוויזן, איז צו צום אינגל, אים אויפגעהויבן און מיט אַ שמייכל אים פאַרקוקט אין פּנים׳ל.

פון העלער הויט האָט זי ווילד אַ געשריי געטאָן און זיך געלאָזן לויפן מיט׳ן קינד אויפן האַנט.

.5

שטייט אַן אָפּגעזונדערט ברודיק ביידל. אין גאַנצן שטיל, אין גאַנצן פאַראומערט. רייכערט זיך נאָר פון אינווייניק, און אויפן שפּיץ שטייט אַ סאָווע, צוגעבונדן אויף אַ קייטל מיט אַן אייזערנער רינג אויפן פוס.

צעשריען, צעוויינט האָט זיך די סאָווע. באַלד האָט זיך דער אַריינגאַנג אָפּגעדעקט. אַ צעקנייטשט אַלט פּנים מיט אַ שאַרפער נאָז, האָט מיט פינקלדיקע אויגן זיך איינגעשפּאַרט אין דער יונגער ציגיינערקע מיטן קינד אויפן האַנט:

— פאַרוואָס אַזאַ האַסט? וואָס איז, טאָכטער?

— באָבע, באָבעשי, קוק אויפן קינד, זע. די אויסגעשטאַרצטע אויגן, די אָנגעשפּיצטע אויערן, דעם מאָדנעם שמייכל, וואָס גייט ניט אַראָפּ. איך האָב אים אַן אַנדערן איבערגעלאָזן אונטערן בוים און אַזאַ האָב איך אים געפונען.

— קום צו נעענטער, ווייז אַהער!

קוקט די אַלטע ציגיינערקע אין פּנים׳ל אַריין, נעמט אים נעענ־טער, קוקט, באַוועגט מיט די ביינערדיקע פינגער איבער דעם קינדס אויגן, באַרירט די אויערן.

שאָקלט די אַלטע מיטן קאָפּ:

פאַרפאַלן. אים האָט דער זינג־פויגל פאַר׳כישופ׳ט.

— באָבעשי, דער זינג־פויגל?

— יאָ, דער זינג־פויגל. אימיצער האָט אין מיטן איבערגעריסן זיין געזאַנג. און דאָס קינד וועט שוין אייביק אַזוי בלייבן, בענקען נאָכן געזאַנג. זעסט די אויפגעריסענע אויגן. די פאַרשפּיצטע אויערן? דאָרט איז דאָס געזאַנג פאַרגליווערט — ניט דערלאָזן דעם פויגל זיך אויסזינגען, ניט דערלאָזן דאָס קינד אויסהערן.

— באָבעשי, וואָס טוט מען? כ׳האָב ליב געקראָגן דאָס קינד.

— פאַרפאַלן.

באָבעשי, העלף!

קיינער קען ניט העלפן, סיידן דער זינג־פויגל זאָל דערזינגען פאַר׳ן קינד זיין געזאַנג.

— באָבעשי, ווי טוט מען עס?

— פאַרפאַלן. מער ווי איין מאָל אין לעבן הערט ניט אַ מענטש דעם זינג־פויגל.

— באָבעשי, וואָס זאָל איך טאָן?

בייגט זיך די אַלטע צו צו דער יונגער, סוד׳עט איר אין אויער:

— ס׳איז אַ שטראָף; דאָס האָט דער זינג־פויגל אויסגעוויינט דער מאַמעס בענקענדיק האַרץ.

— באָבעשי?

— דאָס קינד איז פאַרפאַלן. ס׳איז פאַר׳כישופ׳ט. וואַרף עס אונטער צוריק...

טרערן שטייען בא דער יונגער. און מיט אַ געבויגטן קאָפּ גייט זי פוןביידל אַרויס.

6.

אויף אַ פּאָליאַנע שטייט איין איינציקער בוקסן־בוים — אַ צע־וואַקסענער, אַ צעצווייגטער. אונטערן בוים — אַן איבערגעקערט וויגעלע. קומט דאָס זומער־ווינטל צו, מורמלען די בלעטער, ווי אַ וואַסערל רוישט, ווי אַ וואַסערל רוישט... נאָר עס איז ניטאָ וועמען צו פאַרוויגן, וועמען צו פאַרשלעפערן. איבערגעקערט איז דאָס וויגעלע. ליגט אַ פאַרגרינטע אויף אַ זייט.

ציען זיך בוידן איבערן ווייטן, ברייטן וועג מיט געזאַנג, מיט קלאַנג, אין וואָלקנס שטויב.

שלייכט זיך אַ קערפּער, דרייט זיך אויס, וויקלט זיך ווי אַ שלאַנג אין די קוסטעס.

ציט זיך אַ פאַרברוינטע מאָגערע האַנט מיט שיינענדיקע רינגען אויף די ביינערדיקע פינגער, ציט זיך, שמעלט אויף דאָס איבערגע־קערטע וויגעלע, עפּעס אַ לייג, אַ דעק צו... און ווידער רואיק, שטיל.

ציען זיך בוידן איבערן ווייטן, ברייטן וועג מיט געזאַנג, מיט קלאַנג אין וואָלקנס שטויב.

.7

קוקט די מאַמע טאָג איין, טאָג אויס, פון פענצטער אַרויס. אויסגעוויינט די טרערן, נאָר טיפער דער טרויער, דאָס האַרץ גייט אויס אין בענקשאַפט.

קוקט זי טאָג איין, טאָג אויס פון פענצטער אַרויס, שטייט דער אין איינציקער, איינזאַמער בוקסן־בוים אויף דער פּאַליאַנע, ליגט אַן איבערגעקערט פאַרגרינט וויגל בײַ דער זיים. און אומעטיק איז אַרום, אומעטיק.

קוקט זי טאָג איין, טאָג אויס פון פענצטער אַרויס, שטייט דער פּלוצלונג רייסן זיך די אויגן אויף, און זי לאָזט זיך ווילד לויפן פון שטוב אַרויס...

קומט די מאַמע צום אַלטן וואַלד־וועכטער מיטן קינד אויף דער האַנט.

— וואָס ווילסטו, באַלאַבאַסטעשי?

— האָסטו געהערט וועגן מיין קינד?

— יע, כ׳האָב געהערט. ביסט אַ גליקלעכע.

— ניין, אַלטער ליבער וואַלד־וועכטער, כ׳האָב דאָ געבראַכט דאָס קינד, זעסט, ווי עס קוקט אויס? — די אויגן אויפגעריסן, די אויערן אָנגעשפּיצט, אַ מאָדנער שמייכל גייט ניט אַראָפּ פון פּנים׳ל...

אַ קוק האָט געכאַפּט דער אַלטער וואַלד־וועכטער אויפן קינד.
— אים האָט דאָך דער זינג־פויגל פאַר׳כישופ׳ט.
כאַפּט אָן די מוטער דעם אַלטן וואַלד־וועכטער פאַרן האַנט:
— דער זינג־פויגל?
— יע.
פאַרברעכט די מאַמע די הענט:
— וואָס זאָל איך טאָן?
— ניטאָ קיין הילף, ער וועט שוין אייביק בענקען נאָך זיין געזאַנג.
צעוויינט זיך ביטער די מאַמע:
— וואָס זאָל איך טאָן?
ווער ווייס? פאָרט אפשר אַרויס פון וואַלד, באַזעצט זיך אין שטאָט. דאָ וועט ער בענקען, בענקען, בענקען זיין לעבן־לאַנג נאָכ׳ן געזאַנג פון זינג־פויגל.

8.

וואַקסט אַ קליין אינגעלע אין דער גרויסער שטאָט, וואַקסט די בענקשאַפט מיט אים צוזאַמען.

האָט זיך דאָס אינגעלע אויף יונגע פיסלעך געשטעלט, די בענקשאַפט מיט אים; האָט דאָס אינגעלע גיין אָנגעהויבן — די בענקשאַפט גייט מיט.

קוקט זי פון די פאַר׳חלומ׳טע אייגלעך אַרויס, הערט זיך איין, הערט זיך צו מיט אָנגעשפּיצטע אויערלעך.

און די שטאָט איז פול מיט קלאַנגען, פול מיט רויש, פול מיט ליאַרעם.

קומען קלאַנגען צופליען; פליען, פאַרפליען דורך די אָפענע פענצטער צום אינגל צום קליינעם. דרייען זיך ווי קאָלירטע זומער־פייגעלעך פאַר די פאַר׳חלומ׳טע אייגלעך, שורשען ווי זייד, שורשען צאַרט אין די אָנגעשטרענגטע אויערלעך.

זיינען די פענצטער פאַרמאַכט, קלאַפּן זיי, שורשען זיי באַ די שויבן און רופן, רופן צום קליינעם אינגעלע.

פאַרקלייבט זיך דאָס קליינע אינגעלע צום פענצטער, שטייט קוקט, הערט זיך צו.

שטייט ער. שטייט און שטייט. קוקט די בענקשאַפט פון די אויגן, הערט זיך צו מיט אָנגעשטרענגטע אויערן.

קומט די מאַמע צו, גלעט אים איבערן קעפּל:

— וואָס שטייסטו אַזוי לאַנג בײַם פענצטער, מיין אינגעלע?

פאַרדרייסט ער דאָס פּנים׳ל צו איר, צעעפנט ברייט די אויגן, קוקט די בענקשאַפט אויף דער מאַמען:

— מאַמע, שאַ...

— וואָס איז מיין אינגעלע, הערסט עפּעס?

שאָקעלט ער שטום מיטן קעפּל: ניין, ער הערט נים; נאַר, מאַמע, שאַ...

וואַקסט אַ קליין אינגעלע אין דער גרויסער שטאָט, האָדעוועט זיך די בענקשאַפט מיט אים צוזאַמען, קוקט מיט פאַרבענקטע קינדערשע אויגן.

9.

גיט מען אַ אינגעלע אַ לעפעלע צום עסן, קלאַפּט ער, קלאַפּט מיט איר און באַקומט אַרויס אַ קלאַנג.

הערט ער זיך צו מיט אָנגעשטרענגטע אויערלעך, קוקט מיט פאַר׳חידוש׳טע אייגלעך, קלאַפּט ער נאָך און נאָך אַמאָל, — ווידער אַ קלאַנג.

גיבן אַרוים קלאַנגען שטיינדלעך אין גאַס, שטיקלעך אייזן און גלאָז אויפן טראָטואַר.

קלאַנגלאַז פאַרגייען אָבער טעג און יאָרן; שטיל אומבאַמערקט גליטשן זיי זיך אַוועק פון אינגעלע. ווערט דאָס קליינע אינגעלע אַ אינגל, די בענקשאַפט קוקט אָבער פון די אויגן אַרוים, הערט זיך צו מיט אָנגעשטרענגטע אויערן.

און די שטאָט איז פול מיט רויש, פול מיט קלאַנגען. גייט דאָס אינגל, דאָס קעפּל שטענדיק אָנגעבויגן אויף אַ זייט, מיט אַן אָנגע-

שטעלט אויערל, ווי ער וואָלט נאָך אַ רוף געגאַנגען.

גייט, גייט... און שטעלט זיך פלוצלונג אָפּ. — הערט זיך צו...
עפּעס קלאַנגען קומען, קלאַנגען פון דער נאָענט, קלאַנגען פון דער
ווייט; דרייען זיך, ווי קאָלירטע זומער־פייגעלעך פאַר די אויגן,
שורשען אים ליבלעך אין די אויערן; און ס'רוט, רוט אַ שמייכל
אויפן פּנים.

און באַלד קומען קלאַנגען אַנדערע: אַ געררויש, אַ ליאַרעם;
אַ שטורעם רייסט די קאָלירטע שפּילעוודיקע זומער־פייגעלעך אויף
פּיצלעך, נאָר צעריסענע פליגעלעך און קאָלירטער שטויב שווינדלט
פאַר די אויגן, רייסט די אָנגעשטרענגטע אויערן, רוט אַ וויייטיק
אויפן פּנים.

צונויפגעקאָרטשעט זיך, רוט אַ ווייטיק אויפן פּנים.

.10

וואַקסט דאָס אינגל אין אַ שטיינערן הויז.

ניטאָ קייןביימל אַרום, אָבער ניטאָ קיין אָפּהאַלט פאַרן פרילינג.

האָט דאָס אינגל פלוצלונג איבער זיין פענצטער אַ צוויטשער
דערהערט, אַן ערשטן, צאַרטן פרילינג־צוויטשער פון אַ פויגל.

רופט ער:

— מאַ, הער!

קוקט די מאַמע פון פענצטער אַרויס:

— דאָס זיינען שוועלבעלעך, אינגעלע מיינער.

און דער שוואַלב צוויטשערט, צוויטשערט מיטן ערשטן, צאַרטן
פרילינגס־רוף.

שטייט דאָס אינגעלע אין גאַנצן אָנגעשטרענגט, הערט זיך צו
צום צוויטשערן פון שוואַלב.

און מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט.

הערט ער דעם צוויטשער ניט מער.

טרעט ער שוין דעם גאַנצן טאָג פון פענצטער ניט אָפּ.

פרעגט די מאַמע:
— וואָס קוקסטו, אינגעלע מיין?
קוקט די בענקשאַפט פון די אויגן:
— וואו איז דאָס שוועלבעלע, מאַ?
קוקט די מאַמע דורכן פענצטער:
— אוועקגעפלויגן, אינגעלע מיין.
— כ׳וויל אים, מאַ...
טראַכט אַ ווײַלע די מאַמע:
— כ׳וועל דיר ברענגען נאָך אַ שענערס, אינגעלע מיין!

.11

צווישן נאַכט און טאָג, צווישן חלום און וואָר האָט ער עס דערהערט; דערהערט אַ רוף, די ערשטע צאַרטע פרילינגס-טרעלן פונם פויגל.

ליגט ער, שלאָפט, נאָר די בענקשאַפט וואַכט, הערט מיט אָנגע־שטרענגטע אויערן.

און דער פויגל טרילט, זינגט, פאַרגייט זיך אין ערשטן צאַרטן פרילינג-געזאַנג.

ליגט ער אָן אויפגעוואַכטער מיט צוגעמאַכטע אויגן; וואונ־דערלעכע קאָלירטע זומער-פויגעלעך שורשען ארום אים, פליען ארום זיין פנים, גלעקלעך קלינגען אין די אויערן; קלינגען דין, זילבערדיק־דין; דין, דינער, ביז עס רייסט זיך איבער, ווי אַ סטרונע אַ געפּלאַצטע.

ליגט ער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, הערט זיך צו, הערט זיך איין, אָט-אָט וועט דער פויגל ווידער זיך צעזינגען.

זינגט ניט מער דער פויגל. און ער, אין אָן אויפגעוואַכטן חלום, ליגט און וואַרט.

זינגט ניט מער דער פויגל.

גייט ער ארום אַ גאַנצן טאָג ארום שטייגל, שטעלט זיך אויף אַ שטול, קוקט די בענקשאַפט אין די קיילעכדיקע פויגלשע אייגלעך אריין.

שפּרינגט אַרום דער פֿויגל אין דעם שטייגל, פּלאַטערט מיט די פֿליגעלעך באַ די דראָטענע ווענטלעך, קוקט די בענקשאַפֿט דעם אינגל אין די פֿאַר׳חלום׳טע אייגלעך אַריין.

בענקט, זינגט דער פֿויגל אין די פֿריִע פֿרימאָרגנס, פֿאַרגייט זיך אין בענקשאַפֿט.

ליגט דאָס אינגל אין די פֿריִע פֿרימאָרגנס מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם: קאָלירטע זומער-פֿייגעלעך פֿליִען אַרום, גלעקלעך קלינגען, דין, דינער ביז עס רייסט זיך אָפּ. און ער ליגט אין אויפֿגעוואַכטן חלום און וואַרט.

זינגט ניט מער דער פֿויגל.

ליגט ער אַן אויפֿגעוואַכטער און וואַרט.

דאגה׳ט די מאַמע:

— פֿאַרוואָס שלאָפֿסטו ניט אינגעלע מיין?

— כ׳ווייס ניט, מאַ . . .

און באַלד:

— מאַ! . . .

— וואָס, אינגעלע?

— אַז כ׳וועל אים געבן צוקער, וועט ער זינגען מער?

— וועמען?

— דעם פֿייגעלע.

טראַכט אַ ווײַלע די אויפֿגערודערטע מאַמע:

— קענסט אים געבן, אָבער ניט שלאָפֿן דאַרפֿסטו ניט, אינגעלע מיין. דו שלאָף, שלאָף, ניט שטענדיק זינגט אַ פֿויגל.

דרייט זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג דאָס אינגל אַרום שטייגל, גיט דעם פֿויגל צוקער, קוקט די בענקשאַפֿט אין די קיילעכדיקע פֿויגלשע אייגעלעך אַריין.

שפּרינגט אַרום דער פֿויגל אין דעם שטייגל, פּלאַטערט מיט די פֿליגעלעך באַ די דראָטענע ווענטלעך, קוקט די בענקשאַפֿט דעם אינגל אין די פֿאַר׳חלום׳טע אייגעלעך אַריין.

בענקט, זינגט דער פֿויגל אין די פֿריִע פֿרימאָרגנס, פֿאַרגייט זיך אין בענקשאַפֿט.

און איינמאָל אין פריען באַגינען האָט ער פּלוצלונג אָנגעהויבן צעשראָקן רופן די מאַמען:

כאַפּט זיך אויף די מאַמע:

— וואָס איז, זונעלע?

— מאַ, דאָס פייגעלע זינגט ניט...

— דאָס פייגעלע זינגט ניט? שלאָף, זונעלע, ניט שטענדיק זינגט אַ פייגעלע.

און ער ווערט ווידער צעשראָקן:

— מאַ, דאָס פייגעלע זינגט ניט...

און ער הייבט זיך פון בעטל:

— מאַ, דאָס פייגעלע, איך וויל אַ קוק טאָן.

גייט אַ אינגל אין איין העמדל מיט באָרוועסע שטילע טריט אין צווייטן צימער אַריין.

דערהערט די מאַמע אַ שטיל קינדיש געוויין.

איז זי לעבן אים:

— וואָס איז, זונעלע?

און באַלד זיך אַ כאַפּ:

— דאָס פייגעלע!

ליגט דאָס פייגעלע צונויפגעקאָרטשעט אין אַ טונקעלן ווינקעלע פון שטייגל, די פיסלעך איינגעקרעמפּט אין די דראָטענע ווענטלעך, דאָס קעפּל פאַרוואָרפן אויף אַ זייט.

שטייט דאָס אינגל איינגעטוליעט דאָס קעפּל אין דער מאַמען, שטייט און וויינט. גלעט אים די מאַמע טרויעריק איבערן קעפּל, און אַן אויפגערעגטע טראַכט זי; ניט געטאָרט, ניט געטאָרט...

.12

גייט אַרום דאָס אינגעלע אַן אומעטיקער, בענקט נאָכן פויגל, בענקט נאָך זיין געזאַנג.

פּרובירט ער אַליין אויספייפן דאָס קול׳כל פון דעם פויגל, ציט

גומעלאסט פון די שיכלעך און פיקט, פיקט, וויל ארויסקריגן זיין דין-דינעם געזאנג.

פרעגט די מאמע:

— וואס טוסטו, אינגעלע?

— מא, איך וויל נאכמאכן דעם פייגעלע.

ברענגט אים די מאמע א צימבעלע א שיינס.

— נא, זונעלע, דאס קלינגט נאך שענער ווי א פויגל.

דערפרייט ער זיך.

קלאפט עס, קלאפט מיטן הילצערנעם האמערל, באקומט ארויס קלאנגען, הערט זיך צו: עפעס יא און עפעס ניט. קלאפט ער, קלאפט ווידער, קען ניט ארויסקריגן, ווארפט ער אוועק:

— מא, איך וויל ניט דעם צימבעלע, עס זינגט ניט ווי דאס פייגעלע.

ברענגט אים די מאמע א פייפל.

— אויף דעם וועסטו קענען, מיין אינגעלע.

דערפרייט ער זיך. פייפט ער, פייפט. עפעס באקאנטע פייפנ־דיקע טרעלן, אבער ניטא די גלעקעלעך. פירט זיך ארום גאנצע טעג מיטן פייפל און מען קען זיי ניט ארויסקריגן. ווארפט ער אים אוועק.

— פארוואס האסטו עס אוועקגעווארפן, מיין אינגעלע?

— עס זינגט ניט, ווי דאס פייגעלע...

13.

נעמט אים די מאמע פאר א האנט:

— קום, מיין אינגעלע!

שטייט ער מיט דער מאמען פאר א יונג מיידל.

קוקט ליבלעך דאס מיידל אויף אים, לאשטשעט אים, פרעגט אים:

— ווילסטו שפילן אויף דעם?

און מיטאמאל האט ער זיך אויפגעצאפלט: עס לויפן, לויפן פינגער איבער ווייסע שווארצע ביינדלעך און קלאנגען־קלאנגען קומען

ארויס. שענער פון דעם לעפעלע, שענער פון גומעלאסט, פונם צימבל, פונם פייפעלע, אבער וואו איז דאס זינגען פון דעם פייגעלע?

— ווילסטו אויף דעם שפילן?

קוקט די בענקשאפט פון די אויגן.

— נעם פרוביר אליין, אט אזוי...

רירט זיך צו א דין פינגערל צו א ווייסן, קילןביינדל, דוכט זיך אים, א שוואלב האט צארט א צוויטשער געטאן, פרובירט ער נאך אמאל, הערט זיך צו...

— אינגעלע, מיינער, ווילסט אויף דעם שפילן?

— איך ווייס ניט, מא.

נעמט אים די מאמע פאר א האנט.

— קום, אינגעלע מיינער!

קוקט אויף אים א יונגערמאן, פרעגט אים:

— ווילסטו אויף דעם שפילן, הערסט ווי עס שפילט?

קוקט ער ווי עס לויפט א בויגן איבער סטרונעס, צאפלט ער אין גאנצן, שא...

שענער פונם צימבעלע, פונם פייפל, פון די פריערדיקע קלאנגען.

שא, דוכט זיך, דאס פייגעלע האט טויב א טריל געטאן און אפגעהאקט.

ציט ער זיך מיטן הענטל...

גיט אים דער יונגערמאן די פידל.

— נו, טו א פיק מיטן פינגערל.

פיקט ער, פיקט מיטן פינגערל: ניט ווי דער פויגל, — ווי דער גומעלאסט.

קוקט די בענקשאפט פון די אויגן.

— ווילסט אויף דעם שפילן, אינגעלע מיין?

— איך ווייס ניט, מא...

קוקט זיך די מאמע טרויעריק איבער מיטן יונגנמאן און נעמט אים פארן הענטל.

.14

קלאַנגלאָז פאַרגייען טעג און יאָרן. קלאַנגלאָז פאַרגייט אָבער ניט דער זומער, דער ווינטער; דער פרילינג, דער האַרבסט.

פאַרכאַפּן אים די אומרואיקע קלאַנגען פון פרילינג, די פאַר־טראַכטע פון זומער, די שטורמישע פון האַרבסט, די בייזע פון ווינטער.

ווערט פון אַ אינגעלע אַ אינגל.

גייט אַרום אַ אינגל אין דער גרויסער שטאָט מיט אַן אָנגעשטעלט אויער, מיט פאַר׳חלומ׳טע אויגן.

און די שטאָט איז פול מיט ליאַרעם, פול מיט רויש, פול מיט צעריסענע קולות.

קאַרטשעט ער זיך אינעווייניק, קאַרטשעט זיך, רוט אַ ווייטיק אויף זיין פנים.

און באַלד קומען קלאַנגען אַנדערע, פון דער נאָענט, פון ווייט, דרייען זיך ווי קאָלירטע זומער־פייגעלעך פאַר די אויגן, שפּילן, שוועבן אַרום אים, רוט אַ שמייכל אויף זיין פנים, רוט אַ שמייכל אויף זיין פנים.

.15

זאָגט צו אים די מאַמע:

— דו ווייסט, מיין אינגל, פון דער ווייט איז דאָ דער גרעסטער פידלער געקומען, מיר גייען אים הערן, ווילסט דאָך אים הערן?

קוקט די בענקשאַפט פון די אויגן...

מישט זיך העל ליכט מיט מענטשן־געטומל. זיצט אין מיטן רעש אַ קליין אינגל, קוקט די בענקשאַפט פון די אויגן, הערט זיך צו מיט אָנגעשטרענגטע אויערן.

און מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרן. שטייט אַ וויים־גרויער מאַן אויפן עסטראַדע מיט אַ קאָפּ פון אַ לייב. די לאַנגע ווייסע האָר פאַלן אויף אַהינטער. שטייט מיט אַ זייט, קוקט ניט אויפן עולם. מיט אַמאָל אַ הייב און אַ פיר מיטן האַנט.

זיצט אינמיטן דער שטילקייט אַ קליין אינגל.

פלוצלונג האָט אים אימיצער אָנגערירט, טיף אָנגערירט; עס האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן סאַמע הוילן נאַקעטן הארצן, צאַרט אַ גלעט געטאָן. שפּילט דאָרט דער אַלטער? ניין אימיצער זינגט. און דאָס געזאַנג פליט אום די וועלט. פון וואַנען קומט דאָס געזאַנג? פון די ווענט, פון באַלויכטענעם געוועלב, פון דער הויך, פון דער נידער.

גיסט זיך דאָס געזאַנג. מחנות־ווייז קומען אָן קאָלירטע זומער־פייגעלעך, שפּילן, דרייען זיך אים פאַר די אויגן, שורשען ווי זייד, שורשען אים צאַרט אין די אויערן.

ווער גלעט אים אַזוי צאַרט טיף איבערן סאַמען נאַקעטן הארצן? פּיקט דאָרט אַזוי ציטעריק אויף די סטרונעס? ער וועט צומאַכן די אויגן...

און אין מיטן אַ ריס:

בראַוואָ, סאַראַסאַטע!

בראַוואָ, בראַוואָ!

בראַאַוואָ!

און ווידער אַ צאַפּל:

שאַ, דער פויגל טרילט, זינגט, און אימיצער גלעט אים טיף איבערן סאַמען הארצן. עס פאַרכאַפּט אים דער אָטעם: ווער זינגט עס אַזוי? פאַרגייט זיך אין בענקשאַפט?...

שטרענגען זיך די אויערן ביז ווייטיק אָן, עפענען זיך די אויגן ביז דער לעצטער ברייט, צעעפנט זיך דאָס מויל, דורשט: נאָך, נאָך:

און דאָס געזאַנג גיסט זיך, שוועבט: קומט פון דער הויך, פון דער נידער. גלעט אים צערטלעך דאָס הארץ, פּיקט דאָרט ציטעריק אויף סטרונעס...

ער וועט בעסער צומאַכן די אויגן און ווי דורכן חלום הערט ער:

בראַוואָ, סאַראַסאַטע! סאַראַסאַטע! סאַראַסאַטע! בראַ־וואָ!

און ער פילט דער מאַמעס האַנט, און דער מאַמעס ציטעריק קול:

— וואָס איז דיר, מיין אינגל?

און דאָס געזאַנג גיסט זיך, פליט אום די וועלט. צינדן זיך ליכטער בײַ אים אין מוח, עפּעס האָט זיך צעגאָסן, צעטרעלט. בײַ

אים איבערן קאָפּ גיסט זיך דאָס געזאַנג, גיסט זיך אים אין האַלדז, פון האַלדז אין האַרצן. שאַ, ביימער רוישן, פייגל רופן זיך איבער... געהערט האָט ער עס, געהערט... אַ פויגל רופט, רופט צו אים. אימי־צער רופט אים טיפער, טיפער אין וואַלד... ער וועט פעסטער צומאַכן די אויגן. עפּעס קוילערט זיך איבערן פּנים? אימיצער רופט אים, רופט אים טיפער אין וואַלד. ער גייט... ער גייט...

און שוואַך וועקן אים קולות ווי אין חלום: סאַ־ראַ־סאַ־טע!

און ווי אין חלום — דער דרוק פון דער מאַמעס ציטערדיקער האַנט; דער מאַמעס צעשראָקן קול:

— וואָס ווילסטו, מיין אינגל?

עפּעס שפּרייט זיך אַ וואַלד פאַר זיינע אויגן. וואַלד, טייך; טייך, וואַלד, קלינגען פאַרנאַכטיקע גלאָקן, פייגל רופן זיך איבער. שאַ, איינע זינגט, פאַרגייט זיך אין בענקענדיקן געזאַנג. ענטפערט אָפּ דער וואַלד. אימיצער קרימט איר דאָרט איבער מיט אַ בייזן טייוועלשן, פייפיקן געלעכטער...

ניין, די זון שטראַלט. איבער אים זינגט אַ וואונדער־פויגל. שטיל איז געוואָרן אַרום. אויפגעהערט האָבן די פייגל זיך איבערצורופן, ס'הערן זיך די ביימער צו, און דער פויגל זינגט, פאַרגייט זיך אין אַ דין פייפנדיק געזאַנג, ס'גיסט זיך אים אין האַלדז, פון האַלדז אין האַרצן...

ער צעעפנט דאָס מויל ווי ס'וואָלט אים דער אָטעם פאַרכאַפּט, און דאָס געזאַנג גיסט זיך, גיסט זיך, פאַרפלייצט אים אין גאַנצן...

ס אַ ר אַ ס אַ ט ע — בראַוואָ!

ב־ראַ־וואָ!

סאַ־ראַ־סאַ־טע!

שטייט די מאַמע אַ צעשטראַלטע פאַרן זעלבן יונגנמאַן. רעדט:

— מיין אינגל וועט געזונט ווערן, וועל איך אים ברענגען צו אייך, ער רייסט זיך איצט שפּילן, כאָטש ער איז נאָך קראַנק. איר גלויבט ניט, אָבער איר האָט ניט געוואוינט אין וואַלד. איר ווייסט ניט, ער האָט דאָך געקראַגן געלייטערטע אויגן. דאָס האָט אין סאַראַ־סאַטעס פידל דער זינג־פויגל זיין געזאַנג דערזונגען.

דער טעמפּל פון רחמנות

(אַ יאַפּאַנישע פאָלק-מעשה.)

היינט שטייט אויף דעם אָרט דער טעמפּל צו דער געטין קוואַנאָן — דער געטין פון רחמנות. אָבער מיט הונדערטער און הונדערטער יאָרן צוריק איז אויף דעם זעלביקן אָרט געוואַקסן אַ ווערבע. ווי געוויינטלעך, איז די ווערבע געוואַקסן אויפן ברעג פון אַ טייכל.

באַם טייכל איז געלעגן אַ דערפל. אַרום און אַרום איז דער באָדן געווען אַ פעלזיקער און אַ וואולקאַנישער. די ווערבע איז געווען דער איינציקער בוים אין דער געגנט. אָבער פון אויסערגעוויינטלעכער גרויס. און די ווערבע האָט אַ סך גוטס געטאָן פויגל און מענטשן: פויגל האָבן געבויט און געפלאָכטן זייערע נעסטן אין דער גרינער געדיכטעניש און מענטשן פלעגן אונטער די קילע צווייגן געפינען שאָטן און שוץ פון דער הייסער, צעגליטער, זומערדיקער זון. דורכגייער פלעגן זיך אָפּרוען צופוסענס פון בוים און אפילו איבערנעכטיקן און ניט מורא האָבן, אַז עס וועט זיי פאַרנעצן אַ רעגן.

אָבער באַזונדערס האָבן די קינדער פון דאָרף ליב געהאַט די ווערבע. אונטערן בוים איז געווען זייער שפּיל-פּלאַץ. דאָרטן פלעגן כמעט שטענדיק זיין קינדער, זיך שפּילן אַרום דער ווערבע, זיך דרייען אין קאַראַבאָדן אַרום איר, זיך הוידען אויף די שטאַרקע נידעריק-אַראָפּהענגענדיקע צווייגן, קלעטערן אויף זיי און זיך אויסבאַהאַלטן אין זיי, ווי די פויגל.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז דאָס אַלטע בריקל איבערן טייכל האָט זיך צעבראָכן און מען האָט באַדאַרפט בויען אַ נייעם. דאָס דערפל איז געווען אַן אָרעמס, האָט מען באַשלאָסן אונטערצוהאַקן די ווערבע און פון דעם געהילץ בויען דאָס נייע בריקל.

אין דארף, ניט ווייט פון דער ווערבע, האָט געוואוינט אַ יונגער פּאַרמער מיטן נאָמען הייטאַראַ. ער איז געווען זייער אַ שיינער, אַ געזונטער און פון אַ גרויסער משפחה. אָבער אין אַן ערד ציטערניש איז זיין גאַנצע משפחה אומגעקומען, נאָר ער אַליין איז ווי דורך אַ נס געבליבן לעבן. ער איז שוין אָבער ניט געווען דער געזונטער און דער שיינער וואָס פריער. ער איז אין גאַנצן צעקריפּלט געוואָרן, און ער האָט אָנגעהויבן לעבן איינזאַם און אָפּגעזונדערט אויף זיין פאַרם, וואָס איז אים געבליבן אַ ירושה. ער האָט זיך אַזוי ווי געשעמט ווייזן פאַר מענטשן.

ווען אַ באַאַמטער פון דאָרף איז געקומען צוזאַמען מיט די העקער אונטערצוהאַקן די ווערבע, האָבן זיי פּלוצלונג געטראָפן דעם צע־קריפּלטן פּאַרמער שטיין מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, ווי ער וואָלט געוואָלט באַשיצן דעם בוים. ער האָט אָנגעהויבן בעטן, אַז מען זאָל די ווערבע ניט רירן:

— „צי דען האָבן מיר זיך דאָ אַלע ניט געשפּילט אונטערן בוים קינדווייז?" האָט ער געפרעגט און געבעטן. „וואָס וועלן טאָן די קינדער? וואָס וועלן טאָן די פויגל? וואָס וועט טאָן דער מידער וואַנדערער, אַז איר וועט אויסהאַקן דעם בוים? און זעט, האָט ער אויסגערופן, אַפילו די גרויסע ערדציטערניש האָט דער ווערבע ניט געשאַדט. לאָזט איר, מענטשן, זי אויך צורו!"

הייטאַראַ האָט גערעדט מיט האַרץ, זענען די העקער און דער באַאַמטער געבליבן שטיין אומאַנטשלאָסן.

„ אָבער וואו וועט מען נעמען געהילץ פאַרן בריקל?" האָט געפרעגט דער באַאַמטער.

„איך וועל אייך צושטעלן", האָט הייטאַראַ געענטפערט. „איך וועל צענעמען דעם צאָם אַרום מיין הויז און אָפּגעבן פאַרן בריקל".

הייטאַראַ האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט צענומען דעם צאָם אַרום זיין הויז. אָבער דאָס געהילץ איז געווען ווייניק, איז ער אַרומ־געגאַנגען מיילן־ווייט און אַלץ געקליבן האָלץ פאַרן בריקל. אים, דעם צעקריפּלטן, איז דאָס ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג. ווען ער האָט זיך

אומגעקערט צו זיך אויפן פּאַרם. איז ער געלעגן קראַנק און ניט געקענט אַרויסגיין צו דער אַרבעט אין פעלד.

ווען עס איז אים בעסער געוואָרן און ער האָט זיך געלאָזן גיין אין פעלד, איז אים אויסגעקומען ווי שטענדיק פאַרבייגיין די ווערבע, האָט ער פּלוצלונג דערזען, ווי לעבן דער ווערבע שטייט אַ יונג שיין מיידל. ער האָט אויפגעכאַפּט איר בליק און ניט ווילנדיק זיך פאַרנייגט פאַר איר. זי האָט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג מיט אַ שמייכל און אָנגעהויבן פריינטלעך ריידן צו אים.

זי האָט גערעדט צו אים וועגן דער ווערבע, באַוואונדערט איר שיינקייט און געפרעגט הייטאַראָ צו ער האָט ליב די ווערבע.

הייטאַראָ האָט געשמייכלט, האָט געזען, אַז דאָס מיידל איז אַ פרעמדע, האָט ער געענטפערט אַז ער האָט ליב די ווערבע, האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק אין פעלד.

אין פעלד האָט ער כמעט ניט געקענט אַרבעטן. דאָס מיידל איז אים ניט אַרויס פון געדאַנק. ווער איז זי? האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן. אין דאָרף קען ער אַלעמען. פון וואַנען קומט זי? צו וועמען איז זי געקומען?

באַנאַכט איז דער שלאָף אַוועק פון זיינע אויגן און ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם מיידל. ער האָט קוים דערלעבט עס זאָל ווערן טאָג און ער זאָל קענען צוריק אַרויס אין פעלד. ער וועט זיך אַריינ־טאָן אין דער אַרבעט, האָט ער געטראַכט, וועט ער פאַרגעסן אָן דעם מיידל.

אָבער דער טאָג איז געווען ווי די פריערדיקע נאַכט. דאָס מיידל איז אים אַלץ ניט אַרויס פון זינען.

הייטאַראָ האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין דעם מיידל מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער טראַכטן וועגן איר, האָט ער גע־וואוסט, טאָר ער ניט. ער, דער צעקריפּלטער און מיאוסער, טאָר זיך ניט פאַרליבן. אַ מידער און צעבראָכענער איז ער געגאַנגען פון פעלד און זיך אַלץ באַמיט פאַרטרייבן איר פון זיינע געדאַנקען:

וואָרים וואָס האָט ער צו קלערן ? סיי ווי וועט ער זי מער ניט זען, זי איז דאָך אַ פרעמדע, זי האָט שוין געמוזט אוועק.

אָבער ווען ער איז ווידער פאַרבייגעגאַנגען די ווערבע, האָט ער ווידער דערזען דאָס מיידל, ווי זי שטייט לעבן בוים, קוקט אויף אים און שמייכלט צו אים.

הייטאַראָ האָט זיך נאָך טיפער פאַרנייגט פאַר איר, זי איז אים אַנטקעגן געגאַנגען און געזאָגט, אַז ער זעט אויס צו זיין זייער מיד, זאָל ער זיך צוזעצן זיך אָפּרוען אונטערן בוים.

הייטאַראָ האָט זיך דערפילט גליקלעך און איר געפרעגט פון וואַנען זי קומט. אָבער זי האָט אים אויף דער פראַגע ניט געענט־פערט, האָט ער מער ניט געוואָגט איר צו פרעגן. ער איז געווען גליקלעך, וואָס זי זיצט מיט אים און פאַרברענגט.

אַזוי פלעגט ער זי איצט טרעפן אַלע טאָג. ווען ער פלעגט זיך אומקערן פון פעלד. מיט יעדן טאָג איז זי געוואָרן צו אים אַלץ פריינטלעכער און פריינטלעכער. איינמאָל האָט הייטאַראָ זיך אַזוי פאַרפלאָנטערט אין זיינע רייד, אַז ער האָט אַרויסגערעדט, וואָס בא אים אויפן האַרצן איז, אַז ער האָט זי ליב אָבער ער ווייס, אַז עס קען ניט זיין, זי זאָל ווערן זיין פרוי.

דאָס פרעמדע מיידל האָט זיך זייער שטאַרק דערפרייט און אים געזאָגט אַז זי האָט אים אויך ליב מיטן גאַנצן האַרצן. זי האָט נאָר געוואָרט, ער זאָל זי בעטן חתונה האָבן מיט אים. נאָר איין תנאי נעמט זי אויס מיט אים: ער זאָל איר קיינמאָל ניט פרעגן ווער זי איז און פון וואַנען זי שטאַמט, ווייל זי איז אַן עלנטע, האָט ניט קיין עלטערן, קיין פריינט און קיין אייגענע און זי וויל וועגן דעם ניט ריידן.

הייטאַראָ האָט אַ גליקלעכער צוגעשטימט. ער האָט נאָר געפרעגט מיט אַ שמייכל:

— מעג איך וויסן דיין נאָמען ?

— מיין נאָמען איז היגאַ — האָט זי געזאָגט, — מען רופט מיך „היגאַ" (ווערבע).

הייטאַראָ האָט זיך אין אַנחויב געוואונדערט אויף דעם מאָדנעם

צופאל מיטן נאמען, אבער אזוי ווי א סך מיידלעך רופן זיך מיט די נעמען פון בלומען, מעג זיך היגא רופן מיטן נאמען פון א בוים און עס האט אים נאך מער געפריים, וואס זי רופט זיך מיטן נאמען פון זיין באליבטן בוים.

הייטארא האט אין גיכן חתונה געהאט מיט היגאן. הייטארא איז געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין יאפאן. אבער ווער האט דען געהערט, אז דאס גליק פון א מענטשן זאל געדויערן אייביק?

און עס האט פאסירט, אז דער געוועזענער קייסער טאבא, וואס האט זיך מיטן אייגענעם ווילן אפגעזאגט פון טראן און גע'שמ'ט פאר דעם קליגסטן אין לאנד, האט באשלאסן צו בויען אין קיאטא א גרויסן טעמפל צו דער געטין קוואנאן — דער געטין פון רחמנות.

ווען דעם געוועזענעם קייסער'ס פארלאנג איז באקאנט געווארן אין לאנד, האט מען אומעטום גענומען זאמלען געהילץ פאר דעם צוקונפטיקן גרויסן טעמפל. דאן האט מען אין הייטאראס דארף בא־שלאסן, אז דאס געהילץ פון דער ווערבע זאל באנוצט ווערן פארן דאך פון דעם טעמפל.

הייטארא האט ווידער געפרואווט אפראטעווען די ווערבע. ער האט פארגעשלאגן אפצוגעבן דאס גאנצע געהילץ, וואס געפינט זיך אויף זיין פארם. ער איז גרייט געווען צו צענעמען אפילו זיינע געביידעס אויף געהילץ. זיין הויז וועט ער צענעמען, אויב מען וועט באדארפן.

דאס מאל האט אבער קיין זאך ניט געהאלפן. די דארפס-איינ־וואוינער האבן געפאדערט מען זאל די ווערבע אויסהאקן. זיי האבן געוואלט, אז זייער ווערבע זאל ווערן איינגעבויט אין דעם הייליקן טעמפל פון רחמנות. עס וועט זיין פאר זיי מזלדיק און עס וועט זיין א שיינער געשאנק פארן טעמפל.

די איינציקע זאך וואס די באאמטע פון דארף האבן יע באשלאסן צו טאן, איז אויסצוהאקן די ווערבע ביינאכט, כדי ניט ווייט צו טאן די קינדער פון דארף, זיי זאלן ניט זען, ווי מען האקט אויס זייער באליבטן בוים.

ווען ,׳ טרויעריקע מינוט איז געקומען, איז הייטאַראָ טיף געשלאָפן. פּלוצלונג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט דערהערט, ווי דורכן שלאָף, קלעפּ פון העק און עפּעס אַ געוויין.

הייטאַראָ האָט זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און דערזען, אַז זיין פרוי היגאָ שטייט אין איר נאַכט-קימאָנע אין מיטן שטוב אַ בלייכע און אַ ציטערנדיקע. באַ יעדן האַק אין בוים, וואָס האָט אין דער נאַכט שטילקייט אָפּגעקלונגען, פלעגט זי אויפציטערן, ווי די העק וואָלטן איר אַליין געטראָפן. זי האָט געקוקט מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגן, פול מיט טרערן.

הייטאַראָ האָט פון שרעק קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען.

מיין טייערער, געליבטער פריינט, — האָט היגאָ אָנגעהויבן דורך געוויין, זיי ווייסן אַז איך, היגאָ, בין די נשמה פון דער ווערבע וואָס דו האָסט איינמאָל געראַטעוועט פון די העקער. פאַר דיין רחמנות האָבן אויפן בוים, האָב איך זיך געוויזן צו דיר אין אַ מענטשלעכן געשטאַלט, אָפּצודאַנקען דיך פאַר דיין גוט האַרץ. איצט האַקט מען אונטער די ווערבע, ניטאָ ווער עס זאָל העלפן, און איך מוז אומקומען צוזאַמען מיט איר.

איבערן שטוב האָט זיך צעטראָגן דער קראַך פון אַנידערפאַלנדיקן בוים. היגאָ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אַראָפּגעלאָזן זיך שטיל אויף דער ערד. הייטאַראָ איז צוגעלאָפן צו איר, אָבער ער האָט געפונען אויפן דיל בלויז אירע נאַכט-קליידער.

ווען דער געוועזענער קייסער טאָבאַ, דער קליגסטער מענטש אין יאַפּאַן האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געזאָגט זיינע נאָענטע, אַז אים פאַרדריסט וואָס ער האָט זיך גענומען בויען אַ טעמפּל צו קוואַנאָן — דער געטין פון רחמנות. בעסער וואָלט די ווערבע געוואַקסן. — און ער האָט געבעטן, אַז בויען זאָל מען דעם טעמפּל ניט אין קיאָטאָ, נאָר אויף דעם אָרט, וואו די ווערבע איז געשטאַנען.

און אַזוי איז אויף דעם אָרט פון דער ווערבע אויפגעשטעלט געוואָרן דער גרעסטער טעמפּל אין יאַפּאַן, דער טעמפּל פאַר דער געטין קוואַנאָן, דער געטין פון רחמנות, וואו ער שטייט נאָך ביז היינטיקן טאָג.

ווערטער פּאַרטייטש

א

אָוועראָלס — ספּעציעלע הויזן צו דער ארבעט.

איינגענאַזשעט — זיך צוגעוואוינען.

אָפּפּולען — אָפּשטויבן.

ב

באָב — ווען מיידלעך שערן זיך אָפּ די האָר ווי אינגלעך.

באָמפּער — בופער, בא אַן אויטאָמאָביל.

באָס — אָמניבוס.

בילדינג — געביידע.

ברעיקס — מיט וואָס מען האַמעוועט אַן אויטאָמאָביל.

ג

גאַלקעס — אַ פויגל, פון טיפּ קראָען.

גענג — א „חברה".

ד

דזשעניטאָרין — הויזוועכטערין.

דאַים — אַ צען סענט שטיק.

דראַי־גודס — אַ גאַלאַנטערעי געשעפט.

ו

וויגאָן — אַ פּאַשע־פעלד פּאַר בהמות.

ז

זשידזשי — אידן.

ט

טיפּלע — קלויסטער, קירכע.

טו־בי — צווייטער קלאַס, אָפּטיילונג „ב".

טריפּס — רייזעס.

טרעין — באַן.

טשעסט — סאַלוטירן.

י

יאַסטרעב — רויבפויגל.

ל

לאָפט בילדינג — א געביידע פאַר פאַבריקן און סקלאַרן.

לאָנדרי — וואַשהויז.

מ

מאָהילניק — בית עולם.

מאַכנאַטער — האַריקער.

מיעשטשאַנעס — שטאָטישע בירגער.

נ

ניקל — א פינף סענט שטיק.

ס

סוויטש — קאָנטאַקט (טעלעפאָן אָדער עלעקטריש).

סמירנאָ — גלייך, רואיק.

סיט — זיץ, פּלאַץ.

סינק — אָפּלויף פאַר וואַסער.

סקאָרעי — שנעל.

סקעיטס — רעדלעך.

סקראָבען — אָפּקראַצן, שאָבן.

ע

„על" (עלעווייטעד) — הויכבאַן.

פ

„פאָר גאָדס סעיק" — אום גאָטס ווילן.

פאַני — קאַמיש.

פרינדזש — ראַנד פון געזימס.

פושערס — קעסטלעך אויף רעדלעך.

ק

קאַסטימער — קויפער, קונה.

קיזשאַק — א יונג פערדל.

קראָוד — אַן עולם.

קרייקעס — פּאַסן געוואַנט.

קאָמאָרעס — מאָסקיטאָס.

ר

ראַיד — פאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל.

ראַקער — הינטשלעגער.